STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02069

YOSEPUS FLAVIUS FUN YERUSHOLAYIM

Yehiel Yeshaia Trunk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים

און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע

Printed in Poland

I. I. TRUNK—JOSEPHUS FLAVIUS
i inne historyczne nowele

קאָרעקטור — מ. פּאָרלערער

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Spółdz Wydawn. „Kultur-Liga"
Warszawa 1930

Druk. „Di Welt", Warszawa, Nowolipie 7.

דער פעלדהער יאָסעפוס
פלאַוויוס פון ירושלים

ערשט בילד

יאָסעפוס פלאַוויוס דער זון פון מתתיהו, פון די געבירטיקע אין ירושלים, געוועזענער יידישער פעלדהער, כּוהן און שריפט-שטעלער, און פון קעניגלעכן חשמונאישן געשלעכט, וווינט זינט דעם לעצטן יידישן קריג אין רוים. הגם ער האָט איצטער דאָס רוימישע בירגער-רעכט, טראָגט די טאָגאַ און איז אַן אינטימער פריינט פון קייזער טיטוס, לאָזט ער זיך פונדעסטוועגן ווינציק זען אין דער עפנטלעכקייט. ערשטנס וויל ער דערמיט באַווייזן זיין טיפן טרויער איבער דעם הורבן פון זיין פאָטער-שטאָט ירושלים, און איבער דעם חורבן פון יידישן בית-המקדש. צווייטנס האָט ער בדעה, לויט דעם ביישפּיל פון פאַרשידענע גרויסע פעלד-הערן, וואָס זענען געווען סטאָיִקער, גלייך ווי זיי צו באַטראַכטן אַלע קריגס-טאַטן ווי בכלל די מעשים פאַרן עפנטלעכן וווילן, ווי זאַכן, וואָס האָבן נישט צו טון מיט דער אייביקייט און מיט דעם שלמות פון דער מענטשלעכער נשמה. (ווי ס'איז באַקאַנט, האָבן יענע סטאָיִשע פעלדהערן, פון וועלכע דער חשובער יאָסעפוס וויל נעמען אַ ביישפּיל, זייערע שפּעטערע יאָרן, די יאָרן פון רייפערן ישוב-הדעת, געווידמעט דער חכמה פון די גריכישע פילאָזאָפן אָדער זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור און דיכט-קונסט).

אויך דער איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס האַלט זיך פון דערווייטן פון אַלע עפנטלעכע אויפטריטן און הויף-ימים-טובים. נישט זיין חשיבות אין די קייזערלעכע קרייזן, ווו מען האָט געוווּסט צו שעצן זיינע גרויסע קענטענישן אין די גריכישע און לאַטייניִשע וויסנשאַפטן און אים אויך געהאַלטן פאַר אַ באַדייטנ-דיקן סטראַטעג, קלוגן בעל-יועץ, איבערהויפּט פאַר אַ מענטש, וואָס

איז באַגאַבט מיט דער געטלעכער מתנה פון אַ זעער; יאָסעפוסעס חלומות פלעגן אָפטמאָל אויסטייטשן דאָס, וואָס עס טראַכט די השגחה איבער דער צוקונפט פון אַ מענטש; נישט די פריינט־שאַפט פון קייזער און אַלע חשיבותן און לאָקונגען פון כבוד, וואָס וואָלטן אַ יעדן אַנדערן הויף־מענטש פול געמאַכט מיט גאווה און שטאָלץ און ער וואָלט דעריבער פאַרגעסן, אַז אומשטערבלעך איז נאָר די נשמה, און דאָס, מיט וואָס עס שטאָלצירט דער גוף איז אייטל און פאַרגענגלעך — דאָס אַלץ האָט נישט באַוויגן יאָסעפוסן אָנטייל צו נעמען אין דער עפנטלעכקייט. ער וויל בעסער גלייך זיין צו די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער תכלית פון אַ מענטש ליגט אין דער חכמה און אין דער פאַרנונפט. דע־ריבער וויל ער די יאָרן, וואָס ער האָט נאָך איבערצולעבן דעם חורבן פון יידישן לאַנד, ווידמען דעם שטודיום פון דער פילאָזאָפיע און אַנדערע געטלעכע וויסנשאַפטן, איבערהויפט דער שריפטשטעלעריי. וואָרים יאָסעפוס פלאַוויוס קאָן שרייבן אין איידעלן גריכישן סטיל און מיט גריכישער רעטאָריק און ער וויל באַווייזן פאַר די געבילדעטע גריכן און רוימער ווי טיף די יידן דענקען וועגן גאָט און זיין וועזן און אויך ווי פיל מאָראַל און דערהויבענער לעבנס־שטייגער עס שטעקט אין די געזעצן פון דער יידישער תורה און אין די מצוות, וואָס די יידן מוזן היטן. דאָס אַלצדינג וואָלט פאַר די היידן אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע וויזהייטן פון די הייליקע יידישע ספרים, און אויך צום לויב פון גאָט דעם אַלמעכטיקן.

איבער די אַלע סיבות זעט מען יאָסעפוסן זייער ווייניק אויף די רוימישע גאַסן, אין די בעדער אָדער אויף אַנדערע עפנטלעכע ערטער. ער באַמיט זיך מער צו פאַרברענגען אין שטילער איינזאַמקייט און אַליין מיט זיינע געדאַנקען, אין דער פּרעכטיקער ווילאַ זיינער, וואָס איז געבויט אויס ווייסן מאַרמאָר און וואָס ער האָט זי באַקומען אַ געשאַנק פון פאַרשטאָרבענעם קייזער אַספּסיַנוס, אַלס באַוויז פון צוגענייגטקייט. וואָרים דער גרויסער קייזער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט, ווען יאָסעפוס פלאַוויוס, אַ הונגעריקער, געפאַנגענער יידישער

מורד, איז געשטאַנען פאַר אים אין זיין געצעלט הינטער יודפת וואָס אין גליל, אָנגעטון אין שווערע קייטן און אין אָנגעזיכט פון אַלע רוימישע אָפיצירן און קריגס-לייט אים (אַספּסיַנוס) דערציילט דאָס, וואָס די גאָטהייט האָט אים (יאָסעפוס) מודיע געווען אין חלום, נעמלעך: אַז נעראָ וועט שטאַרבן מיט נישט קיין נאַטירלעכן טויט און אויף דעם פעלדהער אַספּסיַנוס וואַרט דער טראָן און די וועלט-הערשאַפט פון די רוימישע קיסרים. גלייך ווי זיין זון, דער איצטיקער קייזער, דער געטלעכער טיטוס, האָט דער גרויסער אַספּסיַנוס נישט געקוקט אויף די מסירות און רכילותן פון די פילע שונאים יאָסעפוסעס, וואָס האָבן אונטער אים געגראָבן און אים געוואָלט פאַרשוואַרצן ביים קייזער. אַספּסיַנוס איז געווען צוגעבייגט צו יאָסעפוסן מיט אמתער פריינטשאַפט און האָט אים געשאָנקען זיין אייגענע ווילאַ.

אין דערדאָזיקער קייזערלעכער ווילאַ וווינט אויך איצט יאָסעפוס, דער געוועזענער יידישער פעלדהער, דער כּוהן און דער שריפטשטעלער. זי ליגט אין אַ זייער אָפגעלעגענער גאַס אין רוים, צווישן אַ גאָרטן פון פיניען און ציפריסן. די שלאַנקע און שוואַרצע ציפּריסן, די ביימער, וואָס זענען איינגעהילט אין זייער שוואַרצקייט ווי אין טרויער-טיכער, האָט יאָסעפוס באַזונדער ליב. זיי דערמאָנען אים די ביימער אויפן הר-הזיתים און אָן דער שטאָט ירושלים. דערמיט האָט דער פעלדהער תּמיד פאַר די אויגן דעם טרויער אויף זיין פאָטער-שטאָט און ער קאָן לעבן ווי אַ שטילער יידישער אבל אין דער קייזערלעכער ווילאַ. וואָרים איצטער, ווען עס איז שוין מער נישטאָ קיין האָפנונג צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און צוריק אויפצובויען דאָס בית-המקדש, איז עס צייט מיט אַנדערע טאַטן זיך צו קויפן דעם רום ביי דער נאָכוועלט, נעמלעך: מיט דער שריפטשטעלעריי. יאָסעפוס פלאַוויוס ווייסט, אַז נישט בלויז מיט דער שווערד קאָן מען זיך אויסקעמפן רומפול געדעכעניש ביי דער נאָכוועלט. דער זכּרון, וואָס אַ שטערבלעכער איז ביכולת נאָך זיך איבערצולאָזן אין די דערהויבענע חכמות פון דיכטונג, פילאָזאָפיע און מאָראַל איז פיל דויערהאַפטיקער און בכּבודער ווי דער אָנדענק פון

דידאָזיקע, וואָס ווילן פֿאַראייביקן זייער נאָמען אויפֿן שלאַכט־פֿעלד.

דעריבער זעט מען טאַקע יאָסעפֿוסן זייער זעלטן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מענטשן. ער גרייט זיך אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט צו די ווערק, וועלכע ער האַלט פֿאַר זיין לעבנס־אויפֿגאַבע און צוליב וועלכע די גאָטהייט האָט אים געגעבן דעם טאַלאַנט צו קאָנען אויסדריקן זיינע געדאַנקען אויפֿן פּאַרמעט מיט די שיינקייטן פֿון גריכישן סטיל, נעמלעך: די ווערק וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן דעם לעבנס־וועג פֿון די יידישע געזעצן און מצוות, וואָס איז דער וועג צו העכסטער קלוגשאַפֿט און אָפּגעהיטנקייט.

כּדי צו זאַמלען זיינע געדאַנקען און צו זיין קלאָר און רויק אין זיין גייסט (וואָרים נאָר אינם קלאָרן גייסט וווינט די אמתע חכמה) פֿאַרברענגט יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס גאַנצענע טעג אין זיין ביבליאָטעק, וואָס איז פֿול געוווען מיט יידישע און היידענישע ביכער, אָדער ער גייט־אַרום פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען אונטער די שאָטנס פֿון זיינע ציפּריסן, אָדער ער וואַנדלט אין דעם זיילן־גאַנג פֿון זיין ווילאַ. טיילמאָל פֿלעגט ער גאָר אָפּזיצן שעהן־לאַנג אויף דעם מאַרמאָרנעם ראַנד פֿון דעם שפּרונג־ברונעם, וואָס אין אַטריום און ער איז נישט מיד געוואָרן פֿון צוקוקן אויפֿן שטילן אומאויפֿהערלעכן פֿליסן פֿון וואַסער. ער זיצט נישט ביים ברונעם, כּדי זיך צו קילן, נאָר אין פֿליסן פֿון וואַסער באַטראַכט דער חשובער יאָסעפֿוס דאָס פֿליסן פֿון דער וועלט און דאָס אומבאַשטענדיקייט פֿון די דערשיינונגען. וואָרים פֿאַר די, וואָס לעבן מיט דער פֿאַרנונפֿט, איז אַ יעדע דערשיינונג אין דער־דאָזיקער אומבאַשטענדיקער פֿאַרגענגלעכער וועלט נאָר אַ משל און אַ ביישפּיל פֿאַר אַ טיפֿער געטלעכער מאָראַל.

נאָר דאָס שיקזאַל, וואָס לאָקערט ווי אַ באַהאַלטענער דעמאָן אויף אַ יעדן מענטשלעכן לעבן, באַדראָט עס נאָך מער יענע מענטשן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אינערלעכע דער־הויבנקייטן און ווילן ווידמענען זייערע טעג און צייט די פּלענער פֿון גרויסע טאַטן, גרויסע געדאַנקען און צום אייביקן

ווייל פון דער נשמה. וואָס עס מיינט אינדעראמתן די גאָטהייט מיט די חכמים און פילאָזאָפן איז פאַר אונז ווונדערלעך און פאַרהוילן. די, וואָס טראַכטן צום טיפסטן וועגן איר וועזן, זיי מאַכט די גאָטהייט צום שווערסטן דאָס לעבן, זי שטעלט זיי אויף כלערליי נסיונות און לייגט־אויס דעם לעבנס־וועג פון דעם חכם מיט דערנער און שטיינער. אַזוי איז אויך דאָס לעבן פון דעם שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס, נישט קוקנדיק אויפן אויסערלעכן גלאַנץ, אין דער וואָרהייט געווען גענוג שווער. די טריט זיינע, וואָס מען האָט געקאָנט גלויבן, אַז זיי גייען אויף דעם זיכערסטן באָדן, זענען גראָד כסדר געגאַנגען איבער די געפערלעכסטע אָפגרונטן. ווער זעט דען דעם וואָרעם, וואָס הויזט אין דער שיינער פרי און עסט אין איר? יאָסעפוס איז רייך, האָט לאַנד־גיטער הינטער רוים און אין יהודה, איז חשוב אין די הויף־קרייזן, דער פריינט פון קייזער, און כאָטש ער האָט אין זיין אייגענער פערזאָן געקעמפט קעגן די רוימישע חיילות, פונדעסטוועגן האָט ער איצטער דאָס רוימישע בירגער־רעכט און טראָגט די טאָגאַ. דאָך איז דאָס האַרץ פון דעמדאָזיקן גליקלעכן שריפטשטעלער פול מיט כסדרדיקער אימה. (עס איז זעלטזאַם דער גורל פון אַ מענטש. אַנדערש איז דאָס, וואָס דוכט זיך אונז אויס, און אַנדערש איז דאָס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט). דער חשובער יאָסעפוס ציטערט טיילמאָל אויף פון זיינע דערהויבענע באַטראַכטונגען, ווען ער דערהערט אַ פרעמד קול הינטער אַ פאָרהאַנג, ער גלויבט תמיד הינטער זיך צו הערן די שטילע טריט פון דעם הענקער. נישט איין טאָג, וואָס שיינט־אַריין אין זיינע פרעכטיקע חדרים, גלויבט יאָסעפוס פלאַוויוס, אַז עס איז דער לעצטער טאָג, וואָס די השגחה האָט אים געשענקט. ביי אַזעלכע אָפטע זעעלישע מעמדים איז עס נישט קיין ווונדער, וואָס עס איז דעם שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס אַזוי שווער צו זאַמלען זיינע געדאַנקען און זיך צו באַהערשן אין דער קאַלטער רויקייט פון חכמה, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק, כדי צו שרייבן אַזעלכע וויכטיקע ווערק ווי וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן דער יידישער תורה. אין די פרישע קוואַלן פון דער ווייזהייט

דערשפירט טיילמאָל דער גרעסטער חכם דעם טעם פון ביטערקייט, און דער, וואָס שטייט אויף דער הויכקייט פון חשיבות, רייכקייט און כבוד, טרינקט נישט איין מאָל פון זיין שפע ווי פון אַ גאָלדענעם גיפט-בעכער.

די אומשטענדן, וואָס מאַכן פול דאָס האַרץ פון שריפט-שטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס מיט טיפער אומרויקייט און מיט אימה זענען פון צווייערליי כאַראַקטער. ערשטנס זיין מצב אַלס ייד אין רוים, אַלס יידישער רוימישער בירגער און דער יידישער פריינט פונם קייזער. וואָרים, הגם די היידענישע פעלקער האָבן זיך פון תמיד-אָן באַצויגן צו יידן מיט שנאה און פאַראַכטונג, האָבן נישט געוואָלט מודה זיין אין דער יידישער אויסדערוויילטקייט, אין די יידישע געזעצן און אין דעם יידישן לעבנס-שטייגער — זענען נאָך אַ גרויסער טייל פון די איצטיקע גריכן און רוימער, זאָגאַר אַ סך פון די באַקאַנטע שריפטשטעלער, באַזונדערס פאַרביטערט אויף יידן, אויף די יידישע מנהגים און אויף דעם יידישן דת. אָט-אָ די היידענישע שריפטשטעלער באַמיען זיך פאָרצושטעלן די יידן ווי אַ שעדלעך געשלעכט, וואָס מאַכט פול מיט זיך די ערד, זענען פיינט פון דער מענטשהייט, פיינט פון די געטער, פיינט פון דעם קייזער און פיינט פון דעם פאָטערלאַנד; אַז דער יידישער דת איז אַ באַרבאַרישער אַבער-גלויבן, אַז די יידן בוקן זיך אין זייער בית-מקדש צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל און פאַראַכטן אַ יעדן, וואָס געהערט נישט צו זייער שטאַם. אַלע דידאָזיקע בלבולים לייענט מען אין די אָנגע-זעענסטע הייזער אין רוים, מען רעדט וועגן זיי און אין די הויף-קרייזן באַקומען זיי ביי נישט איינעם אַן אָפּקלאַנג און אַ גלויבן. אַ סך חשובע און איינפלוסרייכע רוימער און זייערע גריכישע פריינט קוקן דעריבער מיט גרויס חשד אויף אַ יעדן יידן און האַלטן אים פאַר אַ בלוטדורשטיקן און כיטרען באַרבאַר, וועלכער וויל נאָר שאַדן אַלעמען, וואָס פאַרערן די געטער, אַ שמוציקע און קרעציקע בריאה, אַן אָפּשפּעטער פון אַלע שיינ-קייטן פון דער קונסט, אַן אומרויקער אויפהעצער פון המון אַקעגן די פּאַטריציער און די רייכע לייט. (איבערהויפּט איז

אַלעמען געווען באַקאַנט, אַז גראָד אַ סך גלילער יידן העצן־אונטער דעם פינסטערן רוימישן המון, און אַ מערקווערדיקע איסיי׳שע סעקטע העצט די שקלאַפן אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן יידישן משיח). און הגם אַלע האָבן געוווסט, אַז דער שריפט־שטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס האָט נישט קיין שייכות צו די אַלע פינסטערע עלעמענטן, וואָס גערן צווישן דער מאַסע פון די יידן אין רוים, אַז ער איז אַ געבילדעטער מאַן, שרייבט אויף גריכיש און איז אַן אויפריכטיקער פריינט פון די רוימער, פונדעסטוועגן איז דאָך יאָסעפוס פלאַוויוס קיינמאָל נישט זיכער געווען, וואָס עס וועט אים ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג. דאָס האַרץ פון די חשובע און שרים איז פאַרענדערלעך, דער חסד פון די קיסרים איז אומדויערהאַפטיק ווי דער טוי אויף די פעלדער. דער מענטש, וואָס הענגט־אָן זיין מזל אויפן גענאָד פון די מעכטיקע איז געגליכן צו די גלאַדיאַטאָרן אין צירקוס, זיי שטעלן תמיד זייער גליק אין קאָן און מוזן אומבאַהאָלפן צוקוקן ווי עס וועט שפּילן דאָס שיקזאַל. דערצו איז די שנאה צו יידן אין רוים געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַזוי אַז דער קייזער טיטוס אַליין, כּדי מען זאָל אים נישט חושד זיין אין באַהאַלטענע נייגונגען צום יידנטום, האָט ער זאָגאַר לזכרון זיין רומפולן נצחון איבער דער שטאָט ירושלים נישט געוואָלט אָננעמען דעם טיטול „אימפּעראַטאָר יודאַיקוס“. און דאָ איז עס פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אַז דער נאָענטער פריינט פונם קייזער, דער שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים פירט זיך אויף ביי זיך אינדער־היים אין דער קייזערלעכער ווילאַ ווי אַ שטרענג פרומער ייד, ער עסט נישט קיין חזיר־פליייש און היט דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך, און אַלע די סטאַטוען פון סאַטירן, געטער און נימפעס, מיט וועלכע דער קייזער אַספּסינוס האָט אויסגעצירט די ווילאַ (ווו עס וווינט איצטער דער חשובער יאָסעפוס) האָט ער, יאָסעפוס, געלאָזט פאַרהענגען מיט טיכער, כּדי מיט יענע געטער־בילדער נישט צו באַליידיקן זיין יידישע גאָטהייט, וואָס קאָן נישט אָנזען די שטאַנד־בילדער פון אַנדערע געטער. דאָס האָבן אויך אַלע געוווּסט: הגם יאָסעפוס פלאַוויוס באַווייזט

זיך אין דער עפנטלעכקייט אין דער טאָגאַ, כדי צו באַווייזן, אַז ער איז אַ פרייער רוימישער בירגער און אַ פריינט פונם פאָטער־לאַנד, טראָגט ער דאָך נישט ביי זיך אינדערהיים די טוניקאַ ווי יעדער רוימער, נאָר ער קליידט זיך אין דעם לאַנגן באַר־באַרישן געוואַנד פון אַ ירושלימער איידלמאַן.

די צווייטע סיבה פון יאָסעפוסעס כסדרדיקער אומרויקייט זענען געווען זיינע יידישע פיינט. וואָרים דער שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס האָט געהאַט זייער פיל שונאים צווישן זיינע אייגענע ברידער, וואָס אַ טייל אויס קנאה אויף זיין רייכקייט און חשיבות, טייל פול נאָך מיט האַרטנעקיקן כעס אויף זייערע רוימישע באַזיגער, האָבן זיי זיך ווי די אַלטע צעלאָטן און בריונים אַרומגעטראָגן מיט אומזיניקע געדאַנקען וועגן אַ יידישער מרידה און זיי האָבן באַשולדיקט זייער פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים, אַז ער האָט ביידזווייליק ווי אַ בוגד שאָדן־געטון די אויסזיכטן אויף אַ יידישן נצחון און זיך איבערגעגעבן צו די רוימער. נישט בלויז צו ראַטעווען ווי אַ פחדן זיין אייגן לעבן, נאָר אויך כדי זיך אונטערצוחנפענען ביי די אונטער־דריקער פון יידישן פאָטערלאַנד און צו באַקומען פון זיי מתנות און לאַנד־גיטער, האָט ער זיך שענדלעך איבערגעגעבן אין זייערע הענט, פאַראַטן זיין פאָלק און נאָך געשריבן שריפטן צום לויב פון די רוימישע זיגער. דידאָזיקע פאַרביטערטע פאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין רוים אַלס שקלאַפן, אָדער פשוטע לאַסט־אַרבעטער און האָבן צווישן די אָרטיקע יידן פאַרשפּרייט זייערע רכילותן אַקעגן יאָסעפוסן, האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז אַלצדינג, וואָס יאָסעפוס האָט געטון, האָט ער נישט געטון פאַר זיין אייגענעם נוצן, נאָר אַלע זיינע מעשים אין לעצטן יידישן קריג זענען געשען נאָך אַ לאַנגן און קאַלטן ישוב־הדעת, לויט די חלומות, וואָס די גאָטהייט האָט אים געוויזן אין די נעכט און נאָך אַ מיזאַמען פאָרשן אין די אַלטע ספרים פון די אבות, ווו ס׳שטייט געשריבן פאַר אַלע דורות, אַז יידן באַדאַרפן זיך פאַרלאָזן נישט אויף זייערע אייגענע כוחות, נאָר אויף דער השגחה פון גאָט און אויף די רייד פון די זעער. וואָרים ווי

גרויס ס'איז אינדעראמתן געווען דער ווייַ יאָסעפוסעס און ווי טיף ס'איז געווען זיין טרויער אויפן חורבן פון יידישן לאַנד, קאָן יעדער אויפריכטיקער לייענער דערקענען אין דעם קלאָג-ליד, וואָס יאָסעפוס האָט געשריבן אויף דער שטאָט ירושלים און וועלכעס ער האָט מיט גרויס מייסטערשאַפט און סטיל אַריינגעפלאָכטן אין זיין בוך וועגן דעם לעצטן יידישן קריג. און הגם לויט אַלע געזעצן ווי אַזוי מען דאַרף צו שרייבן געשיכטע, טאָר דער מחבר פון אַ היסטאָרישער שריפט נישט אַרויסווייזן דאָרט זיין פערזענלעכן ווייַ און נישט איבעררייסן דעם גאַנג פון די געשעענישן מיט קיין קלאָג-לידער, דאָך אָבער האָט דער שריפטשטעלער יאָזעפוס פלאַוויוס נישט געקאָנט באַהערשן זיין צער. אַזוי טיף איז געווען זיין טרויער.

נאָר דער ערגסטער און בייזוויליקסטער שונא זיינער איז איינער אַ יידישער שריפטשטעלער, יוסטוס פון טבריה. דערדאָזיקער יוסטוס, נעמלעך, פון פערזענלעכער נקמה — ווייל יאָסעפוס האָט, נאָך זייענדיק אין טבריה, אים געשטערט אין זיינע שענדלעכע כוונות — האָט אויך אָנגעשריבן אַ בוך, אין וועלכן ער דערציילט די געשיכטע פון לעצטן יידישן קריג. אין אָט-אָ דעם בוך וויל יוסטוס פאָרשטעלן דעם פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס יאָסעפוס האָט אין זיינע שריפטן זיך באַמיט צו געפינען חן אין די אויגן פון די רוימער און היידן און זיך צו ווייזן דאָרט אַלס זייער פריינט, האָט ער דאָך דער ערשטער אונטערגעהעצט די יידן אַקעגן דער רוימישער הערשאַפט און איז אין דער שטיל געווען דער אָנפירער פון דער גאַנצער יידישער מרידה. וואָס יוסטוס איז אויסן געווען דערמיט, נעמלעך, צו מסרן יאָסעפוסן און וועקן צו אים אומצוטרוי און אומגלויבן ביים קייזער טיטוס, ביים סענאַט, און ביי די אָנפירנדיקע קרייזן אין רוים, איז געווען קלאָר. כדי אויסצופירן זיינע פאַרדערבלעכע פלענער אַקעגן יאָסעפוסן און צו גראָבן אונטער אים אַ גרוב, האָט יוסטוס אַ סך פון יענע קריגס-געשעענישן געשילדערט אין אַ פאַלש ליכט און קאָמענטירט די פאַקטן נישט אַזוי ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט. מיט דעם

האָט יוסטוס באַגאַנגען נאָך אַ גרעסערע בייזווילִיקייט, וואָרים די, וואָס דערציילן נישט די היסטאָרישע מעשים אָביעקטיוו און דרייען-אויס דעם לויף פון דער געשיכטע לויט זייערע פערזענלעכע פניות, זענען נישט בעסער פון די, וואָס פעלשן צוואות אָדער בריוו.

אַזוי ווייט וועגן דעם שריפטשטעלער יוסטוס פון טבריה, דער גרעסטער שונא פון יאָסעפוס פלאַוויוס און וועגן זיינע כּוונות צו גיין יאָסעפוסן אויפן לעבן.

ערגער זענען נאָך די אַלע בלבולים אויף יאָסעפוסן געווען דערמיט, וואָס כאָטש אין זייער גרונט און ווען האָבן זיי זיך אַלע מיטאַנאַנדער סותר געווען, דאָך אָבער, וואָס ס'איז שייך צו שאַדענען יאָסעפוסן, האָט אויסגעקוקט ווי אַלע די פאַרשידנאַרטיקע שונאים זיינע האָבן פאַרגעסן ווי עס ווידערשפּרעכן זיך זייערע בלבולים און זיי האָבן ווי געשלאָסן אַ יד-אחת אים צו שטויסן אין אָפּגרונט. און דער פרייער רוימישער בירגער, דער נאָענטער מקורב ביים קייזער, דער שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים, אָנשטאָט צו טון מיט פילאָזאָפישער רויקייט דאָס, וואָס עס איז געווען דער חוב און דאָס הויפּט-ווערק פון זיין לעבן, נעמלעך, אָוועקזעצן זיך און אויפשרייבן דאָס גרויסע ווערק וועגן געטלעכן ווערזן און וועגן דער יידישער תּורה, האָט ער ווי דער מלך אָדיסעוס פון איטאַקאַ, דער אַלטער היידענישער העלד, מיט שלויקייט און ערמה זיך געמוזט ווערן אַקעגן זיינע שונאים. (דאָסדאָזיקע גייסטיקע כּלי-זיין פון ערמה האָט יאָסעפוסן שוין נישט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט פון טויט). אָנשטאָט צו בויען דעם אייביקן בנין פון גייסט, ד. ה., זיינע הויפּט-ווערק, צו וועלכן דער שריפטשטעלער יאָסעפוס האָט זיך געפילט באַרופן, האָט ער גאָר געמוזט שפּאַנען דעם בויגן פון פּאָלעמיק און אין דער נויט פון באַשיצונג כּסדר אָפּשיסן זיינע פיילן אַקעגן מחנות פון פיינט, צום ביישפּיל: זיין ווערק אַקעגן אַפּיאָן פון אַלכּסנדריה און דעם עגיפּטער מאַנעטאָן (וואָס די לעצטע האָבן אָנגעשריבן שריפטן פול מיט די שענדלעכסטע מסירות אויף יידן און אויף דעם יידישן דת). אָדער אום צו

באַווייזן די שקרים און דאָס נישט-אָביעקטיווע שרייבן היסטאָריע פון דעם שאַלקהאַפטיקן יוסטוס, האָט ער אויף זיינע עלטערע יאָרן נאָך אַמאָל געמוזט איבערשרייבן זיין זעלבסט-ביאָגראַפיע.

איצטער עטלעכע ווערטער צום הויך-געשעצטן לעזער:

הגם, ווי עס פאָדערן די כּללים פון שיינעם שריפט-שטעלערישן סטיל, באַדאַרף דער באַשרייבער נישט שווער צו מאַכן דעם גאַנג פון די דערציילטע געשעענישן מיט קיין איבריקע פּרטים, דאָך ווען מיר זיך אויף דעמדאָזיקן אָרט דערלויבן צוצוגעבן נאָך עטלעכע איינצלהייטן, וועלכע וועלן אונז מיטהעלפן צו כאַראַקטעריזירן פאַרן לעזער די סיבות פון דער שטאַרקער זעעלישער אומרויִקייט, וואָס שטערט יאָסעפוסן צו שרייבן זיינע הויפּט-ספרים. כאָטש אָט-אָ די ווינציקע איינצל-הייטן שטייען-אָפּ אין זייער חשיבות און אין דער וויכטיקייט פון דער פּערזאָן, פון וועלכער עס וועט זיין די רייד, ווייל די-דאָזיקע פּערזאָן איז נישט קיין שריפטשטעלער, איבערהויפּט נישט קיין באַקאַנטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט וועלכע עס איז השפּעה. פונדעסטוועגן וועלן אָט-אָ די איינצלהייטן אין שייכות מיט דערדאָזיקער ווינציקער פּערזאָן אין אַ געוויסער מאָס אונז מיטהעלפן צו דערקלערן אַ טייל פון דער נשמה-אומרויִקייט פון אונזער חשובן העלד, דעם חכם און דעם כּוהן יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים.

נעמלעך:

אין דער נאַכט ווען דאָס רוימישע חיל האָט אַריינ-געדרונגען קיין יודפת און דער פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס האָט איינגעזען, אַז יעטוועדער ווייטערער ווידערשטאַנד איז אָן אויסזיכטן, האָט ער זיך דאַן באַהאַלטן אין אַ פאַרלאָזענער ציסטערנע. אין דערדאָזיקער ציסטערנע האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ מאַן פערציק פון אויסגעמאַטערטע יודפתער פאַרטיידיקער. אָט-אָ די פאַרביטערטע הונגעריקע קריגער — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די השגחה האָט סוף-כּל-סוף באַוויזן, אַז גערעכט איז געווען יאָסעפוס, וואָס ער האָט פון תּמיד-אָן פאַרשטענדיק

נעעצהט שלום צו מאַכן מיט די רוימער און זיך צו פאַרהאַלטן רויק – האָבן זיי נאָך דאָ, אונטער דער ערד, אין דער חרובער ציסטערנע נישט פאַרגעסן דאָס אומזיניקע עקשנות פון די צעלאָטן און האָבן צווישן זיך באַשלאָסן, בעסער מיט דער אייגענער האַנט זיך צו נעמען דאָס לעבן, איידער איבערצוגיין צו די רוימער. לויט זיין מאָראַליש געוויסן און ווי עס פאָדערן די געזעצן פון די אבות האָט זיי יאָסעפוס געפרוווט אָפּצוהאַלטן פון דעמדאָזיקן אומאיבערלייגטן שריט. וואָרים עס איז נישט קיין העלדנטאַט זיך זעלבסט צו טייטן. ניין. עס איז דאָס ערגסטע פּחדנות. דער זעלבסטמאָרד איז דערווידער דעם אינערלעכן וועזן פון אַלצדינג וואָס לעבט, און ער איז אַ זינד אַקעגן גאָט אונזער באַשעפער. אין דעם לייב וווינט די נשמה, דער טייל פון דער גאָטהייט, מ'טאָר זי נישט מיט געוואַלט אַרויסטרייבן פון גוף. אַזעלכע קלוגע און גאָטספאָרכטיקע רייד האָט יאָסעפוס גערעדט צו זיינע חברים אין דער ציסטערנע. די אומגליקלעכע בריונים אָבער, האָבן אים נישט געוואָלט הערן און זיך גאָר געוואָרפן אויף אים מיט זייערע אַנטבלויזטע שווערדן, כדי אים צו דערשטעכן. אַזוי גרויס איז געווען זייער אומזין. דאָ האָט זיך ווידער דער פאַרשטענדיקער יאָסעפוס געמוזט באַנוצן מיטן וואָפן פון ערמה, און ער האָט זיי קוים איבערגערעדט, אַז איידער זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן, איז שוין גלייכער צו וואַרפן גורל און זאָל דאָס שיקזאַל אַנטשיידן, ווער עס זאָל פאַלן פון דער שווערד פון זיין חבר. דערדאָזיקער פלאַן האָט זיי באַרויקט און יאָסעפוס, אַלס פעלדהער, האָט געמישט די גורלות. זיי האָבן זיך באַלד צווישן אייבאַנדער אויסגעקוילעט ווי די שאָף און ס'זענען נאָך איבערגעבליבן בלויז צוויי: ער, דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס, און נאָך איינער, אַ פּשוטער פויער פון גליל, אַ געוויינטלעכער עם-הארץ, נישט געלערנט אין דער תורה, אַ נאַיווער מענטש, דאָך איינער, וואָס האָט מוטיק פאַרטיידיקט יודפת אונטער דער אָנפירונג פון יאָסעפוס פלאַוויוס. דערדאָזיקער פּשוטער פויער, גלייך באַלד נאָך דעם ווי ער איז געבליבן לויטן גורל איינער אַליין מיט יאָסעפוסן, האָט ער אויסגעשטרעקט

ווין האַלז און געוואַרט נאָר דערויף, דאָס יאָסעפוס זאָל אים דאָרט אַריינשטעכן די שווערד. אָנשטאָט אָבער דעמדאָזיקן נאַיוון מענטש צו דערקוילענען, האָט עס יאָסעפוס פלאַוויוס געפונען פאַר וויכטיקער סיי לויטן שכל און סיי לויט זיין געפיל פון מענטשלעכער באַרמהערציקייט, אָט-אָ דעם אומשולדיקן קרבן אויפצוקלערן ווי אומזיניק עס איז דער זעלבסטמאָרד, און אַז דאָס איבערגעבן זיך די רוימער איז נישט קיין פחדנות און אויך נישט קיין בגידה, ווייל דער ווילן פון דער גאָטהייט איז בכלל נישט געניגט געווען לטובת דעם גאַנצן אויפשטאַנד. יאָסעפוס האָט אים דערצו נאָך אויסגעטייטשט פאַרשידענע פסוקים פון די נביאים און אים דערציילט די אייגענע חלומות. אין די ערשטע מינוטן האָט אָט-אָ דער גלילער פויער גאָרנישט דערפון געוואָלט הערן, ער האָט דאָ געוויינט, דאָ געשריגן און אַלץ כסדר אונטערגעטראָגן זיין האַלז, דאָס יאָסעפוס זאָל אים דערשטעכן, אַזוי ווי עס האָט באַשטימט דער גורל. באַלד האָט דער פויער גאָר אָנגעהויבן חושד צו זיין יאָסעפוסן אין אַ ביזווילן שווינדל און אַז ער זאָל האָבן געפעלשט די גורלות. יאָסעפוס האָט אָבער צוזאַמענגענומען אַלע זיינע פעיקייטן, דעם גאַנצן טאַלאַנט פון זיין רעדן, און מיט פאַרשידענע אַרגומענטן און ווערטער פון ווירקלעכער חכמה איז אים קוים געלונגען דעמדאָזיקן פאַר-עקשנטן גלילער אַ ביסל שוואַכער צו מאַכן. יאָסעפוס האָט אויס-גענוצט דעם גינסטיקן מאָמענט און האָט דעם חבר זיינעם כמעט ווי אַרויסגעשלעפט פון דער ציסטערנע און מיט אים אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער.

וואָס עס איז ווייטער געשען מיט דעם פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס איז באַקאַנט פון זיין ווערק איבער דעם יידישן קריג, ווו עס שטייט אַלצדינג באַשריבן.

דיזעלביקע נאַכט אָבער איז דער חבר יאָסעפוסעס, דער פויער פון גליל, פאַרשוווּנדן געוואָרן פון רוימישן לאַגער. ער איז אַנטלאָפן.

ביי דער ערשטער ידיעה, וואָס יאָסעפוס האָט פאַרנומען פון דעמדאָזיקן אַנטלויפן, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן.

וואָרים אָט־אָ דער עם־הארץ, דער גלילער פויער וועט דאָך נישט וועלן פאַרשטיין די טיפערע סיבות פון יאָסעפוסעס טאַט און אַז אַלצדינג, וואָס ס׳איז געשען אין דער ציסטערנע איז געווען דער באַשיינפערלעכער ווילן פון דער השגחה. אָנשטאָט דעם, וועט ער איבערן גאַנצן לאַנד, אין אַלע שטעט און דערפער פאַרשפרייטן דעם פאַלשן בלבול, דאָס דער פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס איז זיך באַגאַנגען ווי אַ בוגד מיט זיינע חברים, וואָס האָבן צו אים געהאַט דעם בלינדסטן צוטרוי, ער האָט זיי צוגערעדט זיך אַליין אויסצוקוילענען, געפעלשט די גורלות, און דאַן איבער די טויטע גופים פון די פאַטריאָטן, וואָס האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם טויט ווי די שקלאַפעריי, אַלס אַ פשוטער פחדן אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער. ביי דער מעגלעכקייט, אַז ס׳וועלן זיך אפשר פאַרשפרייטן אַזעלכע ידיעות וועגן אים, האָט אויך דאָס רויקע האַרץ פון יאָסעפוס פלאַוויוס (וואָס ער איז געוווינט געווען צו זיין גלייכגילטיק אין דער גרעסטער סכנה, און ביי אַ יעדער סיטואַציע נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און דעם ישוב־הדעת) זיך אַ ריס־געטון פון אָרט. דער שטאָלצער און איבערלייגטער פעלדהער האָט פלוצים דערפילט אַ קאַלטן שווייס אויף די שלייפן. ער האָט אַפילו געבעטן אַספּסיַנוסן אַרויסצושיקן שליחים און דעם פויער אויפצוזוכן. נאָר די אַרויסגעשיקטע רוימישע רייטער זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. דער פויער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דער יידישער קריג האָט נישט אויפגעהערט יאָסעפוסעס אומרויִקייט וועגן אים. ער האָט דעם פאַרשוווּנדענעם פויער געזוכט צווישן די יידישע געפאַנגענע און הרוגים, ער האָט אויף אים געוואַרט הינטער ירושלים און טיילמאָל מיט סכנה פאַר זיין לעבן האָט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס דערנענטערט צו דער מויער, טאָמער וועט ער דעם גלילער פויער באַמערקן צווישן די פאַרטיידיקער. נאָר פון דעמדאָזיקן מענטש איז נישט געווען קיין שפור, ער איז אַזוי ווי אַריין אין וואַסער. יאָסעפוס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַרויִקן און ער האָט געטראַכט: מן־הסתם איז יענער מענטש געפאַלן ערגעץ אַלס אַן אומבאַקאַנטער

חלל, אָדער די רוימער האָבן אים געקרייציקט צווישן טויזנטער אַנדערע בריונים, אָדער די ווילדע חיות האָבן אים אויפגעפרעסן אויף אַ פאָלקס־שפּיל אין צירקוס. יעדנפאַלס האָט יאָסעפוס אָנגעהויבן צו פאַרגעסן יענעם גלילער עם־הארץ און וואָס אַמאָל ווייניקער צו טראַכטן וועגן אים.

נאָר דאָס איז אַלץ נישט זייער וויכטיק.

אין די לעצטע צייטן, איידער עס הייבן זיך אָן די געשעענישן, פון וועלכע מיר ווילן דאָ באַריכטן דעם הויף־חשובן לעזער, געפינט זיך גראָד דער שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס אין אַ צושטאַנד פון מער זעעלישער באַרויקונג. (ווי אויף אַ יעדן חכם קומט אויך טיילמאָל אויף יאָסעפוס פלאַוויוס אַ גרויסע אינערלעכע מנוחה). ער הייבט ווידער אָן צו טראַכטן מיט גרויס ערנסטקייט דערפון, אַז ער באַדאַרף דאָך ענדלעך דערפילן זיין חוב אַקעגן דעם יידישן פאָלק און אַקעגן דער מענטשהייט און אָנהייבן שרייבן זיינע הויפּט־ווערק: וועגן דעם געטלעכן וועזן און וועגן די יידישע מצוות. אין אַזעלכע צייטן פון באַרויקונג הערט ער ווי עס רופט אים די אומשטערבלעכקייט. (דערדאָזיקער רוף פון דער אומשטערבלעכקייט איז אַזוי ווי באַלזאַם אויף זיינע נשמה־וווּנדן). דער שריפטשטעלער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים פילט זיך האָפערדיק און שטאָלץ דערמיט, וואָס די גאָטהייט איז אויף אים אויפמערקזאַמער ווי אויף די מיליאָנען פון שטערבלעכע (וואָס זיי פאַרווייען ווי די שאָטנס) און ער איז פון איר באַשאָנקען געוואָרן מיט דעם טאַלאַנט צו דענקען און צו שרייבן וועגן די דערהויבנקייטן. ער גייט זייער פיל אויף־און־אָפּ איבער זיין ביבליאָטעק־צימער און זיצט אַ סך אין אַטריוםביים שפּרונג־ברונעם, דערביי האַלט ער לויט זיין שטייגער אין דער האַנט דעם שפּיץ פון זיין געדיכטער שוואַרצער, קוים גרויליכער באָרד, וואָס דאָס איז שטענדיק אַ סימן, אַז דער שריפט־שטעלער געפינט זיך אין אַ געהויבענער שטימונג.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען עס איז אים שוין צוגעגעסן געוואָרן די איינזאַמקייט, האָט ער מודיע געווען זיינע שקלאַפן, אַז ער וויל זיך לאָזן אַרויסטראָגן איבער די רוימישע גאַסן אין

אַ לעקטיקאַ. ער האָט געוואָלט זען מענטשן און זיין צווישן מענטשן.

ווען דער שקלאַף, דער טיר-היטער דעמעטריוס, איז אַריינ-געקומען אין דעם ביבליאָטעק-חדר, האָט זיך טיף פאַרנויגט און געמאָלדן, אַז די לעקטיקאַ מיט אַ גרויס שקלאַפן-באַגלייט וואַרטן שוין פאַרן טויער פון דער ווילאַ, האָט דער שריפטשטעלער אַוועקגעלייגט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און באַפוילן זיך צו ברענגען איינע פון די שענסטע טאָגאָס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַ טאָגאַ פון טייערן פורפור, רייך אויסגעהאָפטן מיט גאָלד.

מיט דעם זשעסט פון אַ גרויסן פעלדהער האָט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס אַריבערגעוואָרפן די טאָגאַ.

מיט פעסטע און זיכערע טריט איז ער געגאַנגען איבער די חדרים און איבערן אַטריום צו דעם ווילאַ-טויער צו.

ס׳איז שוין געווען שפעט נאָך מיטאָג. אין דרויסן האָט געווייעט אַ שטאַרקער ווינט. יאָסעפוס פלאַוויוס איז געבליבן שטיין אַ קליינע ווײַלע אויף דער גאַס און אין זיך טיף אַריינגעאָטעמט דעם ווינט ווי אַן אַנטלאָפענער שבוי, וואָס פאַרלאָזט נאָך לאַנגע יאָרן די מויערן פון זיין תּפיסה. ס׳איז אים געקומען אויפן זינען זיין קינדהייט אין ירושלים, זיין פאַרגאַנגענהייט, יודפת, די גלילער פעלדער, איבער וועלכע ער פלעגט יאָגן אויף זיין פערד אין געוויטער און שטורמווינט. ער האָט געפילט ווי דער שטאַרקער און פרישער ווינט ווייעט אים אונטער דער טאָגאַ, קילט אים די באָרד, און עס איז אים געוואָרן פריש און יונג אין זיין גוף. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער איז געשטאַנען אין קייטן אין רוימישן קריגס-געצעלט פאַר אַספּסיַנוסן, און ער האָט געטון אַ צי צוזאַמען די ברעמען. ער האָט פאַמעלעך אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף דער רייכער לעקטיקאַ, אויף דער מחנה שקלאַפן, וואָס וואַרטן אויף אים, ער האָט קוים אַ שמייכל-געטון און זיך לייכט אַ גלעט-געגעבן מיט דער האַנט איבער דער פורפורנער טאָגאַ, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין אויב ס׳איז בישט קיין חלום.

אין דער לעקטיקאַ האָט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס אויס־געלייגט איבער די קאָסטבאַרע מיט זילבער און פערל געשטיקטע קישעלעך, און ער האָט געהייסן צוזאַמענרוקן די רויט־זיידענע פאָרהאַנגען.

ווען די שקלאַפן האָבן אים אַוועקגעטראָגן האָט ער גליק־זעליק פאַרמאַכט די אויגן ווי אין האַלב־שלומער און זיך אָנגע־האַלטן מיט דער האַנט ביי דער טאָגאַ. עס איז אים געווען לייכט אויפן האַרצן און גוט אין געמיט, זיין ברוסט האָט געאָטעמט וואָס אַמאָל פרייער, וואָס אַמאָל שטאָלצער.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער פאַרנומען דורך די זיידענע פאָרהאַנגען דאָס לעבהאַפטע געטויש פון דער מענטשן־מענגע. ער האָט געהערט דאָס ברומען פון אַ סך מענטשן, דאָס רופן פון פאַרקויפער. זיין לעקטיקאַ האָט זיך געפונען אויף די באַלעבטע רוימישע גאַסן, דאָך האָט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס געפילט קאַלט און איינזאַם אין דער פאַרהאָנגענער לעקטיקאַ, — די קילע גליקזעליקע איינזאַמקייט פון דעם דערהויבענעם, וואָס פילט זיך וויכטיקער, בעסער און גרעסער פון אַלעמען. צווישן דעם גאַנצן פאַרגענגלעכן לעבן, וואָס רוישט ווי אַ ים אין זיינע אויערן, טראָגט מען אים, דעם רייכן מאַן, דעם פעלדהער, דעם אומשטערבלעכן שריפטשטעלער. —

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט געטראַכט וועגן די צוקונפטיקע דורות, און ער האָט שטיל געשמייכלט.

זיינע שקלאַפן האָבן כסדר אויסגערופן:

— מאַכט פלאַץ פאַרן איידעלן יאָסעפוס פלאַוויוס, מאַכט פלאַץ פאַרן איידעלן יאָסעפוס פלאַוויוס. —

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן און חלומען.

פלוצים האָט זיך די לעקטיקאַ אָפגעשטעלט. יאָסעפוס פלאַוויוס האָט פויל אויפגעטון די אויגן, ער האָט זיך געוואָלט בייזערן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט, ער האָט זיך געפילט מילד ווי אַ קינד. פון הינטער דער פאָרהאַנג הערט ער ווי אין דרויסן זידלען זיינע שקלאַפן און פלוכן ברוטאַל, באַלד: ווי אַ סך

שטעקענעס פאַכן אין דער לופֿט און קלאַפּן זיך אָפּ אָן עפּעס אַ משא.

יאָסעפֿוס פלאַוויוס האָט מיט די פעטלעכע שפּיצן פון זיינע פינגער לייכט אַוועקגעשאַרט די פאָרהאַנג און ער האָט אַפּערגעקוקט.

אַן אַלטער אָרימער שקלאַף, אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסער משא, האָט פאַרשטעלט דעם וועג. דער שקלאַף האָט זיך אין דרייען געבויגן אונטער דער משא, וואָס איז צו שווער געווען פאַר זיינע כוחות און ער האָט דעריבער נישט געקאָנט אויסמיידן די לעקטיקאַ און זי לאָזן אַדורכטראָגן. ער האָט געהאַט אַ שמוציקע צעקאָלטנטע באָרד און זייער אַן אָפּגעריסענע שקלאַפן-הלבשה. באָרוויס. אַן אויסגעדאַרטער האַלב-נאַקעטער זקן. די שקלאַפן פון יאָסעפוס פלאַוויוס האָבן וואָס אַמאָל העכער געפליכט און מיט זייערע שטעקענעס דעם אַלטן באַלאָדנטן שקלאַף געשלאָגן ווי מ׳שלאָגט אַן אָפּגעמאַטערטן אייזל.

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך געפּרוווט טיפער אַרויסצובייגן פון דער לעקטיקאַ. ער האָט געוואָלט זען. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן דערפון, וואָס זיינע שקלאַפן שלאָגן דעם, וואָס האָט די חוצפה אים צו פאַרשטעלן דעם וועג.

ער האָט געוואָלט קוקן אים אין פנים אַריין.

נאָר דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך פלוצים געטון אַ וואַקל אויף די זיידענע קישעלעך אין דער לעקטיקאַ, גלייך ווי ער וואָלט באַקומען מיט אַ מעסער אין האַרץ אַריין.

ער האָט אין דעם געשלאָגענעם שקלאַף דערקענט דעם פויער פון דער יודפתער ציסטערנע.

דער גלילער פויער האָט יאָסעפוסן נישט באַמערקט. יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אומווילקירלעך געוואָלט אַ געשריי-טון פון שרעק. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט געוווסט: קוים ווערט ער דערקענט, יאָסעפוס פלאַוויוס, דאַן איז ער פאַרלוירן. ער האָט זיך שנעל אַריינגערוקט טיף אין דער לעקטיקאַ און זיך איינגענורעט אין די ווייכע פאַלדן פון זיין טאָגאַ, ווי ער וואָלט זיך אין דעם געוואַנד געוואָלט באַהאַלטן, גלייך אַ געיאָגטער הונט. ער האָט פלוצים דערפילט ווי עס שווינדלט אים פאַר די

אויגן און אַז די וואָרצלען פון זיין באָרד שטעכן אים און זענען נאַס פון קאַלטן שוויס. ער האָט פיבערדיק געציטערט מיט די ליפּן.

ווען די שקלאַפן האָבן אים אַהיימגעבראַכט צו טראָגן צו דער ווילאַ און האָבן פונאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ האָבן זיי אים קוים דערקענט. יאָסעפוס פלאַוויוס איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אויף די קישעלעך ווי אַ שווער ליידנ-דיקער חולה, אַ טויט-בלייכער, כמעט שוואַרץ אויפן פּנים. די האָר און די באָרד ווילד און צעשויבערט. די טייערע פּורפּורנע טאָגאַ האָט אים ווי אַ צעקנייטשטע שמאַטע ענג אַרומגעוויקלט דעם גוף. די שקלאַפן האָבן געגלויבט, אַז דער באַרימטער שריפטשטעלער איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן. זיי האָבן אים געמוזט העלפן אַרויסגיין פון דער לעקטיקאַ.

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין זיין שלאָף-חדר. ער האָט זיך געהייסן נישט וועקן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער און זיך צוגעדעקט דעם גוף מיט עטלעכע וואָל-טיכער. ס'איז אים געווען קאַלט און ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

צווייט בּיכל

עטלעכע חדשים שפּעטער נאָך דעם אויבנבאַשריבענעם געשעעניש, אין אַ הייסער נאָכמיטאָג-שעה, זיצט יאָסעפוס פלאַוויוס איינער אַליין אין זיין ביבליאָטעק-חדר. ער בלעטערט אין אַ בוך. אַ שקלאַף ברענגט אים אַריין אַ בריוו. ווען דער שקלאַף דערווייטערט זיך, קוקט זיך יאָסעפוס אַרום אויף אַלע זייטן, אויב עס לוישט אים קיינער נישט. ווי זיין שטייגער איז, האָט אים ביי יעדן דערהאַלטענעם בריוו אַ קלאַפּ-געטון אין האַרצן. ווען ער זעט זיך אַליין אין פולקאָמענער שטילקייט, וויקלט ער זייער נערוועז, אָבער פאָרזיכטיק, אויף דעם אָנגעשרי-בענעם פּאַרמעט.

אינם בריוו זענען געשטאַנען די פאָלגנדיקע קורצע שורות, געשריבן סיריש פון אַ פרויען-האַנט:

„איידעלער פריינט און קרוב יאָסעפוס פלאַוויוס. איך באַ-האַלט מיך שוין אויס זינט עטלעכע טעג אין רוים. עס איז פאַר מיר אַ לעבנספראַגע אייך צו זען. ס'וועט נאָר פינסטער ווערן, קום איך צו אייך”.

אונטערגעשריבן: „בערעניקע”.

דאָס פּנים פון יאָסעפוס פלאַוויוס פאַרכמורעט זיך ערנסט. ער טוט זיך אַ לייכטן הייב פון זיין אָרט.

— בערעניקע... ברומט ער בייז אין זיין שוואַרצער, קוים גרוילעכער באָרד אַריין, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן אַ שלעכ-טער דערינערונג. ער האַלט הויך דעם בריוו אין דער האַנט און קוקט אויף אים ווי אויף אַן אומווירדיק און גיפטיק

באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין שטוב און דראָט אים מיט אַ נייער סכנה.

ער ברומט עטלעכע מאָל צו זיך, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט פאַרזיכערן דעמדאָזיקן נאָמען:

— בערעניקע... בערעניקע...

יאָסעפוס פלאַוויוס, וועלכער זעט אין אַ יעדן פון זיינע נאָענטע און וייטע באַקאַנטע אַ באַהאַלטענעם שונא, האָט בערעניקען כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן. זינט בערעניקע האָט געמוזט פאַרלאָזן רוים, האָט ער זי נישט געזען, וועגן איר נישט געטראַכט. יאָסעפוס פלאַוויוס האָט בכלל געהאַט אַן אָפּשיי צו ווייבער: ער האַלט זיי פאַר מינדערווערטיק; ער האַלט, אַז די ווייבער זענען באַשאַפן געוואָרן פון דער גאָטהייט נישט בלויז כדי צו געבערן קינדער, נאָר זיי זענען די איינציקע סיבה פון פאַרשידענע תאוות און ליידנשאַפטן, וואָס האָבן שוין נישט איין מענטש דערפירט צום אָפּגרונט. אויפן בוים פון זינד איז דאָס ווייב די גלוסטיקסטע פרי. איבערהויפט דאָס שיינע ווייב. די שיינקייט פון דער פרוי איז נישט דאָס שיינע, וואָס איז צוגלייך דאָס גוטע, ווייל די־דאָזיקע שיינקייט פון דער פרוי איז דער גרעסטער שונא פון דער חכמה, פון דער פילאָזאָפיע און פון אַלע שיינקייטן און דער־הויבנקייטן פון שכל. דאָס שיינע פון דער ווויסנשאַפט איז געטלעך, און דאָס ווייב איז דעמאָניש. דער אמתער חכם דאַרף זיך האַלטן פונדערווייטנס פון די אַלע טייוולאָנישע פאַרפירע־רישקייטן פון דעם פלייש, וואָס איז אייטל און פאַרגענגלעך. דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך קיינמאָל נישט ווי אַנדערע רייכע־לייט געיאָגט נאָך די ווייבער. שוין צו דרייסיק יאָר האָט ער אין זיך פולשטענדיק באַהערשט דידאָזיקע נישט־נויטווענדיקע תאווה. וואָרים ווי ווייט דאָס ווייב איז שאַלקהאַפטיק און פאַלש און ווי ווייט אַלע אירע געדאַנקען צילן נאָר אויף צו זינדיקן און אויף צו פאַרפירן אונז אויפן וועג פון חטא, האָט יאָסעפוס פלאַוויוס געשפּירט אויף זיין אייגן לייב. דאָס ערשטע ווייב זיינס, אַ בתולה פון קסריה, וואָס ער האָט באַקומען אַלס געשאַנק

(אַ חוץ דער ווילאַ) פון קייזער אַספּסינוס, איז פון אים אַנטלאָפן, געוואָרן. אויך דאָס צווייטע ווייב איז פון אים אַנטלאָפן. מיט דעם לעצטן ווייב האָט ער זיך געג'גט און זי דערווייטערט פון זיין הויז, ווייל זי איז אונטער זיין רוקן געגאַנגען אין פאַרדאַרבלעכע דרכים און זיך נישט אָרנטלעך אויפגעפירט. נאָך די אַלע דער-פאַרונגען, וואָס יאָסעפוס האָט געהאַט מיט דעם ווייבער-געשלעכט האָט ער גלייך איינגעזען, ווי ווייט עס זענען גערעכט געווען די אַסקעטן און די שרייבער פון מוסר-ספרים, וואָס עצהנען, אַז פאַר אַ פאַרשטענדיקן מענטש איז פיל בעסער אינגאַנצן צו איגנאָרירן דאָסדאָזיקע שאַלקהאַפטיקע געשלעכט, אָפּצוווענדן די אויגן פון זיי און לגמרי וועגן זיי נישט צו טראַכטן. יאָסעפוס פלאַוויוס האָט טאַקע נאָכדעם ווי ער האָט זיך געג'גט מיט דעם לעצטן ווייב, געלעבט אין זיין ווילאַ צווישן זיינע ביכער און געשריבן ווי אַן אמתער אַסקעט. (ער האָט געוואָלט זיך אויסטון פון דער וועלט, כדי די וועלט בעסער צו באַטראַכטן). אַפילו די עטלעכע גריכישע שפחות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער פאַרקויפט, כדי פול-שטענדיק אַרויסצוטרייבן דעמדאָזיקן יצר-הרע פון זיין הויז. יאָסעפוס האָט געהאַלטן, אַז כאָטש אין דער מדרגה פון איידלקייט און געבורט איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם הער און דעם שקלאַף, איז אָבער דער-פאַר כמעט ווי נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם שכל פון דער רייכסטער מאַטראָנע ביז צו דעם שכל פון דער נידריקסטער שפחה. זיי ביידע האָבן נישט קיין חלק אין דער געטלעכער פאַרנונפט און זיי זענען ביידע גלייך געבוירן געוואָרן צו זנות און צו הורעריי, צו זינד און צו שטרויכלונג, וואָרים דער קערפּער פון דעם ווייב איז די זינדיקע שלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער צאַרטער מענטשלעכער הויט, דערפון נעמט זיך די בויגעוודיקייט און די פאַרפירערישע גראַציע פון דעם ווייבערישן גוף.

צו בערעניקען האָט יאָסעפוס פלאַוויוס גאָר אַ באַזונדערן האַס. אין דערדאָזיקער פּערזאָן האָט ער געזען, ווי עס קומען באַזונדערס שטאַרק צום אויסדרוק די אַלע דעמאָנישע חסרונות פון דעם ווייבערישן מין: אויסערגעוויינלעכע שיינקייט, פאַר-שייטקייט, חשיבות און רייכקייט. דערצו: אַ קלוגשאַפט, וואָס

מען באַגעגנט זייער זעלטן ביי אַ פרוי. אָט־אָ די קלוגשאַפט, וואָס מיר טרעפן טיילמאָל ביי דער פרוי, שטאַמט בשום אופן נישט פון די קוואַלן פון דעם געטלעכן שכל. ניין. די ווייבערישע קלוגשאַפט איז שעדלעך און זי איז ענלעך צו דער געפערלעכער נעץ, וואָס ווען מען פאַרפלאָנטערט זיך דאָרט אין די דינע קוים־אָנזעעוודיקע פעדים, קאָן מען קיינמאָל נישט אַרויסקומען. שוין אין ירושלים האָט קיינער נישט געקאָנט ביישטיין די שיינקייט און די רייצן בערעניקעס און זי האָט געשמט סיי ביי יידן, סיי ביי היידן אַלס אַ צווייטע קלעאָפּאַטראַ. זי האָט אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ. אַ סך מאָל חתונה־געהאַט. אַפילו דער אַלטער אַספּסינוס איז געווען באַנומען פון איר שיינקייט, וואָס האָט יוגנטלעך געבליט, ווי גיפטיקער כשוף. תמיד, ווען יאָסעפוס פלאַוויוס איז מיט איר צוזאַמענגעקומען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענעם שׂטנ׳ישן ווייב, פאַר וועלכער דער מלך שלמה וואָרנט דעם חכם צו מיידן איר טיר, וואָרים, הגם איר געשטאַלט וויגט זיך אומשולדיק, ווי די לייכטע אינד אויפן פעלד, אירע טריט שמעקן נאָך בשׂמים, איר שמייכל דערפרישט ווי טוי און דער קלאַנג פון אירע ווערטער איז זיס און ווילטועוודיק פאַרן אויער, דאָך פירט זי דעם מענטש אויף רויזן, וואָס וואַקסן איבער פאַנג־גריבער. דער חן פון דעם ווייב איז געגליכן צו דעם שוים, וואָס פערלט זיך איבער פאַרסמטן ווייַן.

נאָר ווי ווייט שעדלעך עס זענען די רייצן פון דער דאָזיקער יידישער פרינצעסין און ווי טיף פאַרדאַרבלעך עס זענען אירע מחשבות, דערין האָט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס אַמשטאַרקסטן איבערצייגט, וואָס איז שייך געווען אירע באַציִונגען צום קייזער טיטוס. הגם זי איז עלטער געווען פון טיטוסן מיט גאַנצע דרייצן יאָר, האָט בערעניקע פאַרשטאַנען שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אויף אים צו מאַכן אַ רושם מיט איר ווייבערישער שיינקייט. דער יונגער פעלדהער האָט זיך אין איר שטערבלעך פאַרליבט. בערעניקע האָט גוט געוווּסט דעם פאַרליבטן טיטוס אַרומצושפּינען מיט אירע נעצן. זי האָט אויף אַזוי ווייט אויפגעבלאָזן זייןליידנשאַפט און געפאַנגען גענומען

זיין הארץ, אז ס׳איז געווען אַ צייט, ווען טיטוס האָט נישט געקאָנט אָן איר לעבן. (זי האָט אויך געוווּסט ווי צו וועקן די אייפערזוכט פון דעמדאָזיקן קלוגן רוימער). בערעניקע האָט דאַן געוווינט מיט איר ברודער אַגריפּאַ אויפן פּאַלאַטין. די מחשבות פון דעם שיינעם ווייב אָבער זענען אין זייער גלוסטיקייט טיפער ווי דער אָפּגרונט. זיי קאָנען זיך נישט זעטיקן. בערעניקע האָט צום סוף אָנגעהויבן צו וואַרפן אירע בליקן אויפן רוימישן טראָן. זי האָט געוואָלט חתונה־האָבן מיט טיטוסן און דערמיט דערגרייכן די העכסטע שטעלונג אין דער אימפּעריע: די ערשטע פרוי. די קייזערין פון רוים.

ס׳וואָלט זיך איר אפשר איינגעגעבן, ווען נישט די שנאה פון רוימישן פאָלק צו יידן און צום יידישן דת. איבערהויפּט האָבן די רוימער נאָך געדענקט די בלוטיקע פּאָפּעאַ, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט אין געהיימען פאַרערט די יידישע גאָטהייט. דאָס רוימישע פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן נעראָ. דער קלוגער און פאַרשטענדיקער טיטוס האָט זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז דער רוימישער טראָן איז וויכטיקער ווי די יידישע בערעניקע און ער האָט באַצייטנס מיט איר איבערגעריסן. בערעניקע איז דאַן אויסגעוויזן געוואָרן פון רוים.

האַלטנדיק איצטער בערעניקעס בריוו אין דער האַנט און ווויסנדיק, אַז דאָסדאָזיקע פּרויענצימער האַלט זיך בסוד אויף אין רוים, דערפילט יאָסעפוס פלאַוויוס פון אומדערוואַרטעטן עגמת־נפש אַזש אַ שלעכטן טעם אין מויל. ער ציטערט לייכט מיט די פינגער און מיט אַ שטאַרקן כּעס צעדריקט ער עטלעכע מאָל דעם פּאַרמעט אין דער האַנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דאָרט פאַרניכטן. דער געקנייטשטער פּאַרמעט קנאַקט נאָר יאָסעפוסן צווישן די פינגער און דאָס געקנאַק פון דעם שטייפן פּאַפּיר שרעקט אים אומהיימלעך אויף. יאָסעפוס פלאַוויוס קוקט זיך אום מיט באַהאַלטענעם פּחד איבער די קאַלטע שטומע ווענט פון זיין ביבליאָטעק־חדר, גלייך ווי פון די ווענט־אַראָפּ וואָלט אים עמיצער געדראָאָט. דער פאַקט פון בערעניקעס פּלוצלינגדיקן אויפטויכן אין רוים און איר בריוו צו אים, האָט יאָסעפוסן געטראָפן ווי

אַ דונער. דער ערשטער איינדרוק האָט אים צעמישט, דער קאָפּ רוישט אים פון געדאַנקען: ווער ווייסט בערעניקעס מחשבות, אירע פּלענער? דאָס שיינע געפּערלעכע ווייב, האָט זיך אים אויסגעדוכט, שלייכט איצט אַרום איבער דער הויפּט-שטאָט און זי באַהאַלט זיך אויס פון אַלעמען, ווי אַ כיטרער און בלוטדורשטיקער טיגער. אַז זי איז געקומען קיין רוים מיט זייער ווייטגייענדע פּלענער, איז ער זיכער. ער קאָן בערעניקען. זי איז פעיק אויף יעדער אַוואַנטורע. איז זי ווידער אַהערגעקומען אינטריגירן? זאָל זי נאָך נישט האָבן פאַרגעסן אירע האָפנונגען אויפן רוימישן טראָן, זאָל זי ווידער וועלן אויפרייצן די אַלטע ליידנשאַפט פונם קייזער?

אומווילקירלעך כאַפּט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס אָן מיט אַ האַנט פאַרן קאָפּ: אויב בערעניקע איז געקומען קיין רוים וועגן אָט די אַלע מעגלעכקייטן (אין דעם איז ער זיכער),— דאַן ערשט דראָען אים, יאָסעפוסן, אַזעלכע סכנות, וועגן וועלכע ער קאָן זיך אין דעמדאָזיקן אויגנבליק כמעט נישט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון. די שונאים זיינע וועלן עס לייכט אויסטייטשן: דאָס האָט ער, יאָסעפוס פלאַוויוס, בסוד בערעניקען אַראָפּגעברענגט קיין רוים, כדי אינגאַנצן צו באַקומען טיטוסן אונטער זיין השפעה, נאָכאַמאָל צוזאַמענצוברענגען דעם קייזער מיט זיין פריערדיקער געליבטער און אַזוי-אַרום אַרויפצובאַקומען אויף דער העכסטער שטעלונג אין דער מלוכה אַ טאָכטער פון דעם געשלעכט, וואָס איז פאַר־האַסט ביים רוימישן פאָלק און ביי אַלע געבילדעטע גריכן. אָדער גאָר (אַזוי האָט יאָסעפוס פלאַוויוס אַדורכגעבליקט די אינטריגעס פון זיינע שונאים): דער ייד יאָסעפוס פון ירושלים וויל אין דער שטיל דערהויבן די אומבאַקאַנטע גאָטהייט פון די יידן איבער די געטער פון רוים און העלאַס. ער וויל דערמיט אַרונטערבאַקומען דאָס איידעלע פאָלק פון רוים אונטער די טיראַניי פון יידן און שקלאַפן. יאָסעפוסן שווידערט, טראַכטנדיק דעמדאָזיקן געדאַנק און ער קריצט אומבאַהאָלפן מיט די ציין: וואָס וועט זאָגן דער קייזער ווען ער וועט דערהערן, אַז בערעניקע איז אין רוים, און זיין יידישער מקורב, דער געוועזענער מורד, יאָסעפוס פלאַוויוס, נעמט זי אויף ביינאַכט

אין זיין ווילאַ, עצהט זיך מיט איר און שטייט מיט איר אין געהיימע פאַרבינדונגען? זאָל טיטוס גלויבן די מַלשינים, דאַן קאָן ער זיך, יאָסעפוס, ריכטן אויפן הענקער. ווען אַפילו דער קייזער וועט זיין איבערצייגט אין דער איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט פון זיין פריינט און ער וועט וויסן, אַז יאָסעפוס געדענקט געטוענע טובות, וועט ער אויך, דער קייזער, נישט אימשטאַנד זיין צו באַהערשן זיין כעס. זיכער נישט. טיטוס וועט זוכן אַ קרבן. ווער וועט זיין דער ערשטער קרבן? בלי ספק יאָסעפוס פלאַוויוס. דער קייזער וועט אויסגיסן זיין שטראָף אויף יאָסעפוסן שוין דורכדעם, כדי זיך ריינצווואַשן אין די אויגן פון סענאַט און הויף-לייט, וואָס זיי האָבן פון תמיד-אָן דעם צעזאַרס אַמאָליקע ליבע צו בערעניקען פאַרבונדן מיט באַהאַלטענע נייגונגען פון טיטוסן צום יידנטום.

דער ערשטער באַשלוס, וואָס פאַלט-איין אינם געדאַנק פון חשובן יאָסעפוס פלאַוויוס, איז: צו מעלדן בערעניקען, אַז ער (יאָסעפוס) ליגט שווער קראַנק צו בעט און קאָן זי היינט בשום אופן נישט אויפנעמען. מיט דעם וויל ער געווינען צייט. אָדער גאָר לאָזן איר מודיע זיין, ווען זי וועט ביינאַכט אָנקלאַפּן ביי דער ווילאַ, אַז ער האָט פאַרלאָזן רוים אויף אַ לענגערע צייט און האָט זיך איינגעשיפט קיין מצרים. הגם וואָס אין יאָסעפוסן קאָכט דאָס בלוט אויף בערעניקען און ער איז פול מיט כעס און ביטערקייט, זעט ער אָבער דאָך באַלד איין, אַז דערדאָזיקער אויסוועג איז אַ פאַלשער: בערעניקע וועט דערוויל אויף אייגענער האַנט אָנהייבן איר שפּיל פון אינטריגעס. זי וועט זיך לאַנג אין רוים נישט קאָנען אויס-באַהאַלטן. קוים קומט אַלצדינג אַרויס, וועט ער דאַן, יאָסעפוס פלאַוויוס, סיי-ווי-סיי זיין דער פאַראַנטוואָרטלעכער: פשוט דערפאַר, וואָס ער איז בערעניקעס קרוב, אַליין אַ פרומער ייד, האָט אַ סך שונאים. יאָסעפוס איז זיך דעריבער מישב: ס׳גלייכסטע איז באַלד זיך פערזענלעך צו זען מיט בערעניקען, איר נישט אַרויסצובאַווייזן נישט זיין שרעק און נישט זיין צאָרן, געוויר ווערן אַלע אירע מחשבות און זייער פאַרזיכטיק מיט קלוגשאַפט

און פּרמה ווי תּמיד, זיך אַקעגנשטעלן אַלע אירע ווענן. אפשר וועט עס אים פּאָרט געלונגען בערעניקען צוצורעדן נאָך באַצייטנס צו פאַרלאָזן רוים.

ווען ער באַשליסט ביי זיך ענדגילטיק, אַז דערדאָזיקער פּלאַן איז דער פאַרנונפטיקסטער, טוט ער נאָכאַמאָל מיט טיפער פאַראַכטונג אַ קוק אויף בערעניקעס בריוו, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. אַ חוץ דער גרויסער אומרוויקייט קאָן ער נישט באַהערשן דאָס געפיל, אַז ער, יאָסעפוס פלאַוויוס, וואָס האָט אַלס פעלדהער אָנגעוואָנדן זיינע ערמות אין יודפת אַקעגן די רוימישע לעגיאָנען און אַלס שריפטשטעלער און רעטאָר האָט ער מיט זיין קלוגשאַפט געשלאָגן אַזעלכע באַקאַנטע היסטאָריע-שרייבער ווי אַפּיאָן און יוסטוס, גראָד ער מוז איצטער מיט דעמדאָזיקן גייסטיקן כּלי-זיין קעמפן קעגן אַ פּשוט ווייב, אַ שאַקלהאַפטיקע יפת-תּואר.

יאָסעפוס באַפעלט אַריינצורופן צו זיך איינעם פון זיינע פאַרשטענדיקסטע שקלאַפן, דעם טיר-היטער דעמעטריוס.

— דעמעטריוס, — זאָגט יאָסעפוס פלאַוויוס זייער שטיל און קוקט זיך אַרום אויב קיינער הערט נישט, — מען קאָן זיך פאַרלאָזן סיי אויף דיין פאַרשטאַנד, סיי אויף דיין פאַרשוויגנקייט?

דער שקלאַף פאַרבויגט זיך טיף.

— אַלזאָ הער, דעמעטריוס, — יאָסעפוס דערנענטערט זיך צו אים אויף עטלעכע טריט, — היינט, באַלד ווען עס וועט נאָר צופאַלן די נאַכט, וועט אָנקלאַפן ביי דעם טויער אַ... ווייב.

יאָסעפוס קוקט דעמעטריוסן אין פּנים אַריין און ציילט דערביי די ווערטער:

— פרעג זי נישט, ווער זי איז, דאָס ווייב, און וואָס זי וויל, דאָס ווייב. פיר זי גלייך אַריין צו מיר אין ביבליאָטעק-חדר. ס'זאָל קיינער נישט באַמערקן.

דער שקלאַף פאַרבויגט זיך און פאַרלאָזט די ביבליאָטעק.

יאָסעפוס פלאַוויוס טוט אַ קוק אויפן זון-זייגער, וואָס אין אַטריום. ס'איז נאָך עטלעכע שעה צו נאַכט.

די צייט, וואָס ער האָט נאָך צו וואַרטן פאַרלויפט פאַר

אים זייער לאַנג. ווי עס דערנענטערט זיך דער זמן צו דעם אומאַנגענעמען אָבער שיקזאַלפולן באַגעגעניש צווישן אים און בערעניקען, ווערט ער וואָס אַמאָל אומרויקער, אומגעדולדיקער. „ווי וועט זיין דער אויסגאַנג?" עגבערט עס אים אין קאָפּ. ער באַטראַכט כסדר דעם גאַנצן פּלאַן ווי ער האָט זיך מיט בערעניקען אויפצופירן און וועגט-אָפּ ביי זיך יעדעס וואָרט, וואָס ער באַדאַרף מיט איר צו רעדן.

באַלד ווי עס ווערט בין-השמשות און ביי יאָסעפוסן אין ביבליאָטעק-חדר הייבט-אָן צו ווערן טונקל, באַפעלט ער דעמעטריוסן אָנצוצינדן אַ קאָסטבאַרן קאָרינטישן לייכטער און אים שטעלן אויפן אַרבעטס-טיש אין דער ביבליאָטעק.

יאָסעפוס אַליין דרייט זיך אויפגערעגט און האַסטיק אַרום איבערן צימער. ער באַמיט זיך צו באַהערשן זיין אויפרעגונג, כדי אַז ווען בערעניקע וועט קומען, זאָל ער זיין ביי זיין פולן ישוב-הדעת. ער ווערט אָבער אומרויקער מיט יעדער מינוט, וואָס עס דערנענטערט זיך די צייט פון איר קומען. ענדלעך זעצט ער זיך אַנידער ביים טיש. פון צווישן די הויפנס ביכער און פּאַרמעטן, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן איבערן טיש, נעמט ער אַפער די שריפט פון פּלאַטאָ וועגן דער אומשטערבלעכקייט. פעידאָן. ער מישט-אויף די סצענע, ווו עס שטייט באַשריבן ווי אַזוי סאָקראַטעס טרינקט דעם גיפט-בעכער. דער דערהויבענער סטיל פון פּלאַטאָנישן גריכיש באַרויקט תמיד דעם גייסט פון יאָסעפוס פלאַוויוס. אויך איצט וויל ער לייענען דעם געטלעכן ריטמוס פונם דיאַלאָג און זיך באַרוישן.

נאָר די אותיות טאַנצן אים פאַר די אויגן.

פּלוצלינג שאָרכן די פּאָרהאַנגען. עס דערהערן זיך טריט.

יאָסעפוס פלאַוויוס וויל זיך אַ הייב-טון פון זיין אָרט, נאָר ער דערפילט ווי זיין גוף וואָלט אינעווייניק פאַרשטיינערט געוואָרן: זיין אויפגערעגטער גייסט ווערט פּלוצלינג מאָדנע באַרויקט, ווי אין האַרצן ביי אים וואָלט זיך אַלצדינג מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, אָפּגעשטאָרבן.

דערדאָזיקער צושטאַנד דויערט עטלעכע סעקונדן. עס הייבט

זיך עטוואָס ביי אים אָן צו וועקן אינם גוף, ווי ווידער באַלעבט, נאָר זייער שוואַך. ער דערפילט אַ שרעקלעכע מידקייט אין זיינע גלידער.

ער שטרענגט זיך אָן און דערהייבט זיך פון זיין שטול.

אין יאָסעפוסעס ביבליאָטעק-צימער אויף דער זייט פון דער שווערער זיידענער פאָרהאַנג שטייט בערעניקע.

יאָסעפוס פלאַוויוס פאַרנייגט זיך אומווילקירלעך, לייכט און מיט דעם זשעסט, ווי מען פלעגט אין קעניגלעכן הויף אין ירושלים זיך פאַרנייגן פאַר אַ הויכגעשטעלטער פערזענלעכקייט.

בערעניקע גייט אָנגעטון אין שוואַרצע טרויער-קליידער. די האָר און דאָס פנים זענען איר טיף פאַרשלייערט. מיט שנעלע און נערוועזע טריט גייט זי צו צום טיש.

דאָ, נאָענט פאַר יאָסעפוסן, גיט זי מיט איר קליינער צאַרטער האַנט אַ וואָרף אַריבער דעם שלייער פון איבער איר פנים.

יאָסעפוס פלאַוויוס טוט איר אַ קוק אין פנים אַריין. ער האָט זי שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען. נישט קוקנדיק אויף אירע עטלעכע-און-פופציק יאָר, טראָגט זי נאָך אויף זיך אַלע שפורן פון איר אַמאָליקער שיינקייט. איר צאַרטער, נישט-גרויסער קערפּער איז נאָר געוואָרן עטוואָס פולער. אויך דאָס פנים איז איר פולער. דאָס צניעותדיק-פרעכע עקזאָטישע שיינקייט, וואָס ליגט אויסגעגאָסן איבער איר געזיכט ווי אַ בליענדיקער גאָרטן, האָט באַקומען דורך דעם עלטער דעם רייץ פון איבער-געלאָדענער רייפקייט. דאָס מאַטע פון איר לייב האָט איצט דאָס גלוסטיקייט פון אַ הייסן שפעט-זומער. די גרויסע שוואַרצע אויגן, פאַרשלייערט מיט מעלאַנכאָלישער מידקייט, וואָס זיי האָבן יאָסעפוסן תמיד דערמאָנט אָן דער הייסער, ווילדער מדבר, זיי ברענען נאָך מער, זיי ברענען, ווי בערעניקע וואָלט איצטער געווען שכור אָדער שווער קראַנק. די אויגן-ראַנדן זענען איר טונקל געשמינקט, דאָס גיט נאָך מער צו אירע אויגן דעם גלאַנץ פון פיבערדיקער קרענקלעכקייט. אַ לייכטער און איידעלער ריח פון ווייררויך און זאַלבן ווייעט-אַפּער פון בערעניקעס לאַנגע שוואַרץ-צעפאַלדעוועטע טרויער-קליידער.

בערעניקע הייבט באַלד אָן צו רעדן, זי רעדט שנעל, נערוועז, מיט דעם טאָן פון אַן אָקאָרשט־איבערגעהאַקטן שמועס:

— יאָסעפוס דער זון פון מתתיהו, איך ווייס, אַז איר שטייט איצטער אין גרויס חשיבות ביים קייזער. איך האָב צו אייך אַ בקשה.

די אויגן פון יאָסעפוס פלאַוויוס פינקלען פלוצלינג אויף מיט אַ ווילדן כעס, ווי די אויגן פון אַ גערייצט רויב־טיר. די ליפן ווערן אים בלאַס און זיי ציטערן. ער באַהערשט זיך אָבער באַלד, איידער בערעניקע האָט עס נאָך באַמערקט. ער לאָזט עניוותדיק אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע, וואָס קלינגט מיט איבערגעטריבענער באַשיידנקייט:

— איר זענט זיך טועה, איידעלע בערעניקע, איך האָב אַ סך שונאים. דערצו זינט דעם לעצטן יידישן קריג איז אייך מן־הסתם באַקאַנט דער מצב פון אונזער פאָלקס־שטאַם אין רוים.

יאָסעפוס רעדט און בערעניקע קוקט נישט אויף אים, ווי זי וואָלט אים נישט געהערט. זי האַלט די אויגן אירע געוואָנדן אויפן קאָרינטישן לייכטער, ווו די אייל־קנויטן פלאַקערן העל. בערעניקעס פולע ליפן, וואָס זענען באַמאָלט, פאַרציען זיך אומגעדולדיק איבער איר מויל:

— ניין, יאָסעפוס, איר זענט אַ גרויסער חשוב ביי טיטוסן, — זאָגט זי פעסט און אַנטשלאָסן, איר שטימע קלינגט מיט אַ געקרענקטן שטאָלץ, — איר זעצט היינט־צו־טאָג איבער אייער בוך וועגן יידישן קריג פון דער היימישער סירישער שפּראַך אויף אַ סטילפולן גריכיש. טיטוס זעט אין אייך דעם באַשרייבער פון זיינע טאַטן. יאָסעפוס פלאַוויוס (זי באַטאָנט באַזונדערס דאָס וואָרט פלאַוויוס), איר פאַראייביקט דעם נאָמען פונם קייזער פאַר דער נאָכוועלט.

יאָסעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ביס אויף דער צונג. (ער וואָלט איר אַמבעסטן געוואָלט אַרויסווייזן זיין האַס, זיין פאַר־אַכטונג). זיין קול ווערט וואָס אַ מאָל שוואַכער. ער זאָגט מיט אַ הכנעה, וואָס פאַרדריסט אים אַליין:

— איך בין נאָר אַ ייד, בערעניקע. איך וויל באַקענען די

היידן, וואָס פאַראַכטן אונז, מיט דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. דאָס, וואָס עס איז מיינע שונאים נישט געלונגען מיך צו פאַרדאַרבן (זאָגט ער נאָך באַשיידענער), איז נאָר דעריבער, ווייל די גאָטהייט, וואָס האָט פון תמיד-אָן געטון חסד מיט אונזער שטאַם, האָט מיר מוסר געווען חלומות, וואָס זענען געווען גינסטיק פאַר דער משפחה פון די פלאַוויער...

אַ בייזלעכער און איראָנישער שמייכל באַווייזט זיך אויף בערעניקעס ליפּן, אירע פּיבער מידע אויגן פינקלען-אויף מיט באַהאַלטענעם שפּאָט: — איר זענט פון תמיד-אָן צו-פיל עניו, איידעלער יאָסעפוס. נאָך אין אייער יוגנט אין ירושלים האָט איר שוין געהערט צו דער פּאַרטיי פון די פרושים. איצטער, ווי איך האָב געהערט, שטייט איר נאָענט צו דער שול פון די סטאָיקער, וואָס זיי באַטראַכטן אויך כבוד און חשיבות פאַר הוילע איטלקייט... — זי הייבט-אויף אויף אַ ווייל אירע לאַנגע שוואַרצע ברעמען, וואָס הענגען ווי צאַרטע, אָפּקילנדיקע שאָטנס איבער אירע הייסע מעלאַנכאָלישע אויגן. זי וואַרפט אַ גאַוההדיקן בליק אויף דער זייט פון יאָסעפוסן: — מיין ברודער, דער קעניג אַגריפּאַ (זי באַטאָנט דאָס וואָרט קעניג), האָט מיר פאַרגעלייענט פראַגמענטן פון אייער ווערק... נאָר אַלכסנדר מוקדון און דער גרויסער פּאָמפּעוס האָבן געהאַט אַזעלכע באַשרייבער פון זייערע טאַטן. עס וועט אייך טיטוס קיינמאָל קיין שלעכטס נישט טון. אָ ניין, יאָסעפוס פלאַוויוס. איר קאָנט רויק זיין. ער באַדאַרף אייך צו האָבן, דער קייזער... צו זיין רום...

יאָסעפוס טוט אַ קוק אויף איר. דער שטאָלצער און באַהאַלטענער שפּאָט פון בערעניקעס רייד ברענט אים ווי פייער אויף דער נשמה. זי וויל אים דערנידריקן. דאָס בייזוויליקייט רויטלט איר די באַקן און מאַכט זיי פריש. אין די טונקל-געשמינקטע ראַנדן גלאַנצן די אויגן בערעניקעס ווי אָנגעשפּורטע אַקעגן די העל-צעפלאַקערטע קנויטן פון דעם בראָנזענעם קאָרינטישן לייכטער. זי קוקט איצטער אויס נאָך שענער, יוגנטלעכער, עקזאָטישער, ווילדער. אירע האָר, וואָס זענען לויט סירישער אַרט געפלאָכטן אין דיקע פלעכטן, האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעלאָזן פון אונטער איר

שלייער, און זיי האָבן זיך, די שוואַרצע פלעכטן, ווי שלאַנגען אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן איבער אירע אַקסלען.

דער האַס און פאַראַכטונג צו איר וואַקסט אין יאָסעפוסן: אויך פינף- און-פופציק יאָר קאָנען די ווייבערישע שיינקייט נישט פאַרטיליקן! דידאַזיקע שאַלקהאַפטיקע בערעניקע קאָן מען נאָך באַגערן. ער דערמאָנט זיך אָן דער באַרימטקייט פון דער עגיפּטישער קלעאָפּאַטרע און אָן זיינע אייגענע ווייבער, וואָס זענען פון אים אַנטלאָפן. ער ווינטשט אין זיין האַרצן בערעניקען דעם טויט. נאָך אַ קורצער ווייל זאָגט ער:

— וואָס ווילט איר פון מיר, בערעניקע?

בערעניקע אָטעמט-אויף, זי זאָגט:

— איך וויל וווינען אין רוים.

הגם יאָסעפוס פלאַוויוס ריכט זיך אויף דעמדאָזיקן, פאַר אים שרעקלעכן ענטפער, טרעפט אים דאָך, דערהערנדיק אָט די תשובה פון בערעניקעס מויל, ווי מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ. איבערן רוקן גייט אים דורך אַ שוידער. עס שטעכן אים די האָר-וואָרצלען פון זיין באָרד. יאָסעפוס פלאַוויוס הייבט-אויף זיינע אויגן צו בערעניקען, ער וויל כּמעט פאַר איר פאַרברעכן זיינע הענט:

— עס איז בשום אופן נישט מעגלעך, אַז כ׳זאָל דערפון רעדן מיטן קייזער, איידעלע בערעניקע, — זאָגט יאָסעפוס מיט אַ דערהויבענער ציטערנדיקער שטים. — איר ווייסט דאָך (גיט ער צו מיט אומבאַהאָלפענער ביטערקייט), נישט בלויז איך, אויך איר האָט פיל שונאים אין רוים, שונאים, וואָס האָבן אייך מקנא געווען מיט דעם, וואָס דער צעזאַר האָט אַרויסגעוויזן צו אייך געוויסע סימפּאַטיעס. איר געדענקט דאָך די אינטריגעס... די בלבולים, בעת איר האָט נאָך געוווינט אויפן פּאַלאַטין...

בערעניקע טוט טריומפירנדיק אַ וואָרף מיטן קאָפּ. די האָר-פלעכטן צעלאָזן זיך איר נאָך מער אָפּער פון אונטערן שלייער. מ׳זעט ווי אונטער אירע טרויער-קליידער הייבן זיך אירע קליינע ווי נאָך מיידלשע ברוסטן און די שוואַרצע אויגן-אַפּלען גליען אין די ברוינלעכע ווייסלען:

— איר מיינט דאָן, ווען כ'האָב געזאָלט ווערן טיטוסעס ווייב ? — זאָגט בערעניקע מיט אַ גערייצט, כמעט שרייענדיק קול. — איר האָט דאָך אַלע געזאָגט, אַז טיטוס האָט נאָר געמיינט מיין גאָלד, — גיט זי צו מיט שפּאָט. — האָב איך אים געבעטן ? ניין, יאָסעפוס פלאַוויוס. טיטוס איז מיר געלעגן צו די פיס, ער האָט מיך געהיטן און נישט איינעם שיעור אומגעבראַכט אויס אייפערזוכט צו מיר. בלבולים! — שרייט זי אויס און אירע ליפּן אונטער דער שמינקע ווערן בלאָס, — איך האָב קיינמאָל טיטוסן נישט צוגערעדט צום יידנטום. איך זעלבער, בערעניקע, האָב גאָרנישט צו טון מיט דער גאָטהייט פון די פּרושים און פון דעם פעבל אין יהודה, וואָס זיי ווילן בעסער דעם טויט איידער אויפצועסן אַ שטיקל חזיר־פלייש אָדער צו טון אַ מלאכה אין זיבעטן טאָג פון דער וואָך... — בערעניקע לאַכט פלוצלינג בייזוויליק אויף: — די יידן זענען די ווילדסטע באַרבאַרן און זיי גלויבן קליגער צו זיין ווי אַלע גריכן און רוימער. דער גאָט פון ירושלים, וואָס האַלט זיך פאַרן איינציקן האַר פון דער וועלט, האָט צומאָל נישט געקאָנט אָפּראַטעווען פון די רוימישע פלאַמען זיין איינציק הייליקטום אויפן באַרג מוריה... איך בין גריכין, — שרייט־אויס בערעניקע, וואָס אַמאָל היסטערישער, — איך גלויב אין די אָלימפּישע געטער, וואָס זיי האָבן ווירקלעך איבערגעגעבן אינם באַזיץ פון זייערע פאַרערער אַלע רייכטימער און אַלע עשרותן פון דער וועלט. דער גרויסער הורדוס האָט געבויט טעמפּלען פאַר די רוימישע געטער און די געטער האָבן אים דערפאַר באַלוינט. איך האָס די יידן און פאַראַכט זיי גלייך ווי אַלע רוימער, — גיט זי צו. — איך בין געשטאַנען אויפן פּאַלאַטין און האָב מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעקוקט, ווי מ'שלעפּט די בריונים אין טיטוסעס טריומף־צוג צום קאַפּיטאָלאָנישן יופּיטער. זאָגט עס דעם קייזער, — שרייט זי הייזעריקלעך אויס צו יאָסעפוסן און אירע באַקן גליען דערביי מיט קרענקלעכער רויטקייט, — זאָגט אים, אַז איך, די פּרינצעסין בערעניקע, האָב אים באַוואונדערט אין זיין טריומף־צוג צום קאַפּיטאָל.

יאָסעפוס פלאַוויוס שווייגט. ער ווערט וואָס אַמאָל בלאַסער.

זיינע אויגן זענען שטום אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שוואַרצער, קוים גרויליכער באָרד. נאָכדעם ווי בערעניקע האָט געענדיקט צו רעדן, הערט מען איר שנעלן אויפגערעגטן אָטעם. בערעניקעס קערפּער ציטערט לייכט אין די זיידענע טיכער פון די שוואַרצע טרויער־קליידער. איר איז פּלוצלינג קאַלט געוואָרן. איבער די גערויטלטע באַקן אירע באַווייזט זיך אַ שווייסיקע פייכטקייט. עלטער־שווייס.

— איידעלע בערעניקע, — רופט זיך מיטאַמאָל אָן יאָסעפוס פלאַוויוס, זייער לאַנגזאַם רעדט ער אַרויס יעדעס וואָרט ווי ער וואָלט אָנגענומען אַן אַנטשלוס נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת און ער האָט איצט בדעה מיט יעדן וואָרט ערגעץ־ווו צו טרעפן. — איר זענט שוין פון אַ לענגערער צייט נישט געווען אין רוים, אייך איז דעריבער נישט באַקאַנט ווי די שנאה צו אונזער פאָלק שטאַרקט זיך דאָ פון טאָג צו טאָג. די שריפטשטעלער, וואָס שרייבן כסדר קעגן אונז פּאַמפלעטן און בלבולים, זייער השפעה ווערט וואָס אַמאָל גרעסער צווישן אַלע קרייזן אין רוים. איך וויל נישט רעדן וועגן מיר זעלבער, חשובע בערעניקע, וואָס נאָר אַ דאַנק דעם געגנאָד פון דער השגחה האַלט איך מיך נאָך אויף. אַפילו אַ סך פון עכט־רוימישע משפחות האָט נישט אויסגעמיטן דער פאַרדאַכט, אַז זיי פאַרערן בסוד דעם יידישן גאָט. איבערהויפּט איז מען חושד די פרויען, — גיט יאָסעפוס פלאַוויוס צו מיט באַזונדערער באַטאָנונג און באַמיט זיך דערביי אַ קוק צו טון אויף בערעניקען, — מען איז חושד די פרויען, אַז זיי שטיצן־אונטער די פאַרשפּרייטונג פון יידישן דת. אַ יעדע רוימישע משפחה איז איצט נישט זיכער פון קיין אייגענעם שונא... ווען נישט וואָס דער קייזער טיטוס איז אַן אויפריכטיקער פריינט פון יידישן פאָלק און זיין האַרץ איז פול רחמנות צו אונזער אומגליק (וואָרים ווי איר ווייסט, איידעלע בערעניקע, האָט זיך דער קייזער באַמיט צו לעשן די שׂרפה אין בית־המקדש), וואָלטן מיר שוין לאַנג דאָ באַפאַלן געוואָרן פון אונזערע שונאים, וואָס וואָלטן אונז אויסגעהרגעט אָדער לעבעדיקערהייט אונז געוואָרפן אַלס שפּייז פאַר די הונגעריקע חיות אין צירקוס. דערמאָנט אייך: דאָס, וואָס ס׳איז אונטער־

געגאַנגען די שטאָט פּאַמפּעאַ, האָבן די שונאים פון די יידן גע-וואָלט אויסטייטשן אַלס שטראָף פון די געטער אויפן רוימישן פאָלק פאַר דעם, וואָס עס לאָזט וווינען צווישן זיך די פאַרהאַסטע יידן, וואָס פאַראַכטן די געטער... נאָר דער חסד פון קייזער האָט אונז באַ-שיצט. אויך איז אייך מן-הסתם באַקאַנט: ביי דער לעצטער שׂרפה אין רוים זענען פאַרשפּרייט געוואָרן בלבולים, אַז דאָס האָבן די יידן אונטערגעצונדן די טעמפּלען און די הייזער פון דער הויפּט-שטאָט, אויס אייביקן האַס צו די געטער און צו דעם מענטשן-געשלעכט. ס'וואָלט זיך איבער אונז לייכט איבערגעחזרט די שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער שׂרפה פון רוים אין די צייטן פון נעראָ. אויך דאָ איז עס נאָר געווען אַ דאַנק דעם חסד פון קייזער וואָס מיר זענען ניצול געוואָרן.

יאָסעפוס פלאַוויוס דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער. ער ווערט מיטאַמאָל שטיל. דערזעענדיק אָבער בערעניקעס פלוצלינגדיקע אומבאַשטימטע האַלטונג: ווי אירע בליקן בלאָנדזשען אומרויִק און ווי זי באַוועגט אומגעדולדיק מיט די הענט, וועקט זיך ביי אים די האָפנונג: אפשר האָט ער זי פאַרט אָנגעשראָקן... ער הייבט-זיך אָן צו פילן עטוואָס רויקער, זיכערער.

— נאָר צו אונזער אייגן אומגליק מוז מען צוגעבן, — רעדט ווייטער יאָסעפוס פלאַוויוס און ער באַמיט זיך איצטער נישט צו באַ-געגענען בערעניקעס בליקן, — אַז דאָס אומזיניקייט פון די בריונים, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לאַנד, חרוב געמאַכט די שטאָט ירושלים און פאַרברענט דאָס בית-המקדש, דאָסדאָזיקע אומזיניקייט, יאָ, דאָס הפקרדיקע אומזיניקייט, — גיט יאָסעפוס צו מיט אַ דערהויבענער פאָטערלעכער שטים ווי ער וואָלט עמיצן געמוסרט, — עס שלאָגט אירע וואָרצלען דאָ אין דער הויפּט-שטאָט פון דער וועלט-מלוכה, אין רוים. יידישע געפאַנגענע און דער טייל פון די פינסטערע עלעמענטן, וואָס האָבן גערויבט און געהעצט צו מרידה אין יהודה און אין גליל, זיי האָבן איצטער אַריבער-געטראָגן זייער פאַרברעכערישע און העצערישע אַרבעט אַהער דאָ אינם האַרץ פון דער וועלט-שטאָט. דער נידריקסטער רוימישער המון ווערט אויפגעפאָדערט צו רויב, נישט דרך-ארץ צו האָבן

פאַר די געזעצן פון סענאַט, נישט צו אַכטן דאָס אייגנטום פון די רייכע. די שקלאַפן ווערן אָנגערעדט מורד צו זיין אין זייערע באַלעבאַטים און אַז די וועלט איז די נחלה פון די אָרימע. איך מוז מיט בושה מודה זיין, איידעלע בערעניקע: דידאָזיקע אומ-גליקלעכע צעלאָטן, וואָס לעבן אין די רוימישע הינטער-גאַסן אָרים און עלנט ווי די ווערים און מוזן טון די געמיינסטע שקלאַפן-אַרבעט, זיי רעדן דאָס מיט פאַראַכטונג וועגן זיגרייכן קייזער, זאָגן-אָן דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער וועלט-הערשאַפט און דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט. —

יאָסעפוס פלאַוויוס פילט, ווי בעת ער רעדט, וואַקסט אין אים דער מוט. ער גלויבט, אַז זיינע ווערטער האָבן אַ פעולה אויף בערעניקען, ווארים זי ענטפערט אים נישט. זי שטייט שטיל, ווי זי וואָלט זיך באַטראַכט. הגם וואָס מיט זיינע ווערטער וועגן די יידן אין רוים האָט ער אַרויסגערעדט פאַר די אייגענע אויערן די באַהאַלטענע אימה פון זיין האַרצן: די אַלע אומזיכערקייטן און סכנות, וואָס באַדראָען זיין מאָרגן, פונדעסטוועגן טוט עס אים אַ הנאה און ער פילט אַ נקמה דערפון, וואָס גראָד זיי, די פאַראַכטעטע, די אָרימע און די שקלאַפן שטעלן זיך אין וועג פאַר די שטאָלצע פלענער פון דערדאָזיקער שיינער בערעניקע.

יאָסעפוס פלאַוויוס וויל ווייטער רעדן. ער שפירט אין זיך ביסלעכווייז אַ פאַרצווייפלטן כוח. דער פלאַן איז געווען אַ גוטער. יאָ, זיינע אַרגומענטן וועלן עס באַווייזן. יאָסעפוס פלאַוויוס, — ער איז פאָרט דער פעיקער רעטאָר (טראַכט ער אַליין מיט צו-פרידנקייט), ער רעדט קלוג, כיטרע, ער ווייסט ווי אָנצוגרייפן, דאָסדאָזיקע פאַרהאַסטע ווייב, די בערעניקע, זי וועט ציטערן. ער וועט איר צו נישט מאַכן אַלע די שאַלקהאַפטיקע חלומות. זי דערמיט דערנידריקן. ער סדרט-צוזאַמען זיינע געדאַנקען (דער קאָפּ אַרבעט איצט ביי אים מאָדנע קלאָר) און ער וויל ווייטער אָנהייבן צו רעדן, יאָסעפוס פלאַוויוס, נאָר עס גיט אים פלוצלינג אַ שוידער. —

פון הינטער די טיר-פאָרהאַנגען דערהערט ער אַ שטילן צייכן.

דאָס גיט דער טיר־היטער דעמעטריוס צו וויסן יאָסעפּוסן (לויט אַ שוין פון לאַנג אָפּגערעדטן סימן), אַז ס׳איז אין דרויסן עפּעס פאָרגעפאַלן.

יאָסעפּוס פלאַוויוס לויפט שנעל צו צו דער טיר. ער ווערט ווידער בלייך און דערשראָקן. (אַ יעדע אומגעריכטע ידיעה פילט אים אָן מיט אומבאַקאַנטער שרעק). ווי מיטאַמאָל האָט ער פאַרגעסן אָן בערעניקען. יאָסעפּוס פלאַוויוס שטעקט פאָרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ פון צווישן די טיר־פאָרהאַנגען.

אויף דער צווייטער זייט שטייט דער טיר־היטער דעמעטריוס.

— האַר, — זאָגט דעמעטריוס טרוקן, — עפּעס אַ שקלאַף וויל מיט אייך רעדן.

— אַ שקלאַף? — פרעגט יאָסעפּוס שוואַך און אומאַנטשלאָסן, — וואָס וויל ער?

— ער האָט צו אייך זייער אַ וויכטיקן ענין, זאָגט ער און ער וויל נישט אָפּטרעטן. כ׳האָב אים שוין געגעבן מיט אַ שטעקן איבער דער פּלייצע, נאָר ער טרעט נישט אָפּ. דערצו דערמאָנט ער מיט חוצפה אייער נאָמען.

— אפשר פון... קייזער? אַ בריוו?... אַ שליחות?... — פּליסטערט אומרויק יאָסעפּוס.

— ס׳איז נישט קיין קייזערלעכער שקלאַף, האַר, — ענטפערט דעמעטריוס, — נאָר אַזוי איינער אַ געמיינער שקלאַף, שוין אַן עלטערער און אין אָפּגעריסענער הלבשה. זאָל איך אַוועקיאָגן, האַר? — פרעגט דעמעטריוס קאַלט, — מיר וועלן אים אין דרייען גוט צוריכטן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן, דער מנוול.

— וואַרט, דעמעטריוס, וואַרט, — שעפּטשעט וואָס אַמאָל אומרויקער יאָסעפּוס פלאַוויוס, עס ווערט אים אומהיימלעך אויפן האַרצן און ער דערפילט דעם באַקאַנטן שלעכטן טעם אין מויל, וואָס קומט אים תמיד ביי אַ פּלוצלינגדיקער אויפרעגונג. ער דערמאָנט זיך אָן בערעניקען, וואָס שטייט איצטער רויק ביים טיש. יאָסעפּוס פלאַוויוס דרייט פאָרזיכטיק אויס דעם קאָפּ, כדי צו זען, וואָס בערעניקע טוט און אויב זי הערט זיינע ווערטער, גלייכצייטיק שטרעקט ער אינסטינקטיוו אויס די האַנט נאָך

דעמעטריוסן. ער וויל אים אויפהאַלטן. — וואַרט-צו, דעמעטריוס, — זאָגט יאָסעפּוס וואָס אַמאָל שטילער, — כ׳וועל שוין אַליין אַ קוק-טון...

דער חשובער יאָסעפּוס פלאַוויוס גנבעט זיך בסוד אַרויס פון דעם קייזערלעכן ביבליאָטעק-חדר. ער שלייכט זיך אַרונטער הינטער די טיר-פאָרהאַנגען און גייט פאָרויס פאַר דעמעטריוסן.

ערשט אין אַטריום דערפילט ער ווי עס היצן אים די באַקן. אַ לייכטער נאַכט-ווינט בלאָזט-אַריין דורך דער אויבערשטער דאַך-עפנונג. קילט אים. אינם אַטריום איז נישט גאַנץ פינסטער. אַ שוואַכע שיין פון דער לבנה באַהעלט עטוואָס דעם רוים. אין דער שטילקייט הערט זיך ווי עס רוישט פרעמדלעך דאָס וואַסער אין דעם שפרונג-ברונעם. יאָסעפּוס פלאַוויוס באַמערקט פלוצלינג זיין אייגענעם שאָטן ווי ער פאַרגרעסערט זיך און וואַנדערט אים נאָך אויף דער מאָזאַיק-פּאָדלאָגע, אויף דער רייך-באַמאָלטער וואַנט. ער דרייט זיך אום. זערזעט דעמעטריוסן. יאָסעפּוס ווייזט אים מיט אַ פינגער ער זאָל בלייבן.

דורכן אָסטיום גייט ער צו צום הויז-טויער, שפּאַרט עס לייכט אויף. שטרעקט פאָרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ. אין דרויסן שטייט אַ קילבלעכע לבנה-נאַכט. געדיכטע שטיקער וואָלקן שוועבן איבער דעם טונקעלן אויסגעשטערנטן הימל. ווי אַ שווערע זילבערנע שיף שווימט די לבנה צווישן די ליכט-באַזוימטע וואָלקנס.

די לבנה טויכט-אַרונטער הינטער אַ וואָלקן. עס ווערט טונקעלער.

ווען יאָסעפּוס באַמערקט קיינעם נישט, גייט ער מיט שטילע טריט אַפּער אויף דער טונקעלער גאַס. דער ווינט בלאָזט שטאַרקער. ביי יאָסעפּוסן ווייען זיך, דורכן ווינט, די פאַלדן פון זיין לאַנגן סירישן מלבוש. ער קוקט זיך זאַכט אום: נעבן דער מאַרמאָרנער דאָרישער זייל, וואָס פאַר יאָסעפּוסעס ווילאַ, שטייט די נישט-הויכע פיגור פון אַ מענטש.

יאָסעפּוס פלאַוויוס באַמיט זיך צו באַאָבאַכטן: ווער איז עס? רעדט ער צו זיך אַליין. די פיגור איז אים קוים קענטלעך.

אויך יענע אומבאַקאַנטע מענטשלעכע פיגור האָט יאָסעפּוסן נישט באַמערקט.

די לבנה שיינט פּלוצים אַפער פון הינטער אַ וואָלקן. עס ווערט מיטאַמאָל ליכטיקער...

יאָסעפּוס פלאַוויוס גיט זיך אינסטינקטיוו אַ צי צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן.

יאָסעפּוס האָט אין יענעם מענטש דערקענט דעם פּויער פון דער יודפּתער ציסטערנע.

דער פּויער שטייט איינגעבויגן. ער איז שטאַרק אָפּגעריסן און מיט אַן אַנטבלויזטן צעשויבערטן קאָפּ. ביי דער לעצטער באַוועגונג פון יאָסעפּוס פלאַוויוס דערזעט ער אים. דער אַלטער פּויער, דער אָרימער שקלאַף גייט גלייך צו צו יאָסעפּוסן.

— איר דערקענט מיך, יוסף דער זון פון מתתיהו? — זאָגט ער מיט אַ שטילער, אָבער זייער אַ פעסטער שטים.

יאָסעפּוס פלאַוויוס גיט זיך אַ וואַקל, ער באַהערשט זיך אָבער אויגנבליקלעך, שטעלט זיך שטראַם אַנידער, הייבט-אויף די אויגן צו דער לבנה: — ניין... איך קאָן מיך נישט דערמאָנען, — זאָגט ער רויק.

דער אַלטער פּויער לאַכט-אויף ווי אַ משוגענער: — יאָסעפּוס... יוסף בן מתתיהו... איר דערקענט מיך נישט? איר געדענקט, — זאָגט ער פאַרביטערט, — הינטער יודפּת, אין אַספּסינוסעס קריגס-געצעלט, ווי מיר ביידע זענען פאַרן רוימער געשטאַנען געשמידט אין שווערע קייטן? איר געדענקט יענעם ברונעם אין יודפּת? אָ, ווי איר האָט מיך דאָרט פאַרבלענדט. איך האָב נישט געוווסט, אַז איר פעלשט די גורלות. — דער פּויער, דער שקלאַף הייבט-אָן צו רעדן וואָס אַמאָל העכער: — יוסף דער זון פון מתתיהו, ניין, איר דערקענט מיך נישט? ווירקלעך נישט? וואָרים, ווי אַזוי זאָלט איר מיך דערקענען?... איר זייט איידלמאַן, רוימישער הער, און איך בין פאַרקויפט געוואָרן צו אַ שכורן גריך. איך אַרבעט פאַר אים ווי אַן אייזל. די שווערסטע אַרבעט. דער שכור שלאָגט מיך יעדן טאָג. יוסף בן מתתיהו, חשובער כּוהן, איר האָט פאַראַטן דאָס יידישע לאַנד, איר האָט אייערע חברים אויס-

געקוילעט און זיך אַליין פאַרקויפט צו די רוימער. יאָרן האָב איך אייך אַרומגעזוכט. אומעטום. נאָר איך האָב נישט אויסגעפונען אייער געביין. ווו זענט איר געווען די גאַנצע צייט, יוסף פלאַוויוס, ווען טויזנטער העלדן זענען געשטאָרבן אויף די קרייצן? אין די פּאַלאַצן פון די טיראַנען. איר האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון דידאָזיקע, ווען איר האָט פאַרקויפט דאָס יידישע פאָטערלאַנד און אייער ערע. פלאַוויוס! יאָסעפוס פלאַוויוס! שאַנד און פלוך דיר, יאָסעפוס פלאַוויוס! — הייבט מיטאַמאָל אָן דער פויער אינמיטן דער ליידיקער בייניאַכטיקער גאַס צו שרייען מיט אַ הייזעריק און וואַנזיניק קול. ער דערנענטערט זיך מיט כעס צו יאָסעפוסן און נעמט אים ברוטאַל אָן פאַר דעם קאָסטבאַרן סירישן מאַנטל, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דאָסדאָזיקע מלבוש אַרונטעררייסן.

יאָסעפוס פלאַוויוס וואַקלט זיך אויף זיין אָרט, ער ציטערט ווי אַ בלאַט, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. דער פויער טאָרעט אים פאַרן רייכן זיידענעם מאַנטל. יאָסעפוס פלאַוויוס מאַכט מיט די הענט אין דער לופט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעוועדט, אָדער געבעטן הילף. נאָך אַ קליינער ווייל קייכט ער ענדלעך אַרויס:

— אפשר ווילט איר געלט?... — זאָגט ער שוואַך. — איך וועל אייך אויסקויפן. איך וועל אייך רייך מאַכן. נאָר שווייגט. אין גאָטס נאָמען, שווייגט.

דער אַלטער פויער, דער שקלאַף טוט אַ שפּיי-אויס פאַר יאָסעפוסן און די אויגן לויפן אים אָן מיט בלוט. יאָסעפוס פלאַוויוס טוט אַ קוק אויף דידאָזיקע ווילדע, מיט בלוט אָנגעלאָפענע אויגן. ווי די אויגן פון אַ צעיושעטן וואָלף גלאַנצן זיי אים אַקעגן אין דער נאַכט. יאָסעפוס פילט זיך פּלוצלינג אָנמעכטיק ווי אַ קינד און ער קאָרטשעט זיך איין אין זיין לאַנגן סירישן מלבוש. ער פּרוּווט זיך אַרונטערצורוקן הינטער איינער פון די מאַרמאָרנע זיילן, וואָס שטייען פאַר זיין ווילאַ. דער פויער האַלט אים אַלץ פאַרן מאַנטל.

— איך שפּיי אויף דיין געלט, בוגד, פעלשער, שקלאַף פון די טיראַנען! — שרייט דער פויער ווידעראַמאָל אויף אין דער נאַכט מיט אַ ווילד קול.

דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט נאָך געלעבט אין דעם געהירן פֿון יאָסעפֿוס פלאַוויוס, איז געווען, אַז ס׳קאָנען נאָך לייכט דערהערט ווערן די געשרייען פֿון דעמדאָזיקן אומגליקלעכן פויער. ס׳וועט ווערן אויף דער גאַס אַ צוזאַמענלויף. אַלע וועלן הערן און דאַן — איז ער, יאָסעפֿוס פלאַוויוס, ענדגילטיק פאַרלוירן אויף תמיד. (דאָס האָט ער נישט פאַרגעסן אין זיין הילפלאָזער אָנמעכטיקייט). מיט די לעצטע כוחות, וואָס יאָסעפֿוס פילט נאָך אין זיינע אבֿרים, כאַפּט ער דעם פויער אָן פאַר דער האַנט. יאָסעפֿוסעס פינגער זענען איינגעשטאַרט ווי געפרוירן, פונדעסטוועגן כאַפּט ער אָן דעם איינגעדאַרטן אָרעם פֿון דעם פויער ווי מיט צוואַנגען. דער פויער שפּירט גאָרנישט ווי יאָסעפֿוסעס פינגער גראָבן זיך איין אין זיין פלייש. ער שרייט כּסדר, וואָס אַמאָל העכער, אויפגעברויזטער. ער רייסט יאָסעפֿוסן פאַרן מאַנטל און ער באַמערקט נישט ווי יאָסעפֿוס ציט אים פּאַמעלעך נאָך זיך אַריין אין דער ווילאַ.

אין אַטריום ערשט גיט יאָסעפֿוס פלאַוויוס אַ טיפֿן אָטעם. אַלצדינג קלעבט אויף אים אין קאַלטן שווייס. די באָרד קלעבט אים אויף די באַקן. ער פאַרהאַקט הינטער זיך דאָס טויער. דער פויער באַמערקט נאָך אַלץ נישט ווו ער געפינט זיך, וואָרים ער היצט זיך און שרייט, וואָס אַמאָל שטאַרקער. יאָסעפֿוס פלאַוויוס שלעפּט אים מיט זיך. דער פויער רייסט יאָסעפֿוסן און הייבט זאָגאַר אויף אַ האַנט אים צו געבן איבערן קאָפּ. יאָסעפֿוס בייגט-אַוועק דעם קאָפּ, כּדי אויסצומיידן דעם קלאַפּ.

אין אַטריום ביים שפּרונג-ברונעם אין דער טונקלקייט וואַרט דער טיר-היטער דעמעטריוס. דערזעענדיק ווי אַ שקלאַף שרייט און רייסט יאָסעפֿוסן פאַרן מאַנטל און יאָסעפֿוס רופֿט אים נישט צו הילף, פאַרבאַהאַלט זיך דעמעטריוס שנעל הינטער אַ פאַרהאָנגענער סטאַטוע פֿון קייזער אַספּאַסיאַנוס.

ביי די שווערע טיר-פאָרהאַנגען פֿון דעם ביבליאָטעק-חדר לאָזט יאָסעפֿוס פלאַוויוס אָפּ דעם פויער. יאָסעפֿוס גיט זיך אַ וויש מיט דער האַנט איבערן פּנים. — פלאַוויוס... בוגד! — קייכט דער פויער. ער זוכט יאָסעפֿוסן נישט אָפּצו-

לאָזן. זיי אַמפּערן זיך אין דער טונקלקייט פאַר די פאָרהאַנגען.

פון דרינען אין דער ביבליאָטעק הערט זיך אַ לייכטער אויפשריי פון אַ פרוי: בערעניקעס קול. יאָסעפוס פלאַוויוס גיט אומווילקירלעך אַ שאַר-אויף די טיר-פאָרהאַנגען. בערעניקע שטייט ווי ראַטלאָז אינמיטן דעם ביבליאָטעק-חדר. די שוואַרצע קאָפּשלייערן העגנען איר אין אומאָרדנונג אַראָפּ איבער די צעפּ. דער רויטלעכער שיין פון די אייל-פלאַמען אין דעם גרויסן קאָרינטישן לייכטער וואַרפט אויף איר אַן אָפּגלאַנץ. בערעניקע איז בלאַס, די ווינקלען פון איר מויל ציטערן.

זי טוט אַ קוק אויף יאָסעפוסן:

דערשראָקן, צעשויבערט, פאַרשוויצט, מיט שוים אויף די ליפּן, אַזוי אַמפּערט זיך יאָסעפוס פלאַוויוס מיט אַן עלטערן אומבאַקאַנטן שקלאַף. דאָס איז יאָסעפוס פלאַוויוס, — פליט איר אַדורך אַ געדאַנק דורכן קאָפּ. זי ווערט צופרידן דערפון, וואָס זי האָט אים קוים דערקענט. דאָס איז ער, דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס, דער אַלטער שטאָלצער כּוהן פון ירושלים, דער באַרימטער לאַנד-נשיא פון גליל. יאָסעפוס פלאַוויוס, דער רוימישער בירגער, טיטוסעס פריינט, וואָס אָקאָרשט האָט ער צו איר גערעדט אַזוי זעלבסטבאַוווסט און איר, דער פּרינצעסין בערעניקע, אָפּגעזאָגט אַ בקשה!! די באַקן רויטלען זיך איר פאַר ביזוויליקייט: ער קוקט דאָך איצטער אויס, דערדאָזיקער יאָסעפוס פלאַוויוס, אָרימער און הכנעהדיקער ווי דער אָפּגעריסענער שקלאַף, מיט וועלכן ער אַמפּערט זיך אויף דער שוועל פון דער געוועזענער קייזערלעכער ביבליאָטעק. בערעניקע דערפילט אַן עקל צו יאָסעפוסן. די פּייערלעך פון אירע אויגן גלאַנצן-אויף מיט שפּאָט. פּלוצלינג קומט עס איר אויפן זינען, אַז זי איז אַנטדעקט: דאָס האָט טיטוס אַהערגעשיקט אַ באַהאַלטענעם הענקער איר צו נעמען דאָס לעבן.

אַן אייזיקע אַנונג פונם טויט שוידערט זי אַדורך. צוגלייך אָבער וועקט זיך די האַרטנעקיקע גאווה אין דערדאָזיקער שטאָלצער פּרינצעסין. זי ציט-איין די פּלייצעס און שטעלט זיך גלייך, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן.

— וועמען ברענגט איר מיר דאָ אַריין, יאָסעפוס? — זאָגט זי הויך אויפן קול. זי איז אַריין אין צאָרן.

יאָסעפוס פלאַוויוס וואַרפט איר צו אַ בליק פול טויט-שרעק און ווילדן האַס: זי זאָל שווייגן. דער פויער לאָזט-אָפּ יאָסעפוסן און זאָגט מיט אַ מיד און איראָניש געלעכטער:

— יוסף, דער זון פון מתתיהו, חשובער כּוהן... זונות און קעבס-ווייבער אין דיינע מויערן. ווער איז דאָס ווייב, יוסף בן מתתיהו? אַ רוימערין? דאָס האָט זי דיר טיטוס געשענקט?

ער וויזט דערביי מיט זיין האַנט אויף בערעניקען. אומ-ווילקירלעך און שנעל לאָזט בערעניקע אַראָפּ די שוואַרצע שלייערן איבער איר פּנים. בושה און אומגעהייערע ביטערקייט דריקט איר אויף דער נשמה: אין יאָסעפוסעס קעגנוואַרט זידלט זי אַ געמיינער שקלאַף... זי וויל אויפשרייען, נאָר זי בייסט זיך די ליפּן ביז בלוט.

דער גלילער פויער, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג באַרויקט, ווענדעט זיך צו יאָסעפוסן:

— יאָסעפוס, דער זון פון מתתיהו, יעדע מינוט וועלן ביי דיין טיר אָנקלאַפּן די קייזערלעכע זעלנער. די צענטוריאָ און ליקטאָרן. איך בין אַנטלאָפן פון מיין האַר. עס איז אַנטדעקט גע-וואָרן אַ געהיימער בונט פון שקלאַפן. מ'האָט אונז אַנטדעקט, בעת מיר האָבן זיך געזאַמלט אין די גרעבער היינטער רוים. מ'באַ-שולדיקט אונז, אַז מיר ווילן אונטערצינדן רוים, כּדי זיך נוקם צו זיין אָן אונזערע באַלעבאַטים. נאָר ווייניקע פון אונז האָבן באַוויזן צו אַנטקומען. די צענטוריאָ זענען אויף אונזערע שפּורן. באַלד וועלן זיי אויפרייסן די טירן פון דיינע פּאַלאַצן, איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס, און דיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון אַ צעבונטעוועטן שקלאַף. וואָס וועט זאָגן טיטוס? וועסטו דיר איצט אויך קאָנען ראַטעווען דאָס לעבן ווי דאַן אין דער ציסטערנע פון יודפת? וועט דיר דער רוימער גלויבן? — דער פויער זעצט זיך אַנידער אויף אַ קאָסטבאַרער מאַרמאָרנער שטול, וואָס שטייט אינ-מיטן דעם ביבליאָטעק-חדר. ער לייגט-אויס די הענט אויף דער קני און קוקט אויף יאָסעפוסן מיט אַ בליק פול ציניַשער נקמה:

— איצטער וועלן מיר ביידע ענדלעך אומקומען צוזאַמען, — לאַכט ער אויף ווי אַ משוגענער. ער פּאַטשט מיט די הענט אויף דער קני: — יוסף בן מתתיהו, יאָסעפוס פלאַוויוס, חשובער כּוהן, דו וועסט צוזאַמען געקרייציקט ווערן מיט אַ געמיינעם אויסגעשמיסענעם שקלאַף. —

דאָס בלוט שלאָגט דעם חשובן יאָסעפוסן אין פּנים אַריין, ער פאַרלירט מיטאַמאָל די הערשאַפט איבער זיך. ער שרייט-אויס ווי נישט מיט זיין קול: — וואָס האָסטו געטון... עלנטער?

דער גלילער פויער זאָגט געלאַסן מיט האָפנונגסלאָזער רויקייט: — איך האָב דיך געזוכט, יוסף בן מתתיהו... שוין יאָרן ווי איך זוך דיך. אין דעם יודפתער ברונעם האָסטו מיר נישט אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אין האַלז אַריין. דאָס מעסער אָבער וועט אונז נישט מיידן... אַזוי איז אויסגעפאַלן דער גורל. טאָג-טעגלעך האָט מיך דער [illegible]כּורער גריך געשלאָגן. איך בין אַנטלאָפן געוואָרן. אין די גרעבער הינטער רוים זאַמלען זיך די שקלאַפן און די געפאַנגענע פון יהודה. — טויט דעם קייזער, די הערן און די מעכטיקע פון דער ערד! די וועלט איז די נחלה פון די אָרימע.

באַוועגונגסלאָז, ווי פאַרשטאַרט, קוקן די אויגן פון יאָסעפוס פלאַוויוס אויף דעם פויער אויף דער שטול. זיינע אויערן גלויבן זיך נישט צו: צי הערט ער ריכטיק? שאַנד! פרעכע ווערטער פון מרידה אין דער קייזערלעכער ווילאַ! רעדער דרייען זיך יאָסעפוסן פאַר די אויגן, ער דערקענט זיין אייגן צימער נישט: די טייערע מעבל-שטיקער, וואָס דערמאָנען אים תמיד אָן דעם קייזערלעכן חסד, — עס דוכט זיך אויס יאָסעפוסן, אַז זיי פאַרבאַהאַלטן זיך פון אונטער זיינע בליקן, כּדי נישט צו זיין קיין עדות פון אָט-אָ דער שרעקלעכער סצענע, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אין דער ביבליאָטעק פון קייזער אַספּסיַנוס. יאָסעפוסעס בליקן זוכן בערעניקען. זי שטייט פאַרשטיינערט אויף איר אָרט. טיף אַראָפּגעלאָזענע שלייערן איבער איר פּנים. ער קוקט אויף איר ווי ער וואָלט געבעטן ביי איר הילף... די קניען ציטערן אונטער אים. איינזאַם, שרעקלעך עלנט אין גאָר דער וועלט, עלנטער ווי אין זיין גאַנצן שווערן

סכנותפולן לעבן איז ער איצט, יאָסעפוס פלאַוויוס. טרערן שטיקן אים אין האַלז... ער דערשפירט ווי די אויגן-אַפּלען טוען אים ווײ. מיט טויט-שרעק קוקט ער אויף דעם אָפּגעריסענעם שקלאַף, וואָס זיצט פאַר אים אויף דער קונסטפולער שטול אויס איידעלן פאַרישן מאַרמאָר. יאָסעפוס פלאַוויוס דערמאָנט זיך פלוצלינג, ווי ער איז געשטאַנען מיט שווערע קייטן אויף די פיס פאַרן קייזער אַספּאַסיִנוס אין רוימישן קריגס-געצעלט הינטער יודפת (אויך דעמאָלט האָט ער געשוועבט צווישן טויט און לעבן). איצטער שטייט ער, יאָסעפוס פלאַוויוס, דער באַרימטער פעלדהער, דער כּוהן, דער פריינט פון קייזער טיטוס, פאַר אַ שטינקנדיקן שקלאַף... יאָסעפוס פילט זיך פאַרמאַטערט, דערנידריקט. אָרימער יאָסעפוס (טראַכט ער מיט אירָאָניע), דיין גאַנצער רום איז צעטרעטן, די נאַכוועלט וועט דט-אָפּ פון דיר איר פנים פאַר בושה. שעם זיך, יאָסעפוס פלאַוויוס! — עס לויפט אים מיטאַמאָל אַדורך דער געדאַנק דורכן קאָפּ: זי, בערעניקע, דאָסדאָזיקע שאַלקהאַפטיקע ווייב, איז דער עדות פון זיין שאַנד, זי קוקט אים ציניש אַריין אין דער נשמה, זי האָט הנאה. פאַרביטערטסטע פאַרצווייפלונג שלאָגט יאָסעפוסן אין פנים אַריין. זיינע פינגער באַלאָנדזשען קראַמפּהאַפט ביי דער זייט פון זיין זיידענעם סירישן קלייד, ווי זיי וואָלטן דאָרט געזוכט אַ שווערד. ער וואָלט אַמבעסטן זיי ביידע דערשטאָכן. זיך אַליין גענומען דאָס לעבן... פלוצלינג פילט ער זיך ווידער שוואַך, עלנט, אַנטמוטיקט, די קני בייגן זיך אונטער אים, קוים ער האַלט זיך איין נישט אַנידערצופאַלן.

— ווייסן די צענטוריאָ, אַז איר זענט דאָ אַהערגעלאָפן אין מיין הויז? — פליסטערט ער ענדלעך קוים אַרויס.

דער פויער לאַכט יאָסעפוסן קאַלטבלוטיק אין פנים אַריין:

— זיי ווייסן, יוסף בן מתתיהו... (ער האָרכט-אויף) — אָט קלאַפּען זיי שוין אין דרויסן. מיר האָבן צוגעשוווירן און מיר טאָרן נישט לעבן. געדענקט איר דעם גורל? אָ, יאָסעפוס, יאָסעפוס, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט? — זאָגט דער פויער מיט אַ מיד קול. ער ווערט שטיל און האָרכט אויפמערקזאַם אויף. ער זאָגט שוואַך און האָפנונגסלאָז: — פאַרוואָס הערט מען נאָך נישט

קלאַפּן ביי דער טיר די כּלי־זיין פון די צענטוריאָ? טויט דעם קייזער, די הערן...— שרייט ער ווידער מיט כּעס. ער ווענדט זיך מיט ברענענדיקע אויגן צו יאָסעפוסן: — ווען די צענטוריאָ באַלד נישט קומען, וועל איך זיי רופן. איך וועל שרייען, זיי זאָלן דערהערן און קומען. יוסף בן מתתיהו, גרייט אייך צו.

דער פויער גיט זיך אַ ריס פון זיין אָרט, ער וויל צולויפן צו דער טיר. דאָ טוט זיך פּלוצים בערעניקע אַ באַוועג, זי ווענדט זיך שטרענג מיט איר גאַנצער געשטאַלט צו דער זייט פון יאָסעפוסן:

— יאָסעפוס פלאַוויוס, — זאָגט זי רוי און גיפטיק און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, — געדענקט, איר זענט דער פריינט פון דעם קייזער, כּוהן, און אַ שפּראָץ פון דעם קעניגלעך־חשמונאישן געשלעכט...

דער פויער פּרוּווט צוצולויפן צו יאָסעפוסן און אים אָנ־צוכאַפּן פאַרן מאַנטל. מיטאַמאָל הייבט ער אָן צו שרייען:

— דאָ זענען מיר, איר תּלינים פון קייזער. קומט, קומט. קרייציקט אונז! קרייציקט אונז!

יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט הילפלאָז ווי אַ קינד. זיינע אויגן פינטלען. ער וואַקלט זיך.

פול מיט שפּאָט זאָגט בערעניקע:

— איך מוז מודה זיין, יאָסעפוס פלאַוויוס: איר זענט אַ פּחדן ווי אַלע פּרושים. דאָס ליגט אין אייער כאַראַקטער, יידישער כּוהן. איך האָב פון תּמיד־אָן נישט געליטן די כּוהנים, — זאָגט זי טרוקן. — דער, וואָס באַשרייבט פאַר די קומענדיקע דורות די טאַטן פון קייזער טיטוס, איז שוואַך ווי דאָס שוואַכסטע ווייב. נישט בחנם זענען אייערע ווייבער פון אייך אַנטלאָפן, — לאַכט זי גיפטיק. — אַ שקלאַף באַשפּייט אייער כּבוד, אייער ערע און דער באַרימטער מאַן שווייגט. איז נישטאָ דער מינדסטער שטאָלץ אין אייער האַרצן?

דער פויער לויפט וואָס אַמאָל ווילדער אַרום איבער דער ביבליאָטעק: — קומט, קרייציקט אונז, קייזערלעכע הענקער, קרייציקט אונז. יוסף בן מתתיהו, פעלדהער פון יידישן חייל, באַצאָל דיין חובֿ!

יאָסעפוס פלאַוויוס הייבט-אויף אַ פּאָר טויטע אויסדרוקלאָזע אויגן צו בערעניקען.

בערעניקע זאָגט ציניש:

— יאָסעפוס פלאַוויוס, גייט מיט אים! און איך בין געקומען צו אים בעטן אַ בקשה, — גיט זי צו מיט איראָניע.

דער פויער שרייט וואָס אַמאָל וואַנזיניקער. ער לויפט-אַרום איבערן ביבליאָטעק-צימער און ווענדט זיך כסדר צו יאָסעפוס פלאַוויוס מיט די ביטערסטע זלזולים און דראָונגען. יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט אַלץ אין זיין צוזאַמענגעבראָכנקייט, זיין געשטאַלט איז געבויגן, אין זיין האַרצן איז קאַלטע לערקייט, וויסטע פוסטקייט. מאָמענטנווייז גלויבט ער פולשטענדיק צו האָבן פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. עס ווונדערט אים נאָר, ווי ער האַלט זיך נאָך אויף די פיס. אַ יעדע הערשאַפט איבער זיינע הענט האָט ער פאַרלוירן, ער קאָן מיט זיי נישט באַוועגן. די אויגן בריען אים אין די אויגן-לעכער ווי צוויי פייערדיקע שטיינער, זיי קוקן בלויז אויף איין זייט: דאָרט, ווי אַ שוואַרצער, בייזער דעמאָן שטייט די שטאָלצע געשטאַלט פון בערעניקען. דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן אין דער נשמה ביי אים, איז דער טעמפּער און ווילדער האַס צו דערדאָזיקער שוואַרצער געשטאַלט. ער קוקט אויף איר, און אים איז ווי מען וואָלט זיין לייב געבראָטן אין זידיקן אייל. טיילמאָל וויל ער אויפשרייען, נאָר די צונג איז אים געליימט אין מויל. צווישן די ציין איז אים זויער, די ליפּן הענגען אים שלאַבריק אַראָפּ איבערן מויל. ער זעט נאָר בערעניקעס געשטאַלט און עס דוכט זיך אים אויס: בערעניקעס גוף פאַרנעמט דעם גאַנצן חלל פון דעם קייזערלעכן חדר. אָרימער יאָסעפוס פלאַוויוס! — דערדאָזיקער געדאַנק בליצט נאָר צייטווייז אויף אין זיין געהירן. ער האָט אויף זיך זעלבער רחמנות. פאַראַכטונג. ער דערמאָנט זיך זיין אייגענעם נאָמען ווי וועגן עפּעס אַ פרעמדער זאַך, וואָס געהער זיך מיט אים נישט אָן.

ווידער קלינגט אים אין די אויערן דאָס רויע, בייזווילדיקע און שפּאָטפולע קול בערעניקעס: זי איז אים מבזה, זי לאַכט אים אויס. אָרימער יאָסעפוס! נישט אַלצדינג הערט ער, וואָס זי זאָגט,

ער הערט נאָר ווערטער: וועגן קייזער, וועגן זיין דערנידריקט־קייט און ווי אומרייגקייטן וואָלטן זיך אים געגאָסן איבער די האָר, איבער די באַקן, איבער דער באָרד. יאָסעפוס פלאַוויוס פרוווט צום לעצטן מאָל צונויפֿצונעמען אַלע זיינע כוחות, ווי אַ טיגער זיך וואַרפן אויף דערדאָזיקער שוואַרצער פאַרהאַסטער געשטאַלט, מיט די פינגער זיך איינגראָבן אין איר האַלדז און זי דערשטיקן... אָט פילט ער שוין ווי אַלע זיינע אברים טוען אים ווי פון כעס און פאַרביטערטקייט. עס רירן זיך ביי אים די הענט, די פיס. אָנשטאָט זיך צו באַוועגן פון אָרט, דערשפּירט ער מיט־אַמאָל, ווי עפּעס אַ גרויסע לאַסט טוט זיך אַ ריס אָפּ ביי אים אין האַרצן, אַ הייזעריק און ווילד קול, אַ קול, וואָס דערשיטערט און דערשרעקט פלוצים אים אַליין, רייסט זיך אים אַרויס פון האַלדז:

— דעמעטריוס! — קלינגט זיין אייגן קול ווילד און פרעמד אין זיינע אויערן.

ער דערזעט ווי די שוואַרצע געשטאַלט בערעניקעס גיט אַ ציטער. דער פויער האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן און אַנטשטומט געוואָרן.

דעמעטריוס און עטלעכע שקלאַפן לויפן־אַריין אין דעם ביבליאָטעק־צימער.

— דעמעטריוס! — שרייט וואָס אַמאָל ווילדער יאָסעפוס פלאַוויוס. ער האָט פאַרלוירן אַ יעדע מאַכט איבער זיך. זיינע גלידער ציטערן ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פונאַנדערררייסן. יאָסעפוס איז נישט מער דער האַר פון זיינע אייגענע ווערטער. ער הערט נאָר דאָס קול זיינס, וואָס שטראָמט אים הייזעריק אַרויס פון האַלדז: — נעמט אים, דעמדאָזיקן עלנטן, נעמט אים! לייגט אים אין קייטן... אין דער ציסטערנע מיט אים... איך קען אים נישט... ער וויל אונטערצינדן רוים... איך... איך... בין דער... האַר, איר שקלאַפן!

ער האַקט־אָפּ. אים ווערט שרעקלעך קאַלט. ווי די חיות באַפאַלן די שקלאַפן פון יאָסעפוס פלאַוויוס דעם גלילער פויער. זיי דרייען אים אַרונטער די הענט, כאַפּן אים פאַר די פיס. דער

פויער ווערט זיך נישט, ער זיפצט שטיל אין די הענט פון די צעיושעטע שקלאַפן. זיי טראָגן אים שנעל אַרויס פון דער קייזער-לעכער ביבליאָטעק. ביי די טיר-פּאָרהאַנגען באַווייזט דער פויער נאָר אַ געשריי צו טון: — צום צווייטן מאָל האָסטו מיך פאַראַטן, יוסף דער זון פון מתתיהו, שאַנד דיין געביין, פלוך דיין געדעכעניש!

בערעניקע שאַרט-אַוועק דעם שלייער פון איר פנים. זי לאַכט העל אויף.

יאָסעפוס פלאַוויוס וואַקלט זיך. ער פאַלט אָנמעכטיק אַנידער אויף דער מאַרמאָר-שטול, ווו עס איז אָקאָרשט געזעסן דער גלילער פויער. טרערן פליסן אים איבער די הייסע באַקן, אים ווערט דערפון עטוואָס לייכטער.

בערעניקע מאַכט עטלעכע טריט צו אים. איר פנים איז אָפן און גליקלעך צעשמייכלט. די פלאַמען אינם קאָרינטישן לייכטער באַוואַרפן מיט שוואַך ליכט איר געשטאַלט. אירע אויגן גלאַנצן פריידיק. זי איז איצטער זייער שיין.

— יאָסעפוס פלאַוויוס, איר זענט אַ ווייב, — זאָגט זי הויך אויפן קול און שטעלט זיך אַקעגן יאָסעפוסן.

יאָסעפוס גלאָצט אויף איר. אַלצדינג איז אים פלוצלינג גלייכגילטיק. צומאָל אירע ווערטער טרעפן אים נישט. ער זעט נאָר ווי גלוסטיקע שיינקייטן גליען-אויף אויף בערעניקעס פנים צוזאַמען מיט איר בייזקייט. ער דערמאָנט זיך: דאָסדאָזיקע ווייב איז אַלט פינף-און-פופציק יאָר, און ער באַוואונדערט זי... עס חדושט אים נאָר, וואָס אַ יעדער האַס צו איר איז ווי מיטאַמאָל אין אים אָפּ-געשטאָרבן... אַלצדינג אין אים איז אָפּגעשטאָרבן... וואָס וויל זי פון אים? עס קומט איבער אים אַ מאָדנע רויקייט, ווי ער וואָלט שווער, זייער שווער קראַנק געווען און די כוחות פאַרלאָזן אים ביסלעכווייז. זיין שווער לעבן, זיינע אַנגסטן, צרות, שונאים, אַלץ פאַרלאָזט אים. ער האָט עס הינטער זיך. אַזוי גערן וואָלט ער איצט איינגעשלאָפן. זיך אויסגערוט. אַלץ איז אויס פאַר אים, דעם חשובן יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים. דאָך טוט עס נישט וויי... אומווילקירלעך פאַלן אים איין עטלעכע ציטאַטן פון גריכישע פילאָזאָפן וועגן די אייטלקייטן

פון לעבן און ווי עמיצער וואָלט צו אים גערעדט דידאָזיקע ווערטער פון אַלטער גריכישער חכמה, ווײַל ער צושאָקלען מיטן קאָפּ. נאָר ער באַווייזט זיך נישט צו רירן. כּסדר קוקט ער אויף בערעניקען. ער געדענקט: זי שטייט פאַר אים, דאָסדאָזיקע ווייב און קוקט-אויס זיין טויט, דאָך דוכט זיך אים מאָמענטנווייז, אַז עס שטייט פאַר אים זיין מוטער... בילדער פון זיין קינדהייט שווימען-אויף אין זיין מוח: די פּרעכטיקע שטאָט ירושלים, דאָס בית-המקדש, דאָס געזאַנג פון די לויים. דער קעניגלעכער הויף. די כּוהנים אין זייערע פּראַכט-געווענדער. דאַן — יודפת. די קאַמפן. איז דאָס אַלצדינג אַ חלום? יאָסעפוס שמייכלט שטיל און מיד צו בערעניקען.

די פאָרהאַנגען פון דער טיר טוען זיך ראַש אויף. דעמעטריוס קומט אַריינצולויפן.

— האַר, — זאָגט ער אָן אָטעם צו יאָסעפוסן, — דער קייזער קומט!

יאָסעפוס פלאַוויוס קוקט אויף אים, דעמעטריוסן, מיט דעמזעלבן מידן שמייכל, ווי ער וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען. פּלוצלינג ווערן יאָסעפוסעס בלייכע באַקן שטאַרק רויט, דאָס בלוט שלאָגט אים אין די אויגן אַריין, ער גיט זיך אַ ריס-אויף פון דער מאַרמאָר-שטול, ווי אויפגעוואַכט פון אַ שווערן חלום. יאָסעפוס פלאַוויוס פילט, ווי דאָס בלוט קומט צוריק אין זיינע אברים.

ער לויפט-אַרום איבערן זאַל, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, דאַן ווענדט ער זיך מיט זיין גאַנצן גוף צו דעמעטריוסן, ער הייבט-אָן צו שרייען הויך אויפן קול:

— וואָס שטייסטו נאָך, שקלאַף!? העי, איר שקלאַפן, מער ליכט, מער ליכט. אַהער די גאָלדענע קרוגן, די בעכער, מישט דעם וויין! ברענגט פרישע רויזן!... צינדט-אָן די פאַקעלן. אַ סך פאַקעלן. שנעלער, איר הינט! — יאָסעפוס פאַרקייכט זיך און רעדט שטיל צו זיך: — דער קייזער קומט, דער קייזער...

בערעניקע וואַקלט זיך. יאָסעפוס פלאַוויוס באַמערקט זי פּלוצלינג. ער לויפט-צו צו איר מיט געביילטע פויסטן:

— דער קייזער קומט, וואָס טוסטו דאָ? — שרייט ער גראָב. ער כאַפּט בערעניקען אָן פאַר אַן אַקסל און פילט ווי איר קערפער איז שוואַך אין זיינע הענט. בערעניקע גיט זיך נאָך. דאָס שטייגערט נאָך מער יאָסעפוסעס צאָרן. ער נעמט זי פעסטער און זיכערער אָן פאַרן אַקסל. בערעניקע שווייגט. זי לאָזט אַלץ מיט זיך טון און יאָסעפוס שפּירט ווי בערעניקעס פלייש איז קיל און ציטערט לייכט אין זיינע הענט.

— וואָס טוסטו דאָ? — חזרט ער נאָכאַמאָל איבער גראָב. ער שטופּט זי שנעל אַרויס דורך אַ זייטן-טיר.

ראַש לויפט ער צו צום טיש. מיט זיינע שווייסיקע און פיבערדיקע הענט מאַכט ער זיך גלייך די באָרד און ער באַווייזט נאָך אויף זיך אַרויפצוגיסן אַ ביסל פון דעם שמעק-וואַסער, וואָס שטייט אין אַ בראָנזענעם קרוג אויפן טיש.

פון הינטער די טיר-פאָרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט. יאָסעפוס פלאַוויוס קאָרטשעט זיך איין און האָרכט-אויף ווי אַ געהעצטער הונט. ער שפּיצט-אויף די אויערן. די טריט הינטער די טיר-פאָרהאַנגען קלאַפּן ריטמיש, שווער, ווי מיליטער וואָלט געגאַנגען.

יאָסעפוס פלאַוויוס האָרכט.

ברייט טוען זיך אויף די טיר-פאָרהאַנגען. אַ מענגע שקלאַפן שטייען שורות-ווייז מיט צעפלאַקערטע שטורקאַצן אין די הענט. דער גאַנצער הינטערגרונט איז רויט באַלויכטן פון די שטורקאַצן. אינמיטן דערדאָזיקער פייערלעכער שרענגע גייט שווער און מיזאַם די דיקלעכע געשטאַלט פון קייזער טיטוס.

איינגעבויגענערהייט לויפט יאָסעפוס פלאַוויוס טיטוסן אַקעגן. יאָסעפוס פלאַוויוס בוקט זיך טיף ביז צו דער ערד. קוים ער האַלט זיך איין טיטוסן נישט צו פאַלן צו די פיס.

דריטע בילד

טיטוס טראָגט אַ רויטע טאָגאַ אויס לייכטן פּורפּור. אויף זיינע דיקלעכע אומגעלומפּערטע פיס טראָגט ער די האַלב-שטיול פון אַ קאָנסול. די האָר אויפן קאָפּ זענען אים צעשויבערט. טיטוס זעט-אויס מיד און נישט-אויסגעשלאָפן. דער פולער אויפגעבלאָזענער גוף פונם קייזער איז נישט אין דער פּראָפּאָרציע צו דעם קליינעם קאָפּ זיינעם. דאָס שמאָלע צאַרטע פרויען-מויל אונטער דער שאַרף-צוגעשפּיצטער אָדלער-נאָז גיט אים צו עטוואָס פון אַ קינד.

אַ ווײַלע בלייבט טיטוס שטיין אויף דער שוועל און קוקט זיך אום איבער דעם ביבליאָטעק-חדר. ער קוקט-אַריבער איבער דער איינגעבויגענער געשטאַלט פון יאָסעפוס פלאַוויוס, וואָס שטייט אין טיפער הכנעה צוגלייך מיט די איבריקע שקלאַפן. עס דוכט זיך: ער באַמערקט גאָרנישט יאָסעפוסן. די מידע בליקן פונם קייזער בלאָנדזשען איבער די טונקעלע ווענט פון דער ביבליאָטעק. דאָ האָט זיין פאָטער אַספּסיָנוס אַזוי לאַנג געוווינט! באַלד אָבער, ווי ער וואָלט דערוואַכט פון זיינע געדאַנקען, טוט טיטוס שוואַך אַ מאַך מיט דער האַנט, די שקלאַפן זאָלן זיך דערווייטערן.

דאָס גרויסע ביבליאָטעק-חדר ליידיקט זיך אין דער מינוט אויס פון די פיל שקלאַפן. ערשט איצט ווענדט זיך דער קייזער צו דער זייט פון יאָסעפוס פלאַוויוס. די שמאָל-געשניטענע שאַרפע אויגן דעם קייזערס טוען יאָסעפוסן אַ קוק-אָן, ווי ער וואָלט אים אָקאָרשט דערזען:

— דערלאַנגט מיר וויין, יאָסעפוס, — זאָגט ער שוואַך, — איך האָב דורשט, און הייסט מאַכן מער ליכט. ס'איז אַזוי טונקל דאָ.

יאָסעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ריס-אויף פון זיין אָרט און ער לויפט איינגעבויגענערהייט אַרויס דורך די טיר-פאָרהאַנגען. אין אַ קורצער ווייל קומט ער צוריק צולויפן און טראָגט מיט ביידע הענט אַ קאָסטבאַרן גאָלדענעם בעכער. הינטער אים טראָגט דעמעטריוס אַן אָנגעצונדענעם בראָנזענעם לייכטער.

דער קייזער זיצט שוין אויף דער מאַרמאָרנער שטול. זיצנדיקערהייט קוקט ער אויס נאָך מידער און דער גוף זיינער נאָך אויפגעבלאָזענער. טיטוסעס קערפּער גיסט פול אָן מיט זיך די שטול. די שמאָלע שאַרפע אויגן זענען אים רויטלעך פון נישט-אויסגעשלאָפנקייט. ער נעמט פון יאָסעפוסעס האַנט דעם גאָלדענעם בעכער, ער טרינקט פון אים האַסטיק.

שטיל, אויף די שפּיץ-נעגל שלייכט זיך דעמעטריוס אַרויס פונם ביבליאָטעק-חדר.

די ביידע מענער שווייגן. יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט פאַרן קייזער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי וואַרטנדיק אויף באַפעלן. טיטוס באַטראַכט אים אויפמערקזאַם.

טיטוס טוט פלוצים אַ דריי-אַוועק דעם קאָפּ. ער קוקט זיך אום אויב קיינער הערט נישט, דאַן זאָגט ער מיט אַ מיד קול:

— שוין עטלעכע נעכט ווי איך שלאָף נישט צוליב אייך, יאָסעפוס, — זאָגט ער נישט-זיכער. אַ יעדעס פון טיטוסעס ווערטער קלינגט אומאַנטשלאָסן. — געדאַנקען לאָזן מיך נישט שלאָפן, — זאָגט ער שטיל, — און איך מוז מודה זיין... אייער ווערק וועגן דעם לעצטן קריג אין יהודה דערציילט די מלחמה-געשעענישן מיט אַ מייסטערהאַפטיקייט פון סטיל, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר איינעם פון די אַלטע גריכן. איר פאַראייביקט פאַר די שפּעטערע דורות דעם נאָמען פון מיין פערזאָן און דעם רום פון אונזער הויז. איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער, יאָסעפוס, — זאָגט דער קייזער מיד. ער האַקט פלוצלינג אָפּ, ווי ער וואָלט זיך ווייטער פאַרקלערט.

יאָסעפוס פלאַוויוס בייגט אונטערטעניק אַראָפּ דעם קאָפּ:

— איך דערצייל נאָר דעם אמת, — זאָגט ער שטיל, באַשיידן. ער באַמיט זיך זייער פאָרזיכטיק צו וואַרפן אַ בליק אויפן קייזער.

אַ לייכטער צופרידענער שמייכל באַוויזט זיך אַ רגע אויף טיטוסעס ליפּן. זיין פּנים ווערט אָבער באַלד צוריק מיד, פאַר־כמורעט, אומבאַשטימט.

— אַן אויסטערלישן גורל האָבן מיר באַשערט די געטער, מיין יאָסעפוס... — זאָגט ער שוואַך. נאָכאַמאָל טוט דער קייזער אַ זיפ פון דעם ווײַן אין דעם גאָלדענעם בעכער, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָסדאָזיקע, וואָס ער וויל זאָגן, נאָך אָפּלייגן אויף אַ קורצער ווייל. — די גרויסע טאַטן פון אַנדערע באַרימטע רוימער זענען פאַרבונדן מיט די מפּלות פון פעלקער, וואָס שוין אַ יעדער זיג איבער די־דאָזיקע פעלקער האָט דאָס מענטשן־געשלעכט פול געמאַכט מיט ערע און פּחד פאַרן רוימישן וואָפן. דער רום פון מיין נאָמען אָבער שטייט אין שייכות מיט דער מפּלה פון אַ פאָלק, וואָס איז אומבאַדייטנדיק אַפילו צווישן די באַרבאַרן. זענט איר דען אַמאָל געווען פריי? — זאָגט טיטוס מיט ביטערקייט און פאָרוואורף און ווענדט זיך צו יאָסעפוסן, גלייך ווי ער, יאָסעפוס, וואָלט דערין שולדיק געווען.

יאָסעפוס פלאַוויוס שווייגט.

— איר זענט קיינמאָל נישט געווען פריי, — גיט טיטוס צו נאָך אַ קליינער פויזע. — וועמען האָט איר דען שוין נישט געדינט און וועמענס יאָך האָט איר שוין נישט געשלעפּט אויף אייער באַקן? איר זענט אייביקע שקלאַפן, — פליסטערט דער קייזער אַרויס צווישן די ציין, ווי דאָס וואָרט וואָלט אים באַנג געטון, — דאָך זענט איר האַרטנעקיקער און איינגערעדטער ווי די שטאַרקסטע פעלקער פון דער ערד. איר זענט האַרטנעקיקער ווי די בריטן און גערמאַנען.

יאָסעפוס פלאַוויוס ענטפערט שטיל, מיט געמאַכטער פעסטקייט:

— אַ יעדער זיג איז רומפול. אין דער באַלאַגערונג פון דער שטאָט ירושלים האָט איר באַוויזן וווּנדער פון קריגס־קונסט.

טיטוסעס אויגן לייכטן אַ רגע גליקזעליק אויף. באַלד באַ־קומען זיי ווידער דעם מידן פאַרשלאָפענעם קאָליר.

— רעדט מיר נישט פון דער שטאָט ירושלים, — זאָגט ער

מיט פאַרוואורף. — איך בין רוימער, זעלנער, דאָך האָב איך אויף יענע שלאַכט-פעלדער הינטער ירושלים געהאַט טעג, שרעקלעכע טעג, יאָסעפוס פלאַוויוס. נישט די גרויזאַמקייטן פון מיינע לעגיאָנען, נאָר דער גרויזאַמער אופן, לויט וועלכן איר פאַרטיידיקט אייך, און ווי איר פאַסט-אויף אייער פרייהייט און אייער ערע, — דאָס האָט מיך פול געמאַכט מיט ווידערווילן און שרעק. הינטער ירושלים איז נישט געווען קיין קאַמף פון מענטשן מיט מענטשן, נאָר אַ קאַמף פון מענטשן מיט געשפּענסטער. געשפּענסטער, וואָס האַסן דאָס לעבן און העגנען זיך אָבער אָן און בייסן זיך איין אין לעבן מיט אומפאַרשטענדלעך עקשנות. וואָס ווילט איר פון אַלע? וואָס ווילט איר פון אייך זעלבער? איך האָב איינער אַליין בעת דער באַלאַגערונג געמאַכט רונד-גענג אין די טאָלן אַרום אייער הויפּט-שטאָט ירושלים. די טויטע אין די שלוכטן, די צעפוילקייטן פון די הונגער-פּגרים האָבן איבערגעשטיגן אין עלנט-קייט די אַלע מלחמה-גרויזאַמקייטן, וואָס כ'האָב ווען עס איז געזען. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטיי נאָך עד-היום נישט, פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי עקשנותדיק, יאָ, מיט אַזוי פיל וואַנזיניקער פרייד געוואָרפן אין דעם זיכערן אונ-טערגאַנג. וואָס האָט איר געוואָלט? אומאָפּהענגיקייט? ווען זענט איר דען געווען אומאָפּהענגיק? איך האָב גערעדט צו די פירער פון דער יידישער מרידה מיט ווערטער, וועלכע שטאַרקערע און וויכטיקערע פעלקער פון אייך האָבן קיינמאָל נישט באַקומען צו הערן פונם מויל פון אַ רוימישן פעלדהער. אייער לאַנד איז געלעגן צעטרעטן אונטער מיינע פיס און איך האָב גערעדט צו אייך נישט ווי אַ זיגער, נאָר ווי אַ פריינט. ווי אַ ברודער, — גיט טיטוס צו נישט-זיכער. — איך, טיטוס פלאַוויוס, רוימישער צעזאַר, האָב מיך געבעטן שלום. ירושלים האָט שוין געברענט און איר האָט מיר נאָך געענטפערט מיט חוצפה, ווי איר וואָלט געווען די זיגער.

אין קייזערס טאָן, וואָס קלינגט וואָס אַמאָל ביטערער, פילט זיך נישט דער מינדסטער שפור פון געקרענקטקייט אָדער פאַרדרוס. זיין קול קלינגט גרוי, איינטעניק.

— ס'זענען געווען לויטער פאַרברעכערישע משוגעים, — זאָגט כמעט פליסטערנדיק יאָסעפוס, — זיי האָבן נישט געוווסט אָפּצושאַצן אייער חסד.

— וואָס? משוגעים? — שרייט פּלוצים אויף טיטוס. — זיי האָבן אונטערגעצונדן זייער אייגן פאָטערלאַנד, כדי צו פאַר־ברענען די וועלט. מיט פאַקעלן טראָגט איר זיך אַרום איבער דער וועלט, איר יידן, כדי זי אונטערצוצינדן. פאַר קיינעם פון אירע פיינט האָט רוים נישט אַזוי מורא, ווי פאַר אייך. רוים איז די מענטשהייט. איר זענט די שונאים פון דער מענטשהייט. איר דינט צו עטוואָס, וועמענס נאָמען איר קאָנט צומאָל נישט אָנרופן. נאָמענלאָזע! — קייכט דער קייזער אַרויס, ער וויל זיך אַ הייב־טון פון דער שטול, נאָר פאַלט אַ פאַרמאַטערטער צוריק. ער זאָגט שטיל און ביטער:

— אָט די האַנט מיינע, די האַנט פון אַ רוימישן קייזער, איז הינטער ירושלים פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ יידישן שטיין; פון דאַן אָן איז זי שוואַך.

יאָסעפוס פלאַוויוס הייבט צו טיטוסן אויף זיינע אויגן, ער קוקט אויף אים מיט דער אונטערטעניקסטער בקשה און כיטרער אויספאָרשונג, ער פילט פּלוצלינג אין זיך די אַלטע כוחות, ווי פריער אין זיין יוגנט־צייט, בשעת ער האָט זיך געפונען אין אַ סכנה. ער שפיצט־אויף זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

— איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעלייענט אייערע שריפטן וועגן דעמדאָזיקן יידישן קריג, וואָס איר זעצט איצט איבער אויף גריכיש, — זאָגט מיטאַמאָל דער קייזער. ער טוט אַ קוק אויף יאָסעפוסן און גיט צו: — איידעלער פריינט, איר ווייסט: דאָס שווערע שיקזאַל פון אייער פאָלק איז מיר תמיד נאָענט געווען צום האַרצן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דער טעמפּל פון אייער גאָטהייט זאָל ווערן דער רויב פון פלאַמען. דאָך לייגט איר מיר אין מויל אַריין ווערטער, יאָסעפוס פלאַוויוס, וועלכע איך זאָל האָבן גערעדט צו די רוימישע זעלנער, וואָס אָט די ווערטער קאָנען זיך אויסדוכטן מער לויבגעזאַנג פאַר די מורדים, ווי בזחון־רייד צו אונזערע לעגיאָנען. איך האָב געזאָלט זאָגן: די

יידן, הגם תמיד באַזיגט, זענען זיי אָבער קיינמאָל נישט שוואַך און מאַט געוואָרן; אַז די יידן פאַרמאָגן אַ נשמה-גרויסקייט, וואָס שטעלט זיי העכער פון הונגער, בירגער-קריג און מלחמה, און אַז איבער זייער האַרטנעקיקן אויסדויער אין אומגליק איז די יידן שווער מנצח צו זיין, און נאָך ענלעכע אויסדרוקן, וואָס עס איז זייער מעגלעך כ׳האָב זיי געזאָגט, דאָך, — דאָ טוט דער קייזער אַן אויסדרוקלאָזן שמייכל צו יאָסעפוסן, — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, איידעלער פריינט. מען פאַרהערלעכט אַמאָל אַ באַזיגטן פיינט, כדי דערמיט בולטער אונטערצושטרייכן דעם רום פון דעם זיגער. איר האָט מיך זיכער שלעכט פאַרשטאַנען, איידעלער יאָסעפוס, — גיט צו דער קייזער מיט אַ שוואַכער שטים.

יאָסעפוס פלאַוויוס בייגט זיך טיף איין פאַר טיטוסן, ער הייבט-אויף צו אים זיינע אויגן:

— איך האָב אייך אַלצדינג אָפריער געוויזן, געטלעכער. איר האָט געציילט יעדעס וואָרט, וואָס כ׳האָב געשריבן.

דער קייזער טוט זיך אומגעדולדיק אַ הייב פון זיין אָרט. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און זיין שטים באַלעבט זיך פון באַהאַלטענער ביטערקייט:

— יאָ, אָבער אייער לאַנד איז חרוב. דער מקדש פון אייער גאָטהייט איז אַש און שטויב. טויזנטער פון אייך זענען פאַרקויפט אין דער שקלאַפעריי, און אייער שטאַם פאַרהאַלט זיך מיט אַ האַרטנעקיקייט, וואָס די ווילדע פאַרעקשנטע גערמאַנען זענען אַ גאָרנישט דערקעגן. איר פאַרהאַלט זיך אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע ווי אַ זיגרייך פיינטלעך חייל. איר זענט די שונאים פון דער מענטשהייט. נישט מיר האָבן חרוב-געמאַכט אייער לאַנד, נאָר מיר האָבן צעבראָכן די שטייג פון ווילדע, געפערלעכע חיות. די חיות זענען זיך צעלאָפן איבער דער וועלט. זיי באַדראָען אונז אַלעמען. די מענטשהייט שטייט דורך אייך אין סכנה. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אייער גאָטהייט האָט אייך נישט געראַטעוועט, איר יידן, און אונזערע רוימישע געטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס די ווירקלעכע הארן פון דער וועלט,

פאַראַכטעט איר די געטער. איר פאַראַכטעט דעם... קייזער, — זאָגט טיטוס אומגעדולדיק. — איר העצט אַלע באַרבאַרן אַקעגן אונז. איר העצט די שקלאַפן אַקעגן די פרייע, דעם פעבל אַקעגן די הערן. איך האָב ידיעות. די בריונים, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין מצרים פירן דאָרט אַ העצערישע אַרבעט קעגן רוים. מ׳האָט זיי דאָרט געפאַנגען־גענומען, געמאַטערט זיי און געריסן לעבעדיקע שטיקער פון זייער לייב, זיי זאָלן אָנערקענען דעם אימפּעראַטאָר אַלס זייער האַר, זיי האָבן דאָס בשום אופן נישט געוואָלט טון. אין די טעאַטערן טוט מען אייך אָן פלערליי עגויים, מ׳מאַטערט אייך צום טויט איר זאָלט עסן אַ קליין שטיקל חזיר־פלייש אָדער אַרויסזאָגן אַ וואָרט קעגן אייערע באַרבאַרישע געזעצן און קעגן די הייליקע ספרים פון אייער גאָטהייט. איר טוט עס נישט. פאַרוואָס עסט איר נישט קיין חזיר־פלייש? — ווענדעט זיך פּלוצלינג דער קייזער מיט ביטערן פאָרוואורף צו יאָסעפוסן. טיטוסעס רויט־לעכע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן גלאַנצן דערביי אויף אין טיפן כעס. ער טוט זיך אַזש אַ הייב אין דער מאַרמאָרנער שטול און די פינגער אין דער רעכטער האַנט ציטערן נערוועז. — אָ, איך וויים, — ברומט ער צווישן די ציין, — איר זענט פול מיט האַס צו אונז, אַלצדינג, וואָס ווערט אַרויפדערלאַנגט אויף אונזערע טישן איז ביי אייך טמא, אומריין...

יאָסעפוס פלאַוויוס קאָרטשעט זיך איין, כדי צו ווייזן טיטוסן זיין טיפע הכנעה:

— שונאים, געטלעכער קייזער, טראַכטן אויף אונז אויס בלבולים, — זאָגט יאָסעפוס פאָרזיכטיק און זיין קול קלינגט נידער־געשלאָגן, — די העכערע און איידעלערע קלאַסן פון אונזער שטאַם זענען טריי דער רוימישער מלוכה. אין בית־המקדש האָבן מיר מקריב געווען קרבנות צום וווּל פון די קיסרים. איך בין כּוהן און פון איידעלסטן געשלעכט אין ירושלים און איר ווייסט מיין איבערגעגעבנקייט צו אייך. איך שרייב איצט אַ ווערק, דורך וועלכן איר וועט זיך איבערצייגן, געטלעכער (יאָסעפוסעס שטים קלינגט דערהויבענער, גערייטער), אַז אונזערע געזעצן זענען פול פון מענטשלעכער מאָראַל. איך וועל דאָרט לויט די אידעען פון

די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן דערקלערן, פאַרוואָס טייל זאַכן זענען ביי אונז אָסור און טייל מותר. די תורה און די לערע פון דער איידעלסטער פאַרטיי ביי יידן, די פאַרטיי פון די פּרושים, שטימען פולשטענדיק איין מיט די דערהויבנסטע געדאַנקען פון די סטאָיִקער. גלויבט נישט די שונאים אונזערע, געטלעכער אימפּעראַטאָר.

טיטוס רופט-אויס וואָס אַמאָל געררייצטער:

— רעדט נישט פון די סטאָיִקער, יאָסעפוס פלאַוויוס, דאָס זענען געווען די איידעלסטע פון די גריכן, אייך אָבער האָבן די אַלטע עגיפטער אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד, ווייל איר זענט געווען קרעציקע. איר דינט צו אַ קאָפּ פון אַן אייזל, — זאָגט טיטוס וואָס אַמאָל אומגעדולדיקער, — איר שעכט מענטשלעכע קרבנות. איר היט דעם טאָג שבת, ווייל איר זענט פויל צו דער אַרבעט און אין אייער אַבערגלויבן בוקט איר זיך צו די וואָלקנס און צום הימל. אייער געזעצגעבער משה, צי מאָזיס, איז געווען אַן אַנטלאָפענער שקלאַף. נישט בחנם העצט איר די שקלאַפן. בלוט-נאָנטקייט, — זאָגט דער קייזער פול ביטערקייט.

יאָסעפוס שטאַמלט:

— אַלצדינג די שונאים אונזערע, געטלעכער. אין מיין שריפט אַקעגן אַפּיאָן...

— איך האָב געלייענט אייער שריפט אַקעגן אַפּיאָן. — די פּרויען-ליפּן פון קייזער באַגיסן זיך דערביי מיט שוים און עס כאָרכעלט אים אין זיין קורצן דיקלעכן האַלז. — פלוידעריי. איר איבערצייגט מיך נישט, די דערנידריקסטע זענט איר, די שוואַכסטע. תמיד מוז מען אייך האַלטן אין צוים, שונאים פון דער מענטש-הייט. ריכטיק האָט געטון דער סענאַט, וואָס האָט אויף אַ יעדן פון אייך אַרויפגעלייגט צו צאָלן צוויי דינאַרן אַ יאָר פאַרן קאַפּיטאָלאָנישן יופּיטער. מ׳מוז אייך האַלטן פאַר די אויגן אייער פאַרברעכערישן אָפּשטאַם. — דער קייזער טוט מיטאַמאָל אַ קוק אויף יאָסעפוס פלאַוויוס, וואָס שטייט פאַר אים אַן איינגע-קאָרטשעטער. די ליפּן טוען זיך טיטוסן אַ קרום אין לייכטן שפּאָט. באַלד לעשט זיך אים ווידער אויס דאָס כעסדיקע פייערל אין

די אויגן. טיטוס גיט אַ גענעץ און ער זאָגט מיט דעם מידן אויסדרוקלאָזן טאָן פון פריער:

— איך מיין נישט אייך, איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס, — זאָגט ער שטיל און טרוקן. — איך בין פולשטענדיק איבערצייגט אין אייער ערלעכער פריינטשאַפט, אין אייער טריישאַפט. איר האָט פאַרדינסטן פאַר אונזער הויז. אייערע חלומות וועגן אונזער משפחה האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר וואָר. די געטער, צי אייער יידישע גאָטהייט (טיטוס האַקט-איבער אויף אַ רגע זיין קול) זענען צו אייך גינציק. פאָמפעוס האָט דעם באַשרייבער פון זיינע טאַטן, דעם מיטילינער טעאָפאַנעס, באַשאָנקען מיטן רוימישן בירגער-רעכט. אויך מיין פאָטער אַספּסינוס האָט אייך אין אָנגעזיכט פון די רוימישע הויפּט-לייט אַראָפּגענומען די קייטן פון די פיס און אייך געשענקט אַ פּראַכט-געוואַנד. איר האָט באַקומען ערד אין יהודה און הינטער רוים. איר האָט דאָס רוימישע בירגער-רעכט. איר איינער צווישן אַלע יידן צאָלט נישט די צוויי דינאַרן אַ יאָר פאַרן קאַפּיטאָלאָנישן יופּיטער. אונזער הויז האָט צו אייך צוטרוי און מיר ווייסן אייך צו שעצן, וואָרים איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער, חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס. פאַר די שפּעטערע דורות וועט איר זיין דער באַשרייבער פון אונזערע טאַטן. אויך אין אייער שריפט קעגן אַפּיאָן זענען צעוואָרפן שיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען. איך בין מודה. מעגלעך, אַז אַ סך פון די פּרושים שטימען-איין מיט די סטאָיקער. אַגריפּאַ פלעגט מיר דערציילן פון די פּרושים. איר ווייסט עס גוט, מיין יאָסעפוס, — וואָס מער טיטוס צערעדט זיך, ווערט זיין קול אומבאַשטימטער, פאַרבלאָזער, — נישט איך, נישט מיין פאָטער אַספּסינוס האָבן באַלאַנגט צו די פיינט פון אייער שטאַם. דער חורבן פון ירושלים האָט מיר וויי-געטון, איך האָב געהאַט רחמנות... איך האָב קיינמאָל נישט באַטרעטן דאָס קדשי-קדשים פון אייער טעמפּל, הגם מ'האָט מיר דערציילט פון דאָרט מערקווירדיקע זאַכן. איך האָב געאַכט אייערע געזעצן. נאָר וואָס זאָל איך טון, דאָס רוימישע פאָלק איז קעגן אייך פאַרביטערט. ווען אין איטאַליע איז געוואָרן רויק, האָבן זיך אַלע פעלקער אונטער-

נעגעבן, נאָר איר, די איינציקע, זענט געבליבן האַרטנעקיק. איר זענט תּמיד האַרטנעקיק און איר טייטשט-אויס אַ יעדעס אָראַקעל, נישט אַזוי ווי עס האָט געמיינט די גאָטהייט, נאָר לויט אייער עקשנות און איינרעדעניש. — טיטוס שווייגט אַ ווייל, דאַן רעדט ער ווייטער: — איר ווייסט, יאָסעפוס, אַ קורצע צייט פאַרן יידישן קריג האָבן זיך מיטאַמאָל געעפנט די טירן פון קדשי-קדשים אין ירושלים, מ'האָט דערהערט אַן איבערמענטשלעך קול: „די געטער ציען אַרויס". אין די אַלטע ספרים פון אייערע כּוהנים שטייט געשריבן: „גראָד אין יענער צייט וועט דאָס מאָרגן-לאַנד ווערן מעכטיק. יהודה וועט איבערנעמען די הערשאַפט איבער דער וועלט". טיטוסעס ליפּן פאַרקרימען זיך שפּאָטיש: — דאָס גרעסטע אומגליק ברענגט אייך נישט צום פאַרשטאַנד. דעם קלאָרסטן אָראַקעל-שפּרוך באַנעמט איר ווי אַבערגלויבישע באַר-באַרן. דאָס ווינציקע יהודה, דאָס נישטיקע לאַנד אייערס — און אַ וועלט-הערשאַפט? — זאָגט טיטוס געררייצט. — דער אָראַקעל-שפּרוך האָט געמיינט מיין פאָטער אַספּסינוס, וואָס איז גראָד אין יהודה אויסגערופן געוואָרן אַלס אימפּעראַטאָר, און מיך, דעם איצטיקן רוימישן קייזער... — גיט טיטוס צו מיט ווירדע.

יאָסעפוס זאָגט שטיל:

— די חלומות, וואָס די גאָטהייט האָט מיר געוויזן ביינאַכט, האָבן אויסגעלייגט דעם אָראַקעל לויט אייערע ווערטער, געטלעכער אימפּעראַטאָר. איך האָב עס דער ערשטער געזאָגט אייער קייזער-לעכן פאָטער. נאָר די בריונים און די מורדים האָבן פאַלש געלערנט פּשט. די שריפטגעלערנטע און די חכמים אונזערע האָבן תּמיד געהאַלטן פאַרן רוימישן פאָלק.

— אייערע שריפטגעלערנטע, — זאָגט טיטוס אומגעדולדיק, — מ'זאָגט, זייערע ספרים זענען געשריבן אין אַ באַרבאַרישן סטיל און די שפּראַך איז אַ שלעכטע אַראַמעאיש. דערווייל האָבן זיך אָבער גרויסע מאַסן פון די יידישע מורדים ווי אַ גיפטיקע בראַנד צעגאָסן איבערן קערפּער פון דער אימפּעריע. זיי רעדן וועגן אַ וועלט-הערשאַפט, די באַרבאַרן פון ירושלים.

— נישט אַלע יידן, נאָר די בריונים, וואָס האָבן זייער

אייגן פאָטערלאַנד חרוב-געמאַכט, — זאָגט יאָסעפּוס נידער-געשלאָגן.

טיטוס גיט זיך אַ ריר אויף דער שטול ווי עס וואָלט אים ענג געווען און טוט אַן אומבאַהאָלפענעם קוק אויף יאָסעפּוסן: — איר זענט אַליין אַ ייד, אַ פרומער ייד, דאָך זענט איר מודה. איך שעץ אייך דערפאַר, איידעלער יאָסעפּוס פלאַוויוס. איר זענט תמיד געווען אונטער אונזער קייזערלעכן חסד. זיי אָבער, די מורדים, די יידן, האָבן זיך ווי אַ בראַנד צעגאָסן איבער רוים. ווי אַ מגפה. אין יעדן הויז איז מען נישט זיכער פון זיי. די פרויען, דאָס פעבל, די שקלאַפן. דער באַרבאַרישער וואַנזין פון אייער שטאַם איז אָנשטעקנדיק, — זאָגט דער קייזער, — רוים האָט אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאַר דעם זיג איבער אייך...

יאָסעפּוס זאָגט שטיל, ער רעדט מעכאַניש און זיינע ווערטער קלינגען טויט:

— די שונאים אונזערע, גרויסער קייזער, טרייבן-איבער אונזער קראַפט, כדי אונדז צו פאַרדאַרבן. דאָס יידישע פאָלק וויל רויק לעבן אונטערן רוימישן שוץ. עס וויל נאָר פריי אָפּהיטן דאָס געזעץ פון די אבות, וואָס איז נאָך עלטער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. איך וועל עס באַווייזן אין מיין נייעם ווערק... — שעפּטשעט יאָסעפּוס פלאַוויוס אומבאַהאָלפן.

טיטוס ווערט אומגעדולדיקער, געררייצטער, ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און האַקט יאָסעפּוסן איבער די רייד, ווי ער וואָלט זיי נישט געהערט:

— איך האָב אייך צעטרעטן און די זוילן פון מיינע פיס בריען מיך, ווי איך וואָלט געטרעטן אויף פייער. איך האָב געקאָנט האָבן זייער פיל רום פון מיין זיג איבער ירושלים. איר זענט געווען דער עדות פון דעם פראַכטפולן טריומף-צוג צום קאַפּיטאָל. דער סענאַט און דאָס פאָלק פון רוים ווילן מיר בויען אַ נצחון-טויער אינמיטן דעם פאָרום. מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך אַוועקגעוואָרפן דעם רום. ניין, איך וויל נישט זיין דער אימפּעראַטאָר יודאַיקוס, — אַ טיטול, מיט וועלכן מיינע זיגרייכע לעגיאָנען האָבן מיך געוואָלט באַקרוינען. וואָרים אונטער מיין

זיג זע איך מיין שוואַכקייט, איידעלער יאָסעפוס. דער זיג איבער אייערע יידן האָט מיך מיד געמאַכט. איך האָב גרויסע מלחמות געפירט, פעלקער אונטערגעיאָכט, פעלקער פאַרקויפט אין דער שקלאַפעריי. וואָס האָב איך געזיגט קעגן אייער עקשנות? די יידישע מורדים רייסן מיר אַרויס דעם זיג פון די הענט. נישט אין ירושלים, — אין רוים, אין דער גאַנצער אימפעריע וויקלען זיי פונאַנדער די פאָנען פון מרידה. ווי אויסטערליש זייער וואָפן איז, איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס. איך האָב ביי זיי צוגענומען די פייל־בויגנעס, די וואָרף־שפּיזן, די וואָרף־שטיינער, דאָס פאָטערלאַנד, און זיי האַלטן מיט מיר כסדר מלחמה. וואָס אַמאָל פאַרביסענער, האַרט־נעקיקער. איך בין מיד, פריינט יאָסעפוס, איך בין אָנמעכטיק. אויפן אָפענעם שלאַכטפעלד הינטער ירושלים, ווען די דיסציפּלין פון די רוימישע לעגיאָנען האָט אייך צעטרעטן, זענט איר פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסן, דאָרט ווו מיר האָבן זיך אויף אייך נישט גערעכט, און איר האָט אונז געשלאָגן און פאַרברענט אונזערע שאַנץ־אַרבעטן. נאָך אונזער זיג איבער אייער פאָטער־שטאָט וואַקסט איר אויס אין אונזערע הייזער, הינטער אונזער רוקן. קיין רוימער אין דער רוימישער מלוכה איז איצט נישט זיכער מיט זיין ווייב, מיט זיין האָב־און־גוטס, מיט זיין שקלאַף. אומעטום פאַרשפרייט איר מרידה. וואַנזיניקע מרידה. איר מאַכט אַלעמען וואַנזיניק. די יידישע מורדים, די באַזיגטע פון ירושלים, צעטראָגן אַ פייער איבער דער וועלט. אייער גאָטהייט, וואָס האָט אייך קיינמאָל נישט געקאָנט העלפן, זאָגט אייך צו וועלט־הערשאַפט און איר גלויבט דעריך, ווי באַרבאַרן. אייער גאָטהייט האָט נישט קיין נאָמען. אַלצדינג, וואָס האָט נישט קיין נאָמען איז געפער־לעך, איידעלער יאָסעפוס.

טיטוס אָטעמט שווער אָפּ, מיט אַ פאַלד פון דער טאָגאַ פעכערט ער זיך איבערן פנים. יאָסעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ הכנעהדיקע באַוועגונג צו ענטפערן. דער קייזער לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט. טיטוסעס קול ציטערט גערירט:

— הינטער ירושלים האָב איך נאָך געגלויבט צו ראַטעווען דעם טעמפל. איך האָב געוואָרנט. איך האָב רחמנות געהאַט. די

מורדים האָבן מיר געענטפערט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אין דער פאַטערשטאָט ליגט אונז דאָס מינדסטע. זי מוז אונטערגיין. און גאָט האָט נאָך אַ בעסערן טעמפּל ווי דער אין ירושלים, נעמלעך: די וועלט". יאָסעפוס פלאַוויוס! — דער קייזער טוט זיך שווער אַ הייב אין דער שטול. — אין דידאָזיקע ווערטער ליגט אייער גאַנצער וואַנזין. כסדר רעדט איר פון דער וועלט, דערביי זענט איר דער וועלטס גרעסטע שונאים. איר פאַראַכטעט די וועלט, ווייל איר פאַראַכטעט די מענטשן. וואָס ווייסט איר פון דער וועלט, איר וועלט-אָרימע! דאָס גרעסטע גליקזעליקייט איז ביי אייך צו שטאַרבן פאַר אייער געזעץ און ווי אַלע בלינדע און וואַנזיניקע לעבט איר מיט די כימערעס פון אַ צוקונפט. אָ, די צוקונפט, זי קלינגט ווי אַ ווילדער טאָן אין דעם אויער פון אַ רוימער! וואָס איז די צוקונפט? זי איז נישט די נאָכוועלט, איידעלער יאָסעפוס, וואָרים די נאָכוועלט איז דער המשך פון דער וועלט, די האָפנונג פון דער וועלט. אונזער אַלעמענס האָפנונג איז די נאָכוועלט. אין דער נאָכוועלט זעען מיר, ווי דאָס לעבן איז אייביק און אומשטערבלעך. אייביקער פרילינג איז דאָס לעבן. פול מיט פרייד איז דאָס לעבן. פול מיט פרייד, אייביק און אומשטערבלעך זענען די געטער. די נאָכוועלט האָבן מיר אין זיך, אינעווייניק אין זיך, מיר זענען איר קוואַל, דער שטאַם, אויף וועלכן עס וועט זיך צעבליען יענע הערלעכע בלום פון דער נאָכוועלט. צוקונפט? אַ פרעמדער שטערן איבער אונזער לעבן. וואָס איז דאָס צוקונפט? בלינדער שיקזאַל, טאַפּן אין דער פינסטערניש, זוכן דעם וועג אין די וועג-לאָזיקייטן. דידאָזיקע באַרבאַרישע צוקונפט, אייער יידישער וואַנזין, מאַכט די קלאָרע וואַסערן פון לעבן מוטנע. — טיטוס צעהיצט זיך שטאַרקער, זיינע אויגן באַקומען אַ לעבעדי- קערן און יוגנטלעכן גלאַנץ: — איר דורות (טיטוס הייבט-אויף זיינע הענט ווי צום געבעט), דאָס אַלטע העלאַס און די איידעלסטע פון רוימישן פאָטערלאַנד — וועגן אייך האָבן זיי געטרוימט, צו אייך האָבן זיי געהאָפט. אין אייערע הענט, איר דורות, האָבן זיי געוואָלט איבערגעבן אַלע די ווייזהייטן, די שיינקייטן און די דערהויבנקייטן פונם מענטשלעכן גייסט, ווייל דו ביסט דאָס לעבן,

נאָכוועלט! צוקונפט? פרעמדער שטערן. אומבאַקאַנט. פינסטערניש. דאָס הימל-רייך, — לאַכט טיטוס ביטער. צום הימל-רייך מוז מען זיך אַדורכשיפן די וואַסערן פון סטיקס. די וואַסערן פון טויט. איר זענט די געשפּענסטער פון דעמדאָזיקן הימלדיקן צוקונפטס-רייך, איר יידן. אין די ליכטיקייטן פון לעבן זענט איר די שאָטנס. מיר ווילן אייך פאַרטרייבן פון לעבן און איר מאַכט פול מיט זיך די ערד. מיר האַסן אייך, — קריצט טיטוס מיט די ציין. באַלד גיט ער צו איראָניש: — קעמפן מיט אייך? אויסראָטן אייך? אומזיסט איז דער קאַמף מיט געשפּענסטער, איידעלער יאָסעפוס, אונזערע כלי-זיין טרעפן נישט. —

דער קייזער טיטוס האַלט אַ רגע איין דעם אָטעם. ער פּעכערט זיך פאַרן פּנים מיט אַ פאַלד פון דער טאָגאַ. די אויגן ברענען אים ווי פון פיבער. עס פעלט אים לופט. יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דעם קייזערס קול קלינגט מיט נידערגעשלאָגענער מילדקייט:

— קוקט, מיין יאָסעפוס, — זאָגט ער, — איר זענט מיר אַ נאָענטער פריינט און די געטער האָבן געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין דער באַשרייבער פון מיינע טאַטן, פאַר דער נאָכוועלט. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער, דאָך אָבער, איך האָב אייך שוין געזאָגט, איידעלער יאָסעפוס: איר לייגט מיר אין מויל אַריין ווערטער, וואָס איך זאָל האָבן געזאָגט צו די רוימישע קריגער, פול מיט ליוב פאַר די יידישע מורדים און פאַר דערדאָזיקער יידישער צוקונפט... אויך איר קאָנט נישט אַרויס פון אייער יידישער הויט, חשובער יאָסעפוס... ניין, איך וויל זי נישט, די יידישע צוקונפט! וואַנזין! — שרייט דער קייזער אויס. — זי שטערט מיין שלאָף ביי דער נאַכט, ווי אַ בייזער חלום. אויך די שלאַכטן אין די טאָלן הינטער ירושלים דערמאָנען מיך ווי אַ בייזער חלום. ליכט און לעבן וויל איך, יאָסעפוס. איר געטער פון רוים! הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער, יאָסעפוס פלאַוויוס, זאָל דאָ ווערן ליכטיקער. ווי אַלע יידן האָט איר ליב צו זיין אין דער טונקלקייט, מ'זאָל אייך נישט זען. מעקט-אויס פון אייער ווערק, — די שריפט, וואָס זאָל פאַראייביקן אַ רוימישן קייזער, — אָט די

שטעלן, וואָס פאַרהערלעכן אייער קראַפט. איך האָס דידאַזיקע קראַפט... שרייבט וועגן דעם טריומף־צוג צום קאַפּיטאָל, שרייבט, ווי די יידישע מורדים זענען געגאַנגען צוגעבונדן צו מיינע קריגס־וועגענער, שרייבט פון די שפּילן אין צירקוס, ווו די חיות האָבן אייך געפרעסן און דאָס פאָלק פון רוים האָט זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז איר זענט גאָרנישט. די שוואַכסטע. די נידע־ריקסטע. אַז מיר האָבן אייך פאַרטיליקט. שרייבט דערפון, יאָסעפוס פלאַוויוס, אויב איר זענט ווירקלעך אַ פריינט אונזער הויז. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער. אייער סטיל פּאַסט פאַר איינעם פון די אַלטע גריכן. איר זענט דאָך נישט קיין מורד... יאָסעפוס...

יאָסעפוס פלאַוויוס צעשפּרייט זיינע הענט ווי ער וואָלט געבעטן; ער פליסטערט קוים אַרויס:

— קייזער... געטלעכער...

— איך ווייס, איר זענט מיר אַ פריינט, — זאָגט דער קייזער וואָס אַמאָל אויפגערעגטער און ער באַמיט זיך מיט זיין גאַנצער אויפמערקזאַמקייט צו באַאָבאַכטן יאָסעפוסן, — איר זענט געווען קעגן דערדאָזיקער וואַנזיניקער יידישער מרידה. איר זענט נישט קיין עקשן ווי אַלע יידן... דאָך, — הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער און גיט מיר וויין. אַ סך וויין. מיך דורשט, יאָסעפוס.

יאָסעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ריס־אויף פון זיין אָרט, ער וויל לויפן, פּלוצים גיט ער זיך אַ וואַקל, ווי די פיס וואָלטן אים אונטערגעהאַקט געוואָרן.

פון הינטער די טונקעלע ווענט פון דעם ביבליאָטעק־חדר, ווי פון דער ערד־אַרויס, הערט זיך אַ שוואַך מענטשלעך קול.

דער קייזער טיטוס גיט אַ שפּרונג־אויף פון דער מאַרמאָר־שטול.

יאָסעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג אים צו פאַלן צו די פיס.

טיטוסעס אויגן גיבן אַ פינקל אין ווילדן כעס.

דאָס קול פון אַ מאַן אונטער דער ערד, דייטלעכער: „יוסף דער זון פון מתּתיהו! יוסף דער זון פון מתּתיהו!"

— אַ שטים הינטער דער מויער. אייער נאָמען, יאָסעפּוס! — זאָגט טיטוס דער ערשטער.

— איינער פון מיינע שקלאַפן איז משוגע געוואָרן. ער ליגט אין קייטן, אינם ברונעם... — שעפּטשעט יאָסעפּוס פלאַוויוס.

דאָס קול הינטער דער מויער (וואָס אַמאָל העכער): „יוסף דער זון פון מתּתיהו! יוסף דער זון פון מתּתיהו!"

דער קייזער קוקט זיך מיט אַ צעמישטן בליק אַרום איבער דער ביבליאָטעק.

— אַ יידישער שקלאַף. ער רופט אין אייער יידישער שפּראַך. אַ משוגענער... — זאָגט דער קייזער אומאַנטשלאָסן און ער זעצט זיך צוריק אויף דער מאַרמאָרנער שטול. מיטאַמאָל האַקט טיטוס איבער, ער ענדערט זיין טאָן און זאָגט שאַרף:

— יאָסעפּוס, איר זענט בלאַס געוואָרן.

— איך בין קראַנק, — ענטפערט יאָסעפּוס פלאַוויוס, ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, אַז זיין קול זאָל קלינגען קלאָרער, זיכערער, — און איך שרייב גאַנצע... נעכט, — גיט ער צו, — איך איל זיך מיט דער איבערזעצונג פון יידישן קריג.

די ווינקלען פון די קייזערלעכע ליפּן קרימען זיך אין אַ לייכטן, קוים באַמערקבאַרן שמייכל. — איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער און איר באַשרייבט מיינע נצחונות אין יהודה, — זאָגט שוואַך דער קייזער. זיין שטים איז ביטער. ער קוקט מיט אַ שאַרפן, דורכשפּיזנדיקן בליק אָן יאָסעפּוסן. יאָסעפּוס האַלט זיך שטייף אויף די פיס מיט דער מאַנעקינהאַפטיקייט פון אַ סאָלדאַט. דער קייזער שליסט זאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל פאַרטראַכט. אַ קרענקלעכע רויטקייט בליט אים אויף אונטער די אויגן:

— אומעטום זענען ביי אייך משוגעים, יאָסעפּוס פלאַוויוס... אין די מויערן פון דערדאָזיקער קייזערלעכער ווילאַ האַלטן זיך אויף אייערע יידישע משוגעים... איך וויל אים זען... — זאָגט ער פלוצלינג.

יאָסעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג זיך אָנצוכאַפּן פאַרן קאָפּ:

— אימפּעראַטאָר, קייזער, — פליסטערט ער מיט טויט־קאַלטע ליפּן, — ס'איז אַ נישטיקער שקלאַף, אַ משוגענער, ער איז ווילד... איך האָב אים געלאָזט לייגן אין קייטן... ער... לעסטערט...

— אַלע יידן לעסטערן, — זאָגט טיטוס ביטער, די אויגן־אַפּלען גליִען אים פּלוצלינג אויף אין טיפן צאָרן און די אָדערלעך אין די פאַרלאָפּענע ווייסלעך אַרום די אויגן־אַפּלען ווערן אָנגעשוואָלן: — אַלע יידן לעסטערן... אַלע, וואָס לעסטערן דעם קייזער, באַדאַרף מען לאָזן קרייציקן. זיי אַלעמען. די מורדים. — טיטוס קוקט מיט אַן אויספאָרשנדיקן בליק אויף יאָסעפוסן. באַלד ענדערט זיך ביי טיטוסן דאָס קול: — הייסט אים אַריינפירן, יאָסעפוס פלאַוויוס, — זאָגט ער הייזעריק, — איך וויל אים זען. איך וויל מיט אים רעדן. אויך הינטער ירושלים האָב איך ליב געהאַט צו רעדן מיט די מורדים...

יאָסעפוס פליסטערט:

— קייזער...

דער קייזער ווערט אומגעדולדיקער, ער טוט אַ פּאַטש מיט די הענט און רופט־אויס הויך אויפן קול:

— העי, איר שקלאַפן!

דאָס געוועזענע קייזערלעכע ביבליאָטעק־חדר פילט זיך אין דער מינוט אָן מיט אַ מחנה שקלאַפן. טייל פון זיי טראָגן ברע־נענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. די טונקעלע ווענט פון דער ביבליאָטעק ווערן מיטאַמאָל רויט באַלויכטן. די איינגעבויגענע פיגור פון יאָסעפוס פלאַוויוס ווערט ווי פאַרלוירן אינם געדראַנג פון די שקלאַפן.

— אַ שקלאַף ליגט דאָ געבונדן הינטער די מויערן פון דער ביבליאָטעק, — זאָגט טיטוס באַפעלעריש און ער ווייזט מיט אַ פינגער אויף דער וואַנט, — אַ יידישער שקלאַף. ברענגט אים שנעלער אַריין, איר שקלאַפן, דעם מורד... — גיט ער צו צווישן די ציין, און ער זעצט זיך ברייט אויס אין דער מאַרמאָרנער שטול ווי צום משפּטן.

טיטוס קלאַפּט מיט זיין דיקלעכן פוס אויף דער מאָזאַיק־

פאָדלאָגע צום טאַקט. זיין שכּור־טריומפירנדיקער בליק זוכט יאָסעפוסן.

— געטלעכער... — שעפּטשעט טויט־בלאַס יאָסעפוס פּלאָוויוס און ער באַוועגט אומבאַהאָלפן מיט די הענט.

הינטער די טיר־פאָרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט. פעסטע זעלנערישע טריט. דערצווישן: אַ שווער געשאַרעריי אויף דער פאָדלאָגע, אַזוי ווי מען שלעפּט אַ משא.

די קייזערלעכע שקלאַפן ברענגען אַריינצושלעפּן דעם גלילער פויער.

די אַנטבלויזטע הענט פון די שקלאַפן האַלטן אים אָן פאַר די פּלייצעס. זיי טראָגן אים ברוטאַל, ווי מען וואָלט אים שוין געפירט צום שענדלעכסטן הענקער־טויט. דער פויער שווייגט. ער לאָזט אַלצדינג מיט זיך טון. די ליפּן איבער דעם איינגעפאַלענעם מויל זענען ביי אים פאַרביסן. דאָס נישט גרויסע בייגערדיקע פּנים, וואָס איז ווילד באַוואָקסן מיט אַ גרויער צעקאָלטנטער באָרד, האָט דעם פאַרגליווערטן אויסדרוק פון אָפּוועזנדיקייט. די שטורקאַצן, וואָס די שקלאַפן האַלטן אין די הענט, באַגיסן דעם פויערס פּנים רויט, אַזוי, אַז די גערונצלטע פּנים־הויט קוקט־אויס, ווי זי וואָלט זיך געבראָטן. די גרויסע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אין דעמדאָזיקן פּנים שטאַרן אַרום זיך, זיי זוכן עמיצן אין דעם מיט שקלאַפן און שטורקאַצן אָנגעפולטן חדר.

די שקלאַפן טוען אים אַ וואָרף אַנידער פאַר די קייזער־לעכע פיס.

טיטוס גיט שנעל אַ קוק אויף אים. אַ שמייכל באַווייזט זיך טיטוסן אויף די דינע ליפּן. די איידעלע פרויען־ליפּן פאַר־קרימען זיך אים באַלד, ווי ס'וואָלט אים געעקלט. אין זיינע צעריסענע שמאַטעס ליגט דער גלילער פויער אויף דער ערד צו טיטוסעס פיס, ווי אַ שמוציק פאַרוואָרלאָזט באַשעפעניש. דער פויער ליגט מיטן פּנים צו דער ערד. די פּלייצעס הייבן זיך אים אין האַסטיקן אָטעם. טיטוסעס אויגן פאַרוואַנדלען זיך פּלוצים אין אַ כּעסדיקן שפּאָט. זיי זוכן יאָסעפוסן. ער קאָן אים נישט געפינען, וואָרים יאָסעפוס שטייט אינגאַנצן פאַרשטעלט

פון די שקלאַפן. דער קייזער טוט זיך נאָכאַמאָל אַ ווענד צו דעם שמוציקן אָפּגעריסענעם מענטש, וואָס ליגט אים צופוסנס. זאַכט שטרעקט טיטוס אַפּער זיין דיקן אומגעלומפּערטן פוס. מיט דעם שפּיץ פון זיין שטיוול באַריירט ער דעמדאָזיקן גוף, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַ שטויס-טון, אָדער זיך איבערצייגן אין זיין לעבעדיקייט.

דער פויער דרייט-אויס דעם קאָפּ, ער גיט שטום אַ קוק אויף טיטוסן.

מיט טיפסטן ווידערווילן פינקלען-אויף די אויגן ביים קייזער. ער גיט דעם פויער גראָב אַ קאָפּ מיט דעם שטיוול:

— שטיי-אויף, הונט, — ברומט ער מיט כעס. — ייד... — זאָגט ער צווישן די ציין. דאַן זאָגט ער מיט קורצן אָטעם: — ווער רעדט צו דיר, שקלאַף?

דער פויער גלאָצט אויף אים פאַרשטאַרט.

— טיטוס... — כאָרכעלט עס מיטאַמאָל אַרויס פון פויערס האַלז.

אַ ציטער גייט-דורך צווישן די קייזערלעכע שקלאַפן אַרום אין קרייז.

דער קייזער טוט נערוועז אַ שאַר מיט דער האַנט איבער דער טאָגאַ (דאָס מאַכט ער תמיד, ווען אים טרעפט אַן אומאָנגענעמע זאַך). אין אָנגעזיכט פון די שקלאַפן רופט אים דער-דאָזיקער גלילער ייד אָן ביים נאָמען! דאָס פּנים ביי טיטוסן ווערט בלאַס פון צאָרן.

— הונט... — קייכט ער אומבאַהאָלפן. שוים באַווייזט זיך אים אויף די ליפּן. טיטוס גיט דעם גוף, וואָס ליגט אויף דער ערד נאָכאַמאָל ברוטאַל אַ שטויס מיטן שטיוול.

דער גלילער פויער דרייט פּאַמעלעך אויס דעם קאָפּ. זיינע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן זוכן דעם קייזערס בליק. אַ שמייכל באַווייזט זיך אים אויף דעם פאַרווילדעטן, מיט באָרד באַוואָקסענעם פּנים. אַ שמייכל פון זעלטענער רויקייט. די באַוואָקסענע קין-באַקן פון פויערס פּנים הייבן מיטאַמאָל אָן צו ציטערן:

— טי—טו—ס, — ציט ער דאָס וואָרט. ער זאָגט עס שאַרף,

מיט גאַל און ציניש ווי דער קייזערלעכער נאָמען וואָלט געווען אַ זידל-וואָרט.

דאַן גיט דער גלילער ייד אַ לאַך-אַרויס מיט אַ הילכיק און פרעך געלעכטער. ער פאַרגראָבט זיך דאָס פּנים אין די שמאַטעס, וואָס הענגען אויף אים און קאָרטשעט-איין זיין גוף צופוסנס דעם רוימישן קייזער.

ווי אַ געבּיסענער שפּרינגט טיטוס אויף פון דער שטול. אין דער ערשטער רגע מאַכט ער אַ באַוועגונג זיך צו וואַרפן אויף דעמדאָזיקן שמוציקן באַשעפעניש, אים צו פאַרניכטן. טיטוסעס פינגער זוכן עפּעס אין דער לופט. אומווילקירלעך טוט ער אַ הייב-אויף דעם קאָפּ. די שקלאַפן שטייען אַרום אים, ווי פאַרשטיינערט, מיט די שטורקאַצן אין די הענט. די טויטע שטילקייט, וואָס האָט ווי מיטאַמאָל אָנגעגאָסן דאָס ביבליאָטעק-חדר דערשרעקט דעם אויפגעברויזטן קייזער. ער קוקט זיך אַרום.

— אַזוי זענען זיי... — זאָגט טיטוס פּלוצלינג שוואַך און אומאַנטשלאָסן, ווי ער וואָלט אַליין צו זיך גערעדט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג אויף דעם איינגעקאָרטשעטן גוף, וואָס ליגט אים צופוסנס. — הינטער ירושלים, אין יהודה, אין דער אימפעריע, אויף דער גאַנצער ערד... אומעטום זענען זיי די אייגענע. דו גלויבסט זיי צו זען צעטרעטן אונטער דיינע פיס און אין זייער מוח נעסטן געדאַנקען, וואָס באַדראָען די מענטשהייט... האַרטנעקיק געשלעכט. — דער קייזער טוט זיך פּלוצים אַ ווענד צו דעם מענטשלעכן קערפּער, וואָס ליגט אים צופוסנס:

— האָסט געקעמפט קעגן קייזער? קעגן רוים? — פרעגט ער מיט ווידערווילן.

— יאָ, — הערט זיך אַ שטאָלץ, זיג-באַוווסט ווידערקול פון דעם שמוציקן מענטשלעכן גוף, וואָס ליגט צוזאַמענגעקנוילט אויף דער ערד. דאַן אַ ווילד אויפלאַכן פון שאָדן-פרייד.

דער קייזער טוט אַ טופּ מיטן פוס: — האַרטנעקיק געשלעכט! — ער טוט נאָכאַמאָל לייכט אַ טרעט מיטן שטיוול אויפן פויערס גוף. — דאָסדאָזיקע וויל איבערנעמען די הערשאַפט איבער דער וועלט! — זאָגט טיטוס מיט ביטערן שפּאָט. — איר געטער! — רופט ער אויס

ווי צו זיך. ער קערט זיך צו מיט זיין רויט-געוואָרן פּנים צו די שקלאַפן: — גיט אים איבער צום קרייציקן, איר שקלאַפן. די ווילדע פייגל זאָלן אויפפרעסן זיין פּגר. מאַטערט אים, — זאָגט ער הייזעריק. די שקלאַפן גיבן זיך אַלע אַ וואָרף אויפן גלילער פויער. דער קייזער שמייכלט מיד. פּלוצים שליסן זיך טיטוסן די אויגן, ווי ער וואָלט זיך באַזינען. ניין, — זאָגט ער שוואַך. — וואַרפט אים צוריק אין דעם לאָך אַריין, דאָ, הינטער דער מויער, פון וואַ איר האָט אים אַרויסגענומען. איינער מער, אָדער ווייניקער, איר וועט זיי סיי-ווי-סיי נישט אויסראָטן. לאָזן צוויי אים אַוועקטראָגן. לייכט מיר דעם וועג, איר שקלאַפן, איך וויל פאַרלאָזן דאָסדאָזיקע הויז.

ווען דער קייזער מיט זיין באַגלייט האָבן זיך דערווייטערט, שטרעקט יאָסעפוס פלאַוויוס ווי אַ חסד-בעטנדיקער נאָך אים נאָך די הענט, ער וויל אים נאָכלויפן.

נאָר ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ביי דער ערשטער באַוועגונג, וואָס ער מאַכט, פאַלט ער ווי אַ שווערער סנאָפּ אַנידער אויף דער ערד.

אויפן אָפּהילך פון קלאַפּ לויפט-אָן דער טיר-היטער דעמעטריוס. ער בייגט זיך אַריבער איבער זיין האַר. יאָסעפוס פלאַוויוס ציטערט ווי אַ קליין קינד. זיין פּנים איז שוואַרץ, די האָר און די באָרד צעשויבערט.

דעמעטריוס הייבט יאָסעפוסן אויף און לייגט אים אַוועק אויפן שלאָף-געלעגער, ער דעקט אים צו מיט אַ סך וואָל-טיכער.

דידאָזיקע נאַכט האָט יאָסעפוס פלאַוויוס אויף זיכער דערוואַרט דעם הענקער.

פערט בילד

אין דעם צווייטן רעגירונגס-יאָר פון קייזער אַדריאַנוס, אין די זומער-חדשים, געפינט זיך דער איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס (און אַלע קרייזן הויך-חשובער שריפטשטעלער) אין די וואַרים-בעדער פון באַיע. יאָסעפוס פלאַוויוס ציילט שוין דאָס צוויי-און-אַכציקסטע יאָר. די רוימישע דאָקטוירים האָבן אים אַהערגעשיקט צו די באַרימטע שוועבל-קוואַלן, כּדי צו לינדערן זיין שווערע גיכט-קראַנקהייט, פון וועלכער ער ליידט זינט עטלעכע יאָר און זי פאַרערגערט זיך כּסדר, אַזוי אַז ער מוז תּמיד גיין אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און ער הינקט.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די קראַנקהייט מאַטערט אים און די אברים זענען ביי אים שטייף און אויסגעטרוקנט פון גיכט און עלטער, דאָך דער גייסט פון חשובן יאָסעפוס איז פול מיט קלאָרקייט און רויִקייט. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז דער חכם געגליכן צו וויין: עלטער מאַכט זיי געזעצטער און גיט זיי צו אַ באַזונדערן טעם און קאָסטבאַרקייט. צוויי-און-אַכציק יאָר, ביים ראַנד פון קבר, אַן אויסגעדאַרטער גוף, אין וועלכן ס'זענען אויסגעלאָשן אַלע תּאוות און ליידנשאַפטן (הגם דער חשובער יאָסעפוס האָט שוין צו דרייסיק יאָר אין זיך מנצח געווען די נישט-נויטוועדיקע תּאוות פונם פלייש). אין אַזאַ גוף קומען באַזונדער צום אויסדרוק די כּוחות פון דער נשמה. דער שטערבלעכער קערפּער איז די תּפיסה פאַרן אומשטערבלעכן גייסט. וואָס מערער דידאָזיקע תּפיסה ווערט חרוב, אַלץ קלאָרער קוקט דאָס גייסטיקע אויג אַריבער צו די ברעגעס פון דעם אייביקן.

אין דעם קילן שאָטן פון דעם זיך דערנענטערנדיקן טויט,

דערפילט דער איידעלער יאָסעפוס פלאַוויוס ווי ער וואַקסט אינערלעך אויס. אים דוכט זיך טיילמאָל, אַז ער וואַנדערט שוין ביי די ברעגעס פון דער אומשטערבלעכקייט. פול רויקייט, באַטראַכטונג, אינערלעכן גלייכגעוויכט. די דערהויבענע געדאַנקען, וואָס האָבן פון תּמיד-אָן פול געמאַכט זיין גייסט זענען אין אים איצטער רייף געוואָרן ווי צייטיקע פרוכטן, און ער קוקט אויף זיין קראַנקן אויסגעטרוקנטן גוף, ווי אויף אַן איבריקער לאַסט, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך. דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס פילט זיך גליקזעליק, רויק. פון דעם אומרויקן דור, אין וועלכן ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געפונען ווי אַן איינזאַמער שיפער צווישן שטורמדיקע כוואַליעס, איז ער דער לעצטער. אַלע זענען טויט. דער דור הינטער אים איז פאַרשוווּנדן אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער חשובער יאָסעפוס גלויבט נאָך צו פאַרנעמען דערפון עפּעס ווי אַ ווייטן אָפּקלאַנג. ער פילט זיך זיכערער אין זיין איינזאַמקייט. הינטער אים, ווען ער קוקט זיך אום: אַ ווייטער, מיזאַם דורכגעגאַנגענער וועג. אין זיינע איצטיקע לעצטע יאָרן לעשט זיך דאָס לעבן פּאַמעלעך אויס אין זיינע ביינער, ווי אַ קנויט, וואָס ברענט-אויס. ער באַטראַכט דאָס ווי אַ גרויסע מנוחה און ער שמייכלט ווי אַ זיגער. שעהן פון אמתער פילאָזאָפישער דערהויבנקייט מאַכן איצטער פול די טעג פון איידעלען יאָסעפוס. די לאַנגע דורכגעלעבטע יאָרן ליגן הינטער אים ווי אָפּגעשניטענע זאַנגען. פון גאַנצן דור — איינער. ער. יאָסעפוס פלאַוויוס. עלטער און רום באַשאָטענען אים. ער צאָלט נישט קיין מסים. זיינע ווערק געפינען זיך אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין רוים. זיין נאָמען געהער צו דער נאָכוועלט. קיינער באַדראָט אים נישט מער. די אַלע פון זיינע שונאים, — יידישע און נישט-יידישע שונאים, — וואָס זענען נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירלעכן טויט, האָט אויסגעראָט דער געטער-ענלעכער קייזער דאָמיציאַנוס (ביי וועלכן יאָסעפוס איז געשטאַנען אין אַן אויסערגעוויינלעכער חשיבות).

נאָר דער אמתער חכם קאָן פילן די געטלעכע גליקזעליקייט דאַן, ווען דאָס לעבן הייבט זיך אָן אויסצולעשן אינעם גוף.

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, אין אָנהייב חודש סעפּטעמבער׳ס, טראָגן אים זיינע שקלאַפן אַרויס אויף דער לופט. אַרום זיין ווילאַ ציען זיך ווייַן־בערגלעך, און יאָסעפוס פלאַוויוס האָט באַפוילן מ׳זאָל אים אַהינטראָגן אויף איינעם פון די היגלען, פון וואו־אויס מען האָט אַן אויסבליק אויף דעם רייכן באַיע. אונטער אַן איינזאַמען, זייער אַלטן אָליוון־בוים, וואָס וואַקסט אויף אָט־אָ דעם היגל, לייגן יאָסעפוסעס שקלאַפן אויס פּורפּור־דעקן אַ סך און געפאַרבטע וואָל־טיכער, כדי עס זאָל דעם אַלטיטשקן, אויף גיכט ליידנדיקן יאָסעפוס פלאַוויוס זיין ווייך צום זיצן. יאָסעפוס פלאַוויוס זעצט זיך אויס אויפן געלעגער אונטערן בוים און ער הייסט זיינע שקלאַפן זיי זאָלן אים פאַרלאָזן. ער וויל בלייבן אַליין.

ווען די שקלאַפן דערווייטערן זיך, אָטעמט יאָסעפוס פלאַוויוס לייכט אויף. זיין קראַנקער, פון אַלטקייט אויסגעדאַרטער גוף דערשפּירט די הייסע ערד אונטער די דעקן. פון ים בלאָזט אַ ווינטל. דער איידעלער יאָסעפוס דערפילט דעם פרישן הויך פון ים אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן. אים ווערט וויל. ער הייבט־אויף די אויגן: די פרוכטבאַרע לאַנדשאַפט פון באַיע ליגט באַגאָסן מיט זון. אויף די היגלען רייפן גאָלדיק די ווייַן־שטאָקן, תבואה־פעלדער פאַליען זיך. אין דער נידערונג, צווישן גערטנער פיניען־וועלדער און ציפּריסן זענען צעוואָרפן די מאַרמאָר־ווייסע ווילעס און די קונסטפולע זיילן־גענג פון באַיע. דאָס גאַנצע רייכע רוים איז איצט אין באַיע. אין דער שטילער, לינדער לופט, אונטער דעם איינזאַמען בוים, וווּ ער זיצט, גלויבט ער צו הערן ווייטע אָפּקלאַנגען פון געלעכטער, קולות, געזאַנג.

— דאָס איז דאָס לעבן, — טראַכט דער חשובער יאָסעפוס פלאַוויוס, — פרוכטבאַר און זוניק רייפט די פאַרגענגלעכקייט.

אומווילקירלעך באַרירט ער אַליין זיינע הענט. די הענט זיינע זענען קאַלט. הוילע ביינער. קילע גערונצלטע הויט איבערציט זיי געל, ווי זיי וואָלטן נאָך לעבעדיקערהייט איינגעטרוקנט געוואָרן. ער טוט פלוצים אַ ציטער פון ווידערווילן. אים דוכט זיך אויס: אָט האַלט ער זיין אייגענעם סקעלעט אין די

הענט און ער באַטאַפּט זיין אייגענעם פּנר. פון הינטער די היגלען הערט זיך געזאַנג. יאָסעפּוס פלאַוויוס הייבט־אויף דעם קאָפּ. ערשט איצט באַמערקט ער ווי דער אָליוון־בוים, אונטער וועלכן ער זיצט איז אַלט און קנאָכערדיק, פאַרקרימט און איינגעבויגן און איז ווייניק באַבלעטערט, אַזוי ווי זיי ביידע, ער און דער בוים, וואָלטן געוועזן פרעמדע אין דעם לעבן, וואָס וואַקסט און רייפט אַרום זיי.

יאָסעפּוס פלאַוויוס זיפצט־אָפּ. נאָכאַמאָל טוט ער אַ קוק אויף באַיע, דאַן נעמט ער פאַמעלעך אַרויס פון די פאַלדן פון זיין טאָגאַ זיין ליבלינגס־בוך, דאָס ווערק פון געטלעכן פלאַטאָ, פעידאָן, די שריפט וועגן דער אומשטערבלעכקייט.

יאָסעפּוס פלאַוויוס פאַרטיפט זיך צו לעזן. ער האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגעסן אין די דערהויבענע געדאַנקען און אין דעם ריטמוס פונם דיאַלאָג. דאָס איידעלע פלאַטאָנישע גריכיש ווירקט אויף אים ווי שטילקייט, און ער פאַרנעמט נאָר די גרויסע רויקייט, וואָס הערשט אין אים, און אַרום אים. ביי דער סצענע, ווי סאָקראַטעס טרינקט דעם גיפט־בעכער, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמיצער שטייט פאַר אים און וואַרט.

ער הייבט־אויף די אויגן: אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער שקלאַף שטייט נעבן אים אונטערן בוים.

דער פרעמדער שקלאַף פרעגט מיט גרויס דרך־ארץ. — זענט איר דאָס דער איידעלער יאָסעפּוס פלאַוויוס?

דורך דעם, וואָס דער שקלאַף האָט אים געשטערט צו לייענען, וויל זיך יאָסעפּוס פלאַוויוס בייזערן, נאָר ער פילט נאָך אין זיך דעם געהויבענעם ריטמוס פון פלאַטאָנישן סטיל און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז כּעס איז נישט קיין מידה פאַר אַ חכם, דעריבער רופט זיך יאָסעפּוס פלאַוויוס אָן מיט איבערגעטריבענער מילדקייט:

— איך בין עס. וואָס ווילסטו דען, שקלאַף?

— מיין האַרין וויל אייך זען, — זאָגט שטיל דער שקלאַף און איידער יאָסעפּוס פלאַוויוס האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, הייבט דער שקלאַף אויף אַ פינגער און ווייזט אים אין אַ זייט.

יאָסעפוס פלאַוויוס קוקט זיך אום: נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו ער זיצט, אין מרחק פון אפשר דרייסיק טריט, דאָרט ווו דער היגל בייגט זיך שוין צו ווערן משופּע, אויף אַ שמאָל, קוים אָנזעעוודיק שטעגל, וואַרטן עטלעכע שקלאַפן מיט אַ לעקטיקאַ.

לויט די זיידענע טיכער און די שווערע פורפורנע פאָר־האַנגען, מיט וועלכע די לעקטיקאַ איז באַוואָרפן און לויט דעם שקלאַפן־באַגלייט דערקענט יאָסעפוס פלאַוויוס — וואָרים דער חשובער שריפטשטעלער האָט נאָך געהאַט אַ גוטע ראיה, — אַז דאָס מוז זיין די לעקטיקאַ פון זייער אַ פאָרנעמער מאַטראָנע. דאָס, וואָס אַ בכבודיקע רוימישע דאַמע וויל אים זען, חדושט אים נישט. אפשר פון קייזערלעכן הויף. וואָרים לויט זיין חשיבות ביי דער קייזערין דאָמיציאַ האָבן זיך אין די הויף־קרייזן געפונען פיל פרויען, וואָס האָבן געלייענט זיינע ווערק, באַוואונדערט זיין קלאָרן גייסט און אים פאַרערט.

יאָסעפוס פלאַוויוס באַמיט זיך דעריבער באַלד אויפצוהייבן פון זיין זיץ אונטערן בוים. דער פרעמדער שקלאַף העלפט אים דערביי. שווער אָנגעלענט אויף זיין שטעקן הינקט יאָסעפוס פלאַוויוס צו צו דער לעקטיקאַ.

נאָר אַן איבערגעראַשטער בלייבט ער שטיין.

די פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ זענען פונאַנדערגערוקט און יאָסעפוס פלאַוויוס דערזעט, ווי אויף אַ גאַנצן הויפן פון קאָסטבאַרע קישעלעך ליגט עפּעס ווי אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. אַ קליין איינגעשרומפן גופל אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. דאָס פּנים פון אַט־אָ דעם גופל איז געל, צעאַקערט אין טיפע קנייטשן, איינגעטרוקנט. דער גערונצלטער שטערן, אַזש אַרויף איבערן קאָפ־שאַרבן, איבערגעצויגן מיט אַ נעץ פון בולטע בלויע אָדערן און דער ביינערדיקער קאָפ־שאַרבן איז שיטער באַוואָקסן מיט לאַנגע גרויע האָר. די ליפן איבערן צאָנלאָזן מויל הענגען שלאַף אַראָפּ און ציטערן כסדר. דאָס גאַנצע דאָזיקע גופל ליגט אויף די קישעלעך אין דער לעקטיקאַ אין דער פּאָזע פון אַ קרענקלעך אומבאַהאָלפן קינד. יאָסעפוס פלאַוויוס טוט אין דער ערשטער

דגע אַ קוק מיט ווידערווילן אויף דערדאָזיקער איינגעשרומפּענער מענטשלעכער חורבה. די צוויי אויגן, וואָס קוקן צו אים אַרויס פון דעם געלן צעאַקערטן פּנים, האָבן יאָסעפוסן אָן עפּעס דער־מאָנט. ערשט אין די פרויען־קליידער דערקענט יאָסעפוס פלאַוויוס, אַז אָט־אָ דאָס מענטשלעכע געשפּענסט איז פון ווייבערישן געשלעכט.

זי טוט זיך אַ ביסל אַ בייג אויף די קישעלעך, ווי זי וואָלט זיך דערמיט געוואָלט דערנעענטערן צו יאָסעפוסן. „איר דערקענט מיך נישט, יאָסעפוס פלאַוויוס?" — ציטערט זי מיט די אַלטע ווייכע ליפּן. איבער דער טרוקענער געלער הויט פון איר פּנים צעגיסט זיך מעכאַניש אַ העסלעכער אומגאַטירלעכער שמייכל. דאָס שוואַכע קוויטשיקע קול אירס גרילצט פרעמד אין דער לינדער לופט.

יאָסעפוס פלאַוויוס מאַכט־אויף ס'מויל. ער קוקט.

— בע־רע—ני—קע, — שטאַמלט ער קוים אַרויס.

— יאָ, איך בין עס, איידעלער פריינט, קרוב, — באַמיט זי זיך צו זאָגן וואַרים. בערעניקעס אויגן, דאָס איינציקע לעבעדיקע אין דעמדאָזיקן געלן איינגעדאַרטן פּנים, וואָס האָט נאָך קוים דאָס אָנזען פון אַ מענטש, קוקן אויף יאָסעפוסן פול מיט טרויער. שטומער, צערפולער טרויער. מיט איר קליין קינדיש הענטל גיט זי מאַכטלאָז אַ צייכן אירע שקלאַפן זיי זאָלן זי אונטערהאַלטן, כדי עס זאָל איר לייכטער זיין דאָס רעדן. — לאַנגע פערציק יאָר ווי מיר האָבן זיך נישט געזען, איידעלער פריינט, — זאָגט בערע־ניקע אַזוי שטיל, אַז יאָסעפוס האָט זי קוים דערהערט.

יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט נאָך דערשיטערט אויף זיין אָרט. — פערציק לאַנגע יאָר, — זאָגט ער איר נאָך ווי אָפּוועזנדיק, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. דידאָזיקע חורבה פון אַ מענטש האָט ער אַמאָל געהאַסט ווי דעם טויט. ער טוט לייכט אַ שמייכל: די חשובסטע רוימער זענען איר נאָכגעלאָפן. טיטוס. ער באַמיט זיך אין זיין זכרון אַרויסצורופן איר אַמאָליקע שיינקייט.

— פערציק לאַנגע יאָר, — חזרט נאָכאַמאָל איבער בערעניקע. איר קול איז איצט נידערגעשלאָגענער, צערטלעכער. — איר

געדענקט, יאָסעפּוס פלאַוויוס? אין רוים. אין אייער הויז. איך בין געקומעןביידערנאַכט. דער קייזער איז פלוצלינג געקומען. טיטוס. איך בין געשטאַנען אין אַנדערן חדר הינטער די פאָר-האַנגען. כ׳האָב געהערט דאָס גאַנצע געשפרעך. (בערעניקע האַקט-אָפּ אַ ווײַלע און גיט דאַן לאַנגזאַם צו:) די ווערטער פון קייזער. דער, וואָס האָט פאַרברענט ירושלים. כ׳האָב זיי נישט אַלע פאַרשטאַנען. אין טיטוסעס מויל זענען געווען ווערטער פון דראָונג, פאַרצווייפלונג. ער האָט אַלעמען געדראָאָט, זיך, אונז, רוים. עס האָט אים געכאָרכעלט אין האַלז און ער האָט גערעדט און גערעדט און געטופּעט מיט די פיס. אייערע שקלאַפן האָבן מיך שפּעטער אַרויסגעפירט דורך אַ הינטער-טיר, און איך האָב פאַר-לאָזן רוים אויף אייביק. איצטער איז ער טויט, טיטוס. אַלע זענען טויט. אַלע. און מיר זעען זיך ווידער, יאָסעפוס. איר זענט אויך שוין אַלט, און איך, איך בין אַ זקנה. — בערעניקע שטרעקט צו אים אויס אירע קליינע איינגעשרומפּענע שוואַרץ-געלע הענט, ווי זי וואָלט אים דערמיט געוויזן איר אַלטקייט. זי גיט צו מיט ביטערקייט, וועלכע קלינגט ווי שפּאָט אין איר צאַנלאָז איינגע-פאַלן מויל: — דידאָזיקע ביינער מײַנע, וואָס ליגן דאָ פאַר אייך, ציילן פינף-און-ניינציק יאָר.

— איך געדענק, בערעניקע, איך געדענק אַלצדינג, איידעלע בערעניקע, פּרינצעסין, קרובה, — זאָגט אויך יאָסעפוס פלאַוויוס וואָרים. ער באַקומט פלוצלינג טרערן אין די אויגן און ער באַמיט זיך אַלץ אַרויסצורופן אין זיין זכרון איר אַמאָליקע שיינ-קייט, די ווייבערישע רייצן אירע, די זעלטענע און זינדיקע פאַר-פירערישקייט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ קוק: אין דער לעקטיקאַ פאַר אים ליגט זי, אַ מענטשלעכע חורבה, אַן איינגעטרוקנטער סקעלעט. אירע שלאַפע ליפן ציטערן פון אַלטקייט. דאָס איז בערעניקע? ער זוכט אין זיך דעם אַלטן האַס צו איר. קיין שפור. ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אין זיך דאָס געפיל פון הילפלאָזער באַרמ-האַרציקייט, הילפלאָזע געריירטע נאָנטקייט, ווי צו אַ שוועסטער. ער וויל צו איר אויסשטרעקן זיינע הענט. נאָר ער טוט עס נישט. ער זאָגט נאָר זייער שטיל: — אַלץ פליסט, איידעלע

פריינטין, אַלץ פליסט, בערעניקע, דאָס לעבן פליסט, די וועלט פליסט, אַלצדינג פליסט...

זי הייבט-אויף צו אים די אויגן פול באַהאַלטענער דאַנק-באַרקייט:

— דער רום פון אייער נאָמען איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן און איך האָב אייך געזוכט, יאָסעפוס, איידעלער יאָסעפוס... מיין לעבן נייגט זיך צו ענד און איך וויל מיט אייך רעדן, מיין פריינט. כ׳האָב אַזוי פיל מיט אייך צו רעדן, — גיט זי צו מיט אַ שוואַך קול, — און דאָ שטייען מיר אויפן פעלד, ס׳רוקן-אָן די שעהן פון אָוונט, דער ווינט נעמט-צו, און מיר מוזן אונזערע אַלטע גלידער אַוועקטראָגן אַווו ס׳איז וואַרימער. זאָגט מיר נישט אָפּ מיין לעצטע בקשה, טייערער פריינט, קומט צו מיר מאָרגן. איך בעט אייך. מאָרגן... — חזרט זי נאָכאַמאָל איבער דאָס וואָרט „מאָרגן״. זי גיט צו מיט אַ ביטערן שמייכל: — אויב אַ פינף-און-נײַנציק-יעריקער גוף קאָן נאָך זאָגן מאָרגן...

— אויב די גאָטהייט וועט וועלן, וועל איך קומען, איידעלע בערעניקע, — זאָגט מיט אַ צערטלעך קול יאָסעפוס פלאַוויוס.

— איך דאַנק אייך, טייערער פריינט. פרידן מיט אייך און רו, יאָסעפוס פלאַוויוס, — ענטפערט אים בערעניקע און זי זאָגט אים די געגנט, ווו זי וווינט און דעם סימן פון איר ווילאַ.

זי גיט אַ צייכן די שקלאַפן. זיי לייגן זי ווי אַ הילפלאָז קינד אויס אויף די קישעלעך, דעקן זי וואַרים צו. דאַן פאַררוקן זיי די שווערע פורפורנע פאָרהאַנגען פון דער לעקטיקאַ. הייבן זי אָן פאַמעלעך אַוועקצוטראָגן.

יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט אויף זיין אָרט. ער קוקט נאָך בערעניקעס לעקטיקאַ, ווי זי דערווייטערט זיך לאַנגזאַם און פאַר-שווינדעט ענדלעך אויפן וועג צווישן די וויין-בערגלעך. יאָסעפוס הייבט-אויף די אויגן און טוט נאָכאַמאָל אַ קוק אויף באַיע. שלאַנקע ציפּריסן-ביימער שטייגן פון דאָרט אויף ווי טונקעלע איידעלע זיילן פון רויך. די מאַרמאָרנע זיילן-גענג, די צעוואָרפענע ווילעס גלאַנצן אין דער זון. ער זעט דעם בלויען שפּיגל פון ים, וואָס לאַכט אין דער ווייטקייט, ער זעט די תבואה-פעלדער, וואָס וויגן

זיך, די גאָלדענע וויינשטאָקן, וואָס רייפן. פונדערווייטנס הערט ער יוגנטלעך געלעכטער, געזאַנג...

יאָסעפּוס פלאַוויוס דערפילט פּלוצלינג אַ קעלט אין זיינע קי־אַנקע ביינער. מיד הינקט ער צוריק צו דעם אַלטן פּאַרקנאָ־כערטן אַליוון־בוים.

צומאָרגנס אינדערפרי ברענגען די שקלאַפן פון יאָסעפּוס פלאַוויוס אים צו טראָגן צו בערעניקעס ווילאַ. פאַרן טויער האָט שוין אָפּגעוואַרט אַן אַלטע דינערין.

די דינערין נעמט יאָסעפוסן אָן פאַר דער האַנט און פירט אים אַריין אינם טויער פון דער קליינער, באַשיידענער ווילאַ. הגם דאָס גיין קומט יאָסעפּוסן אָן שווער און ער הינקט זייער שטאַרק, קאָן ער דאָך נישט אָפּרייסן זיין אויפמערקזאַמקייט פון צו באַטראַכטן דאָס ווינציקע, באַשיידענע הויז, ווו עס וווינט די פּרינצעסין בערעניקע. די ווענט פון די אינעווייניקסטע זיילן־גענג זענען באַמאָלט מיט געשעענישן פון דער גריכישער מיטאָ־לאָגיע. אָבער די ווענט זענען האַלב אָפּגעריסן, די געמעלן אָפּגעבליאַקעוועט און ס׳פעלט אין זיי גאַנצע שטיקער. אומעטום אָפּגעלאָזנקייט. דער אַטריום, דורך וועלכן יאָסעפּוס פלאַוויוס איז אַדורכגעגאַנגען, איז אַ קליינער פּירעקיקער רוים. אַ שפּרונג־ברונעם שפּריצט דאָרט וואַסער אויף דעם גרין־פאַרזשאַווערטן לייב פון אַ בראָנזענעם סאַטיר. עטלעכע ווייסע ליליעס וואַקסן איבער דעם ראַנד פון דעם שפּרונג־ברונעם. נישט ווייט פון דעם בראָנזענעם אומהיימלעך־שמייכלדיקן סאַטיר שטייט פאַרוואָרלאָזט דער הויז־מזבח.

ווען מ׳פירט יאָסעפוסן אַריין אין דעם חדר צו בערעניקען, האָט זי אים שוין אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט. בערעניקע ליגט אויף אַ ברייט געלעגער, צוגעדעקט מיט וואָל־טיכער. יאָסעפּוסן דוכט זיך אויס, אַז זי איז איבער נאַכט געוואָרן נאָך עלטער, גע־שפּענסטערהאַפטיקער, דאָס פּנים געלער און איינגעשרומפּענער. די אויגן אירע האָבן אויפגעלויכטן, ווען זי האָט אים דערזען. דאָסדאָזיקע געשלעכטסלאָזע באַשעפעניש האָט זיך געפריידט ווי־

אַ קליין קינד, ווען יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אַריינגעהינקט אין איר צימער.

די דינערין לאָזט זיי איבער אַליין. בערעניקע שטרעקט יאָסעפוסן אַקעגן אירע הענט, וואָס ציטערן.

— טייערער פריינט... קרוב, — שעפּטשעט זי שטיל מיטן ווייכן צאָנלאָזן מויל און ווייזט יאָסעפוסן, אַז ער זאָל זיך נעבן איר זעצן.

ער זעצט זיך נעבן איר אַנידער. פאָרזיכטיק און נישט-זיכער דערנענטערן זיך בערעניקעס הענט צו די הענט פון יאָסעפוס פלאַוויוס. ער באַמיט זיך נישט צו קוקן און ער האָט באַר געפילט ווי בערעניקעס קאַלטע ביינערדיקע הענט גלעטן אים לייכט און מוטערלעך. בערעניקעס אויגן דריקן-אויס גליק-זעליקייט. זי ווערט צו אים וואָס אַמאָל הערצלעכער און היימישער און הייבט אים אָן אויסצופרעגן אויף יעטוועדער קליי-ניקייט פון זיין לעבן. ער האָט איר שטיל געענטפערט. זי פריידט זיך און לאַכט ווי אַ קינד. און דאַן, ווייל זי איז עלטער געווען פון אים מיט גאַנצע דרייצן יאָר, הייבט זי אים אָן צו דער-ציילן פון זיינע קינדער-יאָרן אין ירושלים. זי דערמאָנט אים עטלעכע קליינע, נישטיקע עפּיזאָדן, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט, ווען זיין חשובער פאָטער האָט אים, יאָסעפוסן, נאָך אַלס יינגל מיט זיך מיטגעבראַכט אין ירושלימישן קעניגלעכן הויף.

יאָסעפוס לאָזט זי רעדן. ער שווייגט. ס'איז אים געוואָרן וואַרים אויפן געמיט דורך דעם, וואָס דידאָזיקע אָרימע האַלב-טויטע זקנה גלעט אים איבער די הענט.

בערעניקע ווערט מיטאַמאָל ערנסטער. אירע פינגער ווערן שטאַר, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשטאָרבן איבער די הענט פון יאָסעפוס פלאַוויוס. זי קוקט זיך אַרום אין צימער. זי וואַרט אַ ווייַלע, און ווענדעט זיך דאַן צו יאָסעפוסן:

— האָט איר עפּעס ידיעות פון יהודה? פון ירושלים?... — פרעגט זי אים שטיל, ווי זי וואָלט זיך פאַר עמיצן געהיטן.

— אויפשטאַנד, — ענטפערט איר קורץ יאָסעפוס פלאַוויוס. בערעניקע פרעגט מיט אַ שוואַך קול:

— ווידער באַוועגן זיי זיך, די יידן, אין דער גאַנצער אימפעריע?

— יאָ, — ענטפערט ער קורץ.

זי שווייגט אַ ווײַלע און זאָגט:

— די יידן ווילן די הערשאַפט איבער דער וועלט. גלויבט איר, יאָסעפוס פלאַוויוס, אַז דאָס אָרימע און חרובע ירושלים וועט אַמאָל נעמען פאַרגעלטונג?

דאָס פּנים פון יאָסעפוס פלאַוויוס פאַרכמורעט זיך ערנסט. ער ציט צוזאַמען די ברעמען, דאַן טוט ער אַ שמייכל אין זיין ווייסער באָרד אַריין און זאָגט:

— אַ פלוס איז די וועלט צווישן טונקלקייט און טונקלקייט. איבער אָט-אָ דעם פלוס, וואָס הייסט וועלט, טראָגן זיך די דורות אַריבער ווי די שפּענדלעך. אַז כ'בין יינגער געווען האָב איך גיכער געקאָגט פאַרויסזאָגן דעם וועג וואוהין עס טראָגן זיך די דורות. כ'האָב געהאַט חלומות. יוגנט איז נאַכט. אין דער נאַכט אַנטפּלעקט טיילמאָל די גאָטהייט די צוקונפט אין חלום. איצטער בין איך אַלט. עלטער איז וואַכקייט. איך חלום נישט מער. איך זע בלויז, און איך ווייס נישט...

אַ שקלאַף טרעט-אויף.

— איר האָט באַפוילן, האַר, אייך צו דערמאָנען, — זאָגט ער אונטערטעניק, — אין דערדאָזיקער שעה באַדאַרפט איר נעמען אַ שוועבל-באָד.

— איך גיי שוין, — זאָגט יאָסעפוס פלאַוויוס. ער מאַכט אַ באַוועגונג זיך צו דערהויבן. דער שקלאַף איז אים דערביי בייהילפיק. ווען יאָסעפוס שטייט אויף די פיס און ער לענט זיך מיט זיין קערפּער שווער אָן אויפן שטעקן, דרייט ער זיך אויס צו בערעניקען און טוט אויף איר אַ שטומען קוק.

— פרידן מיט אייך, איידעלע פריינטין, — זאָגט ער וואַרים.

— פרידן מיט אייך, יוסף דער זון פון מתתיהו, — זאָגט בערעניקע, — ווען איר וועט הערן, אַז דאָס לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן אין דידאָזיקע ביינער מיינע, געדענקט מיך צום גוטן.

— די עלטער מאַכט אונז קליגער און די קלוגשאַפט מאַכט אונז בעסער. זאָל אייך די גאָטהייט תמיד האַלטן אין איר חסד, טייערע בערעניקע.

יאָסעפוס פלאַוויוס הינקט אַרויס.

סימפּאָזיאָן

אויפן זאַמדיקן וועג, פון אַנטיקן בית-עולם אויפן קיראַמייקאָס ביז צום אַקראָפּאָליס, גייען צוויי געשטאַלטן. ס׳איז נישט לאַנג נאָך האַלבער נאַכט, די לבנה האָט ערשט אויפגעשיינט אויפן הימל און אין דער פייכטער טויאיקער לופט בלאָזט אַ קיל ווינטל פונם ים. די צוויי געשטאַלטן גייען שטיל נעבן אַנאַנדער, אַ יעדער פאַרטון אין זיינע אייגענע מחשבות. זיי טראָגן אַלט-גריכישע טראַכט. דער איינער — אַ דיקלעכער, מיט אַ פליך, דער הינטער-שטער טייל קאָפּ און די ברעגן זענען שיטער באַוואָקסן מיט האָר, אַ קורצע פליישיקע נאָז מיט חיהש אויפגעשאַרצטע נאָז-לעכער. ער טראָגט אַן אַלטן צעריסענעם מאַנטל פון אַ פילאָזאָף, גייט באָרוועס. בכלל איז דערדאָזיקער, דיקלעכער, ענלעכער צו אַ סאַטיר ווי צו דער געשטאַלט פון אַ מענטש. דער צווייטער, דער יינגערער, וואָס גייט נעבן אים, איז העכער. אַ שלאַנקע געשטאַלט, ווי פון אַ יינגן קריגס-העלד אויף די מצבות פון קיראַמייקאָס. די ליניען פון פנים זענען איידל, די ליפּן איבערן מויל עטוואָס אָפן, די לענגלעכע נאָז — שאַרף, ווי זי וואָלט געווען געשניצט; אַ שפּיציק בערדל. איבער די פלייצעס פאַר-וואָרפן טראָגט ער אַ שטאַרק אָפּגעריבענעם מאַנטל. דער מאַנטל איז פון געפאַלדעוועטן פורפור און אַן עק פונם מאַנטל שלעפּט זיך אים קעניגלעך נאָך אויפן זאַמד. דער געלאָקטער קאָפּ איז אים באַקראַנצט מיט אַ געפלעכט פון ריטלעך, פון וועלכן עס איז שוין אַראָפּגעפאַלן אַ יעדעס בלעטל.

די ביינאַכטיקע, ווי טונקעלע זייד מילדע אַטישע הימלען, ווערן וואָס אַמאָל העלער באַלויכטן פון דער אויפשיינענדיקער

לבנה. דער זאַמד-וועג, אויף וועלכן דיביידע געשטאַלטן גייען, ווערט וואָס אַמאָל מאַטער באַלויכטן און ער שיילט זיך אַרויס פון דער נאַכט, ווי אַ זילבערנער פּאַס. ס׳איז טויט-שטיל. פון יענער זייט אַקראָפּאָליס הערט זיך ווען-נישט-ווען אויפטויכן דאָס שוואַכע נישט-דייטלעכע גערויש פון דער ווייטער שטאָט, פונם מאָדערנעם אַטען.

די געשטאַלטן קומען-צו צו אַ האַלב-צעלייגטן פּלויט, אַרום אַ ליידיקן פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳שטאַרט נאָר בלויז אַרויס אַ קוימען פון אַן אָפּגעבערענטער חורבה. אויף דער זייט פּלויט, נעבן וועג, וואַקסט אַן איינזאַמער, גאַנץ אַלטער אויסגעטרוקנטער אָליוון-בוים. דערדאָזיקער עלנטער איינגעדאַרטער בוים, קוקט-אויס ווי אַ תליה-בוים, אויף וועלכן מ׳העגנט פאַרברעכער. הינטערן בוים רירט זיך אַ געשטאַלט.

דער ייִנגערער אינם פּורפּור-מאַנטל דרייט קוים אויס דעם קאָפּ. אַ קליינע דראָבנע פּרוי. זי איז כמעט ווי נישט-אָנזעעוודיק אין איר אַלט-גריכישער הלבשה. זי גייט עטוואָס איינגעבויגן ווי אַ בעטלערקע און האַלט אַ שטעקן אין דער האַנט. דער קאָפּ איז איר טיף איינגעהילט אין אַ טוך.

— קסאַנטיפּע, — זאָגט דער ייִנגערער.

דער אַלטער אין פּילאָזאָפן-מאַנטל שטעלט זיך אָפּ, נישט ווייל ער האָט געהערט דעם ייִנגערנס קול, נאָר פון פאַרזונקנקייט אין די אייגענע מחשבות.

קסאַנטיפּע בלייבט שטיין עטלעכע טריט פאַר די מענער. „זיי מיר מוחל, סאָקראַטעס", — פּליסטערט זי מיט אַ שטיל און הייזעריק קול. „איך האָב דאָס אָנגערעדט מעלעטאָסן, אַז ער זאָל דיך אָנקלאָגן. איבער מיר האָסטו געמוזט אויסטרינקען דעם גיפט-בעכער. זיי מוחל". קסאַנטיפּע בייגט נאָך מער איין איר געשטאַלט, ווי זי וואָלט אים וועלן פאַלן צו די פיס.

סאָקראַטעס טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. ער זאָגט מיט אַ שמייכל:

— מיין קסאַנטיפּע, ווען מיר זענען ביידע געווען ביים לעבן, האָסטו מיך נישט איינמאָל אָפּגעגאָסן מיט אַ שאַף וואַסער.

איצטער ווען מיר זענען שוין טויזנטער יאָרן אין דער שאָטן-וועלט, לאָזטו מיך אויך נישט רויק דענקען.

סאָקראַטעס דרייט זיך אויס צום יינגערן, וואָס שטייט די גאַנצע צייט און שווייגט. — מיין אַלקיביאַדעס, — זאָגט ער געדולדיק, — זאָג דעמזיאָזיקן ווייב, אַז זי זאָל מיך ענדלעך אַמאָל לאָזן צו רו. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט אויף איר קיין צאָרן. דער דעמאָן פון די פילאָזאָפן איז גרויזאַם אין זיין קאַלטקייט און ער ליידט נישט דאָס פייער פון צאָרן. שיקזאַל, מיין אַלקיביאַדעס. טויזנטער יאָרן לעבן מיר שוין אין הוילער אייביקייט, אין דער שאָטן-וועלט. אונזער דענקען איז פריי פון יעדער ליידנשאַפט. פלוטאָן, דער גאָט פון טויט, איז דער איינציקער גאָט, וואָס איז נישט טויט. ער איז שטענדיק געוועז דער פריינט פון דער פילאָזאָפיע, איר באַשיצער. דאָס וואַסער פון סטיקס, איז דאָס קילסטע און פרישסטע וואַסער. כ'האָב נישט ליב דידאָזיקע, וואָס עס טוט זיי באַנג און זיי זענען תמיד פול חרטה. דאָס ווייב איז תמיד פול חרטה. אַפילו אין דעם קרייז פון די אומ-שטערבלעכע איז עס פול מיט חרטה. דאָס ווייב איז דער פיינט פון דער אייביקייט. קום, מיין אַלקיביאַדעס, זאָל קסאַנטיפע באַ-וויינען דאָ אירע קליינלעכקייטן, מיר וועלן גיין אין דער חרובער שטאָט.

קסאַנטיפע בייגט נאָך מער איין איר געשטאַלט, זי ליגט שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעצויגן אויף דער ערד. זי הערט נישט אויף צו יאָמערן.

— זיי מוחל, סאָקראַטעס. מ'האָט דיך פאַרמשפט, ווייל דו האָסט נישט געגלויבט אין די געטער פון דער שטאָט. ס'אַ ליגן געווען. דו האָסט דאָך מקריב געווען צו די שטאָט-געטער, אומעטום ווו נאָר ס'איז געשטאַנען אַ מזבח. זיי מיר מוחל...

סאָקראַטעס מאַכט אַ באַוועגונג ווייטער צו גיין, ער דרייט-אויס דעם קאָפּ צו דער זייט פון קסאַנטיפען.

— מיין קסאַנטיפע, די געטער זענען טויט.

אַלקיביאַדעס גיט צו:

— דער פאַרטעגאָן אויפן אַקראָפּאָליס איז ליידיק, ער איז

חרוב. נאָר אַ טייל פון דעם זיילן־גאַנג איז איבערגעבליבן. דאָס אינערלעכע היילי קטום איז אויפגעריסן. די מוטער פון אַטען, די אַטענאַ פּאַרטענאָס, דאָס געטלעכע ווערק פון אונזער פריינט פידיאַס, איז אויסגעוואַנדערט. אַלע געטער זענען אויסגעוואַנדערט. זיי זענען אַנטלאָפן, אַטענס געטער. מ׳זאָגט: זיי זענען אויסגעשטאָרבן אויף די וועגן פון דער וועלט.

קסאַנטיפּע ענדערט פּלוצלינג איר ווייגענדיקע שטים, זי זאָגט טרוקן און גיפטיק:

— דו ליגסט, אַלקיביאַדעס. די געטער זענען נישט געשטאָרבן. וואָלטן זיי געווען טויט, וואָלט מען זיי געזען אין דער שאָטן־וועלט.

דערויף זאָגט אַלקיביאַדעס מיט אַ שטילן שמייכל:

— נאָר די מענטשן האָבן דאָס לעבן און דעם טויט: די שאָטן־וועלט. די געטער האָבן דאָס לעבן, אָדער דאָס גאָרנישט. איצטער ווען זיי זענען נישט מער, די געטער, האָבן זיי דאָס גאָרנישט.

קסאַנטיפּע טוט אַ ברום.

דערויף באַמערקט סאָקראַטעס:

— שוין דער געטלעכער עסכילאָס האָט זיי געוואָרנט. צעוס, הגם דער פאָטער פון די געטער, אין זיין איבערגעאיילטער ליידנשאַפט צו די ווייבער, האָט פון די ווייבער איבערגענומען זייער הויפּט־חסרון, די אומבאַרעכנטקייט. זיין איבערגעאיילטע נקמה אין פּראָמעטעוסן האָט מער געפּאַסט פאַר אַ ווייב, ווי פאַר אַ גאָט. דעריבער טאַקע איז פאַר דעם פאָטער פון די געטער פאַרהוילן געוואָרן זיין אייגענע צוקונפט. דער געטלעכער עסכילאָס לאָזט זאָגן דעם געבונדענעם פּראָמעטעוס:

ער וועט מיך נאָך אַמאָל נייטיק האָבן,
דער האַר פון די זעליקע, — הגם ער וואַרפט מיך
איצטער אין קייטן —
איך זאָל אים זאָגן, ווער עס וועט אים רויבן
דעם סצעפּטער פון זיין מאַכט.

קסאַנטיפּע, מיין אַלקיביאַדעס, האָט אָבער פון תמיד אָן

געהאַט אַן אָפּנייגונג צו דער טראַגעדיע: זי האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם אָראַקעל פון די טראַגיקער. אויב זי פלעגט אַמאָל גיין אין טעאַטער, איז עס נאָר געווען אויף די קאָמעדיע־שטיק פון אַריסטאָפאַנעס, און דאָס אויך נאָר אויס נקמה צו מיר, כדי צו זען ווי פאַר די אויגן פון די אַטענער, ווער איך אַרויסגע־שטעלט אַלס שווינדלער און סאָפיסט. קום אַלקיביאַדעס.

דיביידע מענער הייבן־אָן אָוועקצוגיין.

קסאַנטיפּע קריכט פּאַמעלעך צוריק הינטערן בוים.

ווען די ביידע מענער אָבער זענען שוין געווען ווייט אָפּ־געגאַנגען, קסאַנטיפּעס שאָטן איז געווען פולשטענדיק פאַרשוונדן פון זייער בליק און זיי האָבן זיך ביידע אַליין געזען אין דער קילער לבנה־נאַכט אויף די פוסטע פעלדער פאַר דער שטאָט אַטען, רופט זיך אָן דער דיקלעכער סאָקראַטעס צו זיין יוגנטלעכן באַגלייטער:

— מיר זענען צוויי מתים, מיין אַלקיביאַדעס. איך, אַ טויטער פילאָזאָף, אַ געשטאָרבענער אומשטערבלעכער, און דו — אַ טויטער לעבעמאַן. געדענקסטו נאָך אונז ביידע אין דער שלאַכט ביי פּאָטעידאַיאַ? מיר האָבן נאָך האַלבער נאַכט פאַרלאָזט דעם טאָל פון די שאָטנס, און מיר גייען צום אַקראָפּאָליס, הגם מיר ווייסן, אַז דאָרט איז שוין קיינער נישטאָ. מיר גייען צו די געטער, הגם מיר גלויבן נישט אין זיי. ווייסטו, די ריכטער, וואָס האָבן מיך פאַרמשפּט, זענען געווען גערעכט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט. נאָר אומגלויביקע ווילן נישט אָפּלאָזן דאָס געוועזענע און גייען צו די טויטע געטער. זאָל די ליבע צום אמת שטיין אין קעגנזאַץ צו די מתנות, מיט וועלכע פּראָמעטעוס האָט באַשאָנקען די מענטשן: מיט דעם גלויבן און דער האָפנונג? הינטער אַן עלנטן בוים שטייט דאָס ווייב קסאַנטיפּע. זי גלויבט נישט אין דיין אמת, אַלקיביאַדעס, אַז די געטער זענען טויט. זי האָפט, אַז איך וועל איר מוחל זיין. און גלויבט אין די געטער. איך ווייס נישט, צי זאָל איך לאַכן פון דעמדאָזיקן נאַרישן ווייב, וואָס ווייסט צומאָל נישט, אַז זי היט די מתנות פון פּראָמעטעוסן, צי זאָל איך מיך פאַרטראַכטן וועגן די פאַרשידענע וואַנדל־וועגן פון די מענטשן. וואָס זאָגסטו דערצו, אַלקיביאַדעס?

אַלקיביאַדעס באַטראַכט זיין אָפּגעריבענעם פּורפּור־מאַנטל און דאָס שטיק פּורפּור, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך אויפן זאַמד, און אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט ער:

— מיר זענען זעער, סאָקראַטעס, און די האָפענונג איז בלינד. קום.

און זיי גייען ווייטער, פאַרזונקען אין טיפן שווייגן.

זיי קומען־צו צום פּלאַץ פון טעזעאָן. דער פּלאַץ אין דער שפּעטער נאַכט איז פולשטענדיק לעער. די וויסטע זאַמדן זענען באַלויכטן מיט דער שיין פון דער לבנה. די עטלעכע קליינע הייזלעך, די ערשטע הייזלעך פון דער מאָדערנער שטאָט אַטען, הויערן פונדערווייטנס ווי פינסטערע סאַרקאָפאַגן.

רעכטס, אין דער הייך אויפן אַקראָפּאָליס, אין נאַכט און לבנה־שיין, לייכטן זיך די חרובע מאַרמאָרנע הייליקטימער פון די געטער.

אויף דעמדאָזיקן פּלאַץ שטייט גאַנץ איינזאַם דער מקדש פון טעזעאָן, דער איינציקער טעמפּל, וואָס האָט זיך נאָך כּמעט אינגאַנצן דערהאַלטן פון די אַלטע צייטן. מיט דעם דאָרישן זײַלן־גאַנג, דעם דאַך און דער פאַרמויערטער צעללאַ שטייט דערדאָזיקער טעמפּל אויפן אָפענעם ליידיקן פּלאַץ, ווי אַ לעבעדיקער עדות פון דער אַנטיקער וועלט. אַ כמורנער בנין.

פאַרן טעמפּל — אַ מזבח פאַר דער גאָטהייט.

סאָקראַטעס בלייבט שטיין.

— אויף אָט־אָ דעם פּלאַץ האָב איך פאַרשפּרייט די געדאַנקען פון דער וואָרהייט, — זאָגט ער מיט אַ זיפץ. — אומעטום אויף די וויסטע זאַמדן זענען געשטאַנען הייזער. ס'איז נישטאָ פון זיי קיין זכר. אַלדאָס מענטשלעכע פאַרגייט. קוק דיר אָן דעם טעזעאָן, אַלקיביאַדעס, האָט נאָך יענע צעללאַ נישט פאַרלאָזט דער גאָט אירער?

— איך לייד נישט די געטער, — זאָגט אַלקיביאַדעס פאַרביטערט. — די געטער זענען צו ווייבעריש, אום צו זיין אומ־

שטערבלעך. איך גלויב נישט, אַז ס'לעבט נאָך וועלכער עס איז גאָט אין אַטען.

— דו גלויבסט נישט אין דער אומשטערבלעכקייט פון די געטער, אַלקיביאַדעס. די שוואַכע שטערבלעכע קסאַנטיפּע גלויבט מער אין דער אומשטערבלעכקייט, ווי די אומשטערבלעכע מענער פון אַטען.

אַלקיביאַדעס טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נאָר שטערבלעכע זענען אומשטערבלעך, נישט די אָלימ-פּישע געטער. אין יענער פאַרמויערטער צעללאַ פון טעזעאָן, אויב ס'איז דאָרט נישט צופעליק פאַרבליבן אַ מענטשלעכער מת, איז עס אַ דעמאָן, וואָס האַלט זיך אויף אין דעם חרובן הייליקטום. די דעמאָנען זענען די פיינט פון די געטער. ווי די שאַקאַלן האַלטן זיי זיך אויף אין חרובע הייליקטימער.

— דו זידלסט די געטער פון דער שטאָט, מיין אַלקיביאַ-דעס. איבער דעם גלויבן אין דעמאָנען, האָבן מיך די אַטענער פאַרמשפּט צום טויט. אין דעם גיפט-בעכער האָב איך אויסגעע-טרונקען די גרויסע רויקייט. איצט זענען די געטער סיי-ווי-סיי נישטאָ דאָ. קום, אַלקיביאַדעס, וועלן מיר אָנקוקן דעם מזבח פאַרן טעזעאָן. אויף דעמדאָזיקן מזבח האָב איך אָפט מקריב געווען.

— ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, — קווינקלט זיך אַלקיביאַ-דעס. — מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט פּונקט היינט אונזער פריינט אַגאַטאָן געפייערט מיט אַ סימפּאָזיאָן דעם זיג פון זיין ערשטער טראַגעדיע אין טעאַטער. געדענקסט עס נאָך?

דערויף זאָגט סאָקראַטעס:

— היינט קומען מיר זיך ווידער צוזאַמען. איך וויל נאָר פריער אַ קוק-געבן אַהין, צום טעזעאָן און צום מזבח, וואָס שטייט דאָרט.

דאָס רעדנדיק, דערווייטערט זיך סאָקראַטעס פון זיין באַ-גלייטער. אין דער קאַלטער נאַכט גייט ער צו, איינער אַליין, איבער די זאַמדן, צום אומהיימלעכן בנין פונם טעזעאָן-טעמפּל. עס איז טיף אַנטבלויזט זיין איבערגעטריבן-גרויסער שטערן, וואָס פאַרלויפט

אַרויפֿצו־צו אין אַ פֿליך, זיין באָרד איז ווילד און צעקאָלטנט און זעט־אויס, ווי זי וואָלט אים געווען צוגעקלעבט צו די קינבאַקן. ער הינקט אַ ביסל אונטער אין זיין צעריסענעם פֿילאָזאָפֿן־מאַנטל. די לבֿנה באַלייכט דעם דיקלעכן גוף סאָקראַטעסעס, וואָס דער־נענטערט זיך צו צום טעמפּל.

אַלקיביאַדעס בלייבט שטיין אויפֿן וועג.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט סאָקראַטעס צוריק. זיינע טריט זענען שלאַבעריקע. ער בלייבט שטיין פֿאַר אַלקיביאַדעסן מיט אַן עטוואָס אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ:

— קום צום סימפּאָזיאָן פֿון די שאָטנס, אַלקיביאַדעס, — זאָגט ער זייער שטיל. מיר האָבן נישט וואָס צו טון אין אַטען. אין דעם זיילן־גאַנג פֿון טעזעאָן און אויפֿן מזבח טוען־אָפּ די אַטע־נער זייערע געמיינסטע געברויכן. אין דעמדאָזיקן איבערגעבלי־בענעם געטער־הויז וווינט שוין זיכער נישט דער גאָט.

זיי זיצן אין דער קילער נאַכט אַלע צוזאַמען: אַפּאָלאָדאָראָס פֿון פֿאַלעראָן, אַגאַטאָן, אַריסטאָדעמאָס, פּאַזאַניאַס, פּעדראָס, אַריסטאָפֿאַנעס, דער דאָקטאָר עריקסימאַכאָס. שפּעטער קומען־צו סאָקראַטעס און אַלקיביאַדעס.

זיי זיצן אויף אַ קליין בערגל אונטער דעם אַקראָפּאָליס, צווישן אַרעאָפּאַג און דעם וועג, וואָס פֿירט צום דיאָניזאָס־טע־אַטער. אויף דעמדאָזיקן בערגל, אין די ווילדע גרעזער, זעען זיך ווי־נישט־ווי פֿאַרוואָרלאָזטע, מיט מאָך באַוואָקסענע פֿעלזן: איבערבלייבענישן פֿון פֿונדאַמענטן פֿון אַנטיקע הייזער. אויף איינעם פֿון אָט די פֿעלזן, דער איינציקער זכּרון פֿון דעם הויז, ווו עס האָט געוווינט אַגאַטאָן און אין וועלכן עס זענען נאָך דאָ שפּורן פֿון טרעפּ — זיצט איצטער אין דער איינזאַמער לבֿנה־נאַכט די קליינע חבֿורה פֿון פֿריינט. דער קילער ווינט בלאָזט דורך זייערע מאַנטלען. עס קוקט־אויס, ווי דידאָזיקע אָרימע שאָטנס אויף די שטיינער אונטערן אַקראָפּאָליס וואָלטן געפֿרוירן. די לבֿנה באַלייכט די וויסטע נאַכט, די טעמפּלען אויפֿן אַקראָפּאָליס און דידאָזיקע איינזאַמע אַלטע גריכן אויפֿן שטיין,

— טייל־אויס די קרענץ, אַגאַטאָן, באַפעל די שקלאַפן, זיי זאָלן אָנפילן די בעכער מיט ווייַן, — זאָגט אַריסטאָפאַנעס מיט שפּאָטיקער פייערלעכקייט, איבערייַסנדיק דאָס אַלגעמיינע שוויַיגן. — סימפּאָזיאָן. סאָקראַטעס וויל רעדן וועגן די געטער.

עריקסימאַכאָס האַקט אים איבער:

— דו האָסט דיך אויך נאָכן טויט נישט פאַרבעסערט, אַריסטאָפאַנעס. קוק, ווי אָרים מיר זיצן, מיר אַמאָליקע, אויף אַ נישטיק איבערבלייַבעניש פון אַגאַטאָנס הויז. וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, סאָקראַטעס?

אַלקיביאַדעס זאָגט:

— סאָקראַטעס גריבלט זיך אין ספקות, צי איז אין קסאַנטיפּען נישט פאַראַן אַמאָל מער חכמה, ווי אין סאָקראַטעסן. דאָס מאַכט אים אומעטיק. אַהערגייענדיק פון זיין קבר אויפן קיראַמייקאָס צו די שאָטנס פון זיינע אַלטע פריינט, האָט אונזער קלוגער סאָקראַטעס געטראָפן קסאַנטיפּען. דער אומשטערבלעכער סאָקראַטעס איז דאָרט, הינטער אַן עלנטן פּלויט, בייגעשטאַנען אַ וכוח מיט דעם ווייב קסאַנטיפּע וועגן די געטער. אירע ווערטער האָבן אומרויִק געמאַכט זיין גייסט. אין טעזעאָן־טעמפּל האָט אים אַ דעמאָן, וואָס וווינט דאָרט, געזאָגט וואָרהייטן, וואָס האָבן אים געמאַכט צווייפלען אין דער וואָרהייט.

אַריסטאָפאַנעס זאָגט דערויף:

— איך האָב פון תמיד־אָן געוווּסט, אַז די דעמאָנען זענען אמתער ווי די געטער, און אַז קסאַנטיפּע איז קליגער פון סאָקראַטעסן. זי איז ערלעכער. זי איז קליגער שוין דערמיט, וואָס זי האָט געלערנט חכמה נישט בײַ סאָקראַטעסן, נאָר בײַ אַריסטאָפאַנעסן. זי האָט געהאָרכט דעם אָטעם פון דעם וועלט־שיקזאַל נישט אין די ווערק פון די טראַגיקער, נאָר בײַ די קאָמעדיאַנטן: אין דער קאָמעדיע און אין דעם סאַטיר־שפּיל. די טראַגעדיע איז די אילוזיע פון די געטער, דאָרטן באַווייַזן זיי כּוחות, וועלכע זיי פאַרמאָגן גאָרנישט, די קאָמעדיע — די וועלט־חכמה פון דעם דעמאָן. נישט די געטלעכע דיאָטימאַ, קסאַנטיפּע איז די קליגסטע פרוי.

אַגאַטאָן טוט זיך אַ הייב-אויף פון זיין פּלאַץ, ער זאָגט שטיל און מיט אַ פאָרוואורף:

— איך וויל דיך נישט באַליידיקן, מיין אַריסטאָפאַנעס. דו זיצסט אויף אַ שטיין פון מיין הויז און איך בין דיר שולדיק גאַסט-פריינטשאַפט. דו זידלסט די געטער, און דו זידלסט בייזווילי‌ק די טראַגיקער. עס פּאַסט נישט פאַר אַן אומשטערבלעכן צו האָבן אַ קורצן זכרון: דו האָסט זעלבסט, אויף אַ סימפּאָזיאָן ביי מיר, מודה געווען סאָקראַטעסן, אַז די דיכטער פון דער טראַגעדיע און דער קאָמעדיע זענען איין-און-דיזעלביקע דיכטער.

אַריסטאָפאַנעס טוט אַ קוק אויפן שווייגנדיקן סאָקראַטעס, דאַן זאָגט ער שאַרף:

— ס'איז דאַן געווען שפּעט אין דער נאַכט און איך בין געווען אָנגעטרונקען מיט ווייַן. די טראַגיקער זענען ליגנער. זיי זענען הוילע קונצנמאַכער. נאָר מיר, די קאָמיקער זאָגן דעם אמת.

פּעדראָס, וואָס זיצט ביי דער זייט פון סאָקראַטעסן, גיט צו:

— אַריסטאָפאַנעס איז גערעכט. אַפילו דער געטלעכער עסכילאָס, אונזער גרעסטער טראַגיקער, איז געווען אַ ליגנער.

צווישן די שאָטנס פון די אַלטע פריינט גייט-דורך אַ באַוועגונג.

— צופוסנס פון דעם געטער-באַרג זידלסטו די דיכטער, וואָס זענען באַגינסטיקט פון די געטער. דו זידלסט די געטער, פּעדראָס. צעוס וועט דונערן, — זאָגט אַריסטאָדעמאָס נישט אָן שרעק.

— זאָל ער דונערן, — ענטפערט פּעדראָס. — מער קאָן ער נישט. די געטער זענען די אייגענע ליגנער, וואָס די טראַגיקער. זיי קאָנען נאָר שרעקן. זיי ווערן בייז, ווען מען זאָגט זיי דעם אמת.

אַריסטאָפאַנעסעס קול ווערט שאַרפער, עס שניידט די שטילע, קילע נאַכט ווי מיט אַ מעסער:

— וויל גערעדט, פּעדראָס. סאָקראַטעסעס תּלמידים הייבן

ענדלעך אָן צו פֿאַרשטיין אַריסטאָפאַנעסן. ביסט גערעכט. אַפילו דער גרויסער עסכילאָס איז אַ ליגנער. אָט האָט ער געזאָגט, אַז נאָך דער הערשאַפט פֿון די אָלימפּישע געטער וועט קומען אַ נייער גאָט, פּראָמעטעוס. נישט מער אַ פֿיינט פֿון די מענטשן, ווי צעוס, נאָר זייער פֿריינט און באַשיצער. כּדי צו באַווייזן, אַז ס׳איז ערגעץ־ווו דאָ אַ גאָט, וואָס איז נישט דער פֿיינט פֿון די מענטשן, האָט עסכילאָס געטרייסט דאָס מענטשן־געשלעכט מיט פֿאַלשע הבטחות.

— זענען די געטער אונזערע פֿיינט? — הערט זיך די פֿליס־טערנדיקע שטים פֿון דאָקטאָר עריקסימאַכאָס.

— זיי זענען אייערע פֿיינט, איר מענער פֿון אַטען, — ווערט אַריסטאָפאַנעסעס קול וואָס אַמאָל באַוועגטער. — בחנם זענען מיר מקריב אויף זייערע מזבחות. נאָך קיינמאָל האָט קיין גאָט נישט געטון די מינדסטע טובה פֿאַר אַ מענטש. די געטער האָבן זיך צו ליב, אום צו קאָנען עמיצן ליבן. זאָגאַר צווישן זיך האַסן זיך די געטער און זענען תּמיד אין אייביקן קאַמף. אַפילו דער קאַמף פֿון די געטער איז אַ קליינלעכער. דער ליבנדיקער עראָס, וועלכן איר האָט אַלע אַמאָל געריימט אויף דעמדאָזיקן אָרט, איז נישט קיין גאָט, נאָר אַ דעמאָן. ער איז שוין דערמיט נישט קיין גאָט, ווייל ער ליבט. צוגלייך מיט זייער שנאה צו די מענטשן, האַסן די געטער די ליבע, און די געטער שטראָפן די ליבנדיקע גלייך מיט די גרעסטע פֿאַרברעכער. ניין, עראָס איז נישט קיין גאָט. דער ליבנדיקער פּראָמעטעוס איז נאָר אַן אויסרייד, כּדי אייך צו לאָזן אין פֿאַלשע האָפֿנונגען. ס׳איז נישטאָ קיין ליבנדיקער גאָט.

אַלקיביאַדעס רייסט־איבער:

— דו פֿאַרגעסט, מיין אַריסטאָפאַנעס, מיר זענען שוין טויזנטער יאָרן אין דער אונטערוועלט. פּראָמעטעוס דער מענטשן־גאָט, האָט געזאָלט קומען צו די מענטשן. אין די יאָרן ווי מיר זענען טויט, האָט אויף דער ערד־פּלאַך געזאָלט פֿאָרקומען גרויסע געשעענישן. די געטער האָבן זיך געענדערט. ס׳איז אפשר אין דער צווישן־צייט מקוים געוואָרן דאָס שיקזאַל, און פּראָמעטעוס איז דער האַר פֿון דער וועלט.

— די נבואה פון גרויסן עסכילאָס, — גיט צו אַפּאָלאָדאָראָס און פּאַלעראָן.

דערויף דערציילט אַריסטאָפאַנעס:

— איך האָב געבלאָנדזשעט אין דער שאָטן-וועלט, לענג-אויס דעם שוואַרצן סטיקס. איך האָב לאַנג געבלאָנדזשעט און איך בין געקומען ענדלעך אויף אַן אָרט, ווו דאָסדאָזיקע מתים-וואַסער פליסט אין אַ פולשטענדיק וויסטער געגנט. צווישן די דערנער ביים ברעג פון סטיקס האָב איך פּלוצלינג אָנגעטראָפן אַ נאַקעטן מענטש, הוילע הויט און ביינער. ער איז געזעסן ביים ברעג און זיך איינגעקוקט אין די שוואַרץ-פליסנדיקע וואַסערן. „ווער ביסטו, דו אָרימער שאָטן?" — האָב איך אים געפרעגט. „איך בין אַ באַרבאַר", האָט ער געענטפערט, „איך בין געבוירן געוואָרן אויף דעם אינזל בריטאַניאַ. מיין לעבן לאַנג בין איך דאָרט געווען אַן עלנטער קאָמעדיאַנט". כּדי אָנצוזאַמלען געלט, האָט דערדאָזיקער באַרבאַר געשריבן טעאַטער-שטיק, אַפילו טראַ-געדיעס. אָפּצושפּעטן אויס די הימלישע געטער, לאָזט ער אין מיטן פון זיינע טראַגעדיעס אויפטרעטן סאַטירן און קלאָונען. זיינע פילאָזאָפן זענען געמיינע הויף-לצים. איינער פון זיינע טראַגישע קלאָונען האָט נעבן אַ קבר געפונען אַ שאַרבן-קאָפּ פון אַ הויף-לץ (ביי דידאָזיקע ווערטער ווענדט זיך אַריסטאָפאַנעס צו דער זייט פון סאָקראַטעסן) און מיט דעמדאָזיקן טויטן-קאָפּ געהאַט אַ געשפּרעך וועגן דער וועלט-חכמה. דערדאָזיקער באַרבאַר האָט גערעדט שלעכט גריכיש און בייזווילליק געפעלשט די געשיכטע פון די מענטשן. איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער נישט געהערט אַמאָל פון דעם דערוואַרעטן פּראָמעטעוס. דאָס כיטרע געשפּענסט האָט דערויף כּסדר גערעדט מיט משלים און אַלץ אויסגעמיטן צו געבן אַן ענטפער. ענדלעך האָט ער געזאָגט, אַז ערגעץ-ווו אין אַן אומבאַדייטנדיק לאַנד האָט זיך באַוויזן איינער, אַ פּראָסטער בעל-מלאכה, וואָס האָט געזאָגט, דאָס ער איז דער זון פון די געטער און ער האָט געבראַכט פאַר די מענטשן די בשורה פון ליבע און באַרמהאַרציקייט. די קלוגע מענטשן האָבן זיך נאָר אויסגעלאַכט, אים אָנגעטון אין פּורפּור און אין אַ דערנער-

קרוין, האָבן אים באַשפּיגן און געפּרייזט אַלס מלך. דערנאָך האָבן זיי אים אויפגעהאָנגען צוזאַמען מיט צוויי גנבים, און זאָגאַר איבער זיין תּליה אויפגעקלאַפּט אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָ הענגט דער דערלייזער און דער מלך פון דער וועלט. ס'איז געווען זייער אַ גייסטרייכע קאָמעדיע. ער האָט נאָך צוגעגעבן: אַז די וועלט איז אַ טעאַטער, נאָר ווען מ'לאָזט די געטער אויפטרעטן אויף דער סצענע, זענען דאָס די ערגסטע שוישפּילער.

— איז דאָס ווירקלעך געווען אַ גאָט? — פרעגט פּאָזאַניאַס.

— איך גלויב, אַז יאָ, — ענטפערט אַריסטאָפאַנעס, — דעריבער האָט ער אַזוי שלעכט געשפּילט דאָס שפּיל פון פּראָמעטעוס און זיך געברענגט דערמיט אויף דער תּליה. אויף דער תּליה האָט נאָך דערדאָזיקער נאַזווער גאָט גערופן דעם הימלישן צעוס, ער זאָל אים העלפן. די געטער אָבער, ווי זייער טבע איז, קאָנען נישט העלפן און קאָנען נישט ליבן. דער הימלישער פאָטער האָט זיך אָפּגעווענדט פון דעם איינציקן גאָט, וואָס האָט נאָך געגלויבט אין די ווערטער פון די געטער. פאַר יוצא־וועגן האָט צעוס אַ ביסל געדונערט און באַוויזן זיינע אַטמאָספערישע קונץ־שטיק. אָט אַזוי העלפן און ליבן די געטער.

אַז אַריסטאָפאַנעס האָט געענדיקט, האָבן אַלע פריינט געשוויגן. בלויז דער דאָקטאָר עריקסימאַכאָס און אַפּאָלאָדאָראָס פון פאַלעראָן האָבן שטום געווענדט זייערע בליקן צו סאָקראַטעסן, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט פון אים אַן ענטפער.

דער דיקלעכער גוף סאָקראַטעסעס באַוועגט זיך שווער אויפן שטיין. ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גלייך ער וויל עפּעס זאָגן. פּלוצלינג אָבער האַקט ער אָפּ אין מיטן, ער בלייבט שטיל זיצן: פון צווישן די פעלזן, אויף דער זייט פון אַרעאָפּאַג, הערט זיך אַ שוואַך אומעטיק געקלאָג, ווי אַ שאַקאַל וואָלט געוואָיעט.

— אַ שאָטן פון איינער פון דיינע פלייט־שפּילערינס, אַלקיביאַדעס, אָדער אַ טויטע זונה פון פּירעוס, — וויצלט זיך אַריסטאָפאַנעס. — זי זוכט דיך. זי האָט געהערט, אַז דו זיצסט צו־

זאָמען אויף אַ סימפּאָזיאָן מיט סאָקראַטעסן, איז זי געקומען הערן חכמה פון דעם חכם סאָקראַטעס.

סאָקראַטעס טוט ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט. דאָס יאָמערלעכע קול צווישן די פעלזן דערנענטערט זיך. מ׳הערט דייטלעך דאָס קול פון אַ מענטש:

— סאָקראַטעס, סאָקראַטעס, זיי מוחל...

— קסאַנטיפּע, — זאָגט שטיל אַלקיביאַדעס. אין זיין שטים קלינגט אומהיימלעכקייט.

סאָקראַטעס דרייט-אויס דעם קאָפּ: אויף דעם שפּוע פון בערגל, אויף די פעלזן, דראַפּעט זיך די קליינע געשטאַלט פון קסאַנטיפּען ווי אַ טונקעלער וואָרעם.

אַריסטאָפאַנעס רופט-אויס מיט פרייד:

— קום אַהער, קסאַנטיפּע, האָב נישט קיין מורא, — זאָגט ער און ווינקט צו קסאַנטיפּען מיט דער האַנט. — דו האָסט תּמיד צום ריכטיקסטן אָפּגעשאַצט סאָקראַטעסן. סאָקראַטעס איז אַ ליגנער, ער איז באַזיגט. פּראָמעטעוס איז געווען אַן עלנטער נאַר און האָט געגלויבט עסכילאָסן. ווען ער איז געקומען, האָט מען אים אויפגעהאָנגען צווישן צוויי גנבים. איך, דו און יענער נאָקעטער קאָמעדיאַנט אויף די ברעגן פון סטיקס, — צו אונז געהער דער רום און די חכמה.

סאָקראַטעס הייבט-אויף דעם קאָפּ, ער ווייזט מיט אַ פינגער אויף אַ רויטלעכן, קוים אָנזעעוודיקן מאָרגן-שטרייף, וואָס ציטערט-אויף איבער די בערג פון אַטיקאַ: — מיר זענען טויטע, מיר געהערן צו דער שאָטן-וועלט. פּלוטאָן, אונזער גאָט, רופט. עס טאָר אונז נישט זען דער טאָג.

איבער דעם וועג, וואָס פירט צום דיאָניזאָס-טעאַטער, טויכט-אויף די געשטאַלט פון אַ מענטש.

— אַ שטערבלעכער אין אונזער נאָענטקייט, — זאָגט אַלקיביאַדעס.

— עס ליגט איבער אונז דאָס געזעץ פון די טויטע; מיר טאָרן זיך נישט געפינען אין דער נאָענטקייט פון אַ לעבעדיקן.

די שאָטנס דערווייטערן זיך שנעל פון די שטיינער אויפן בערגל.

אײן אַריסטאָפּאַנעס בלײַבט איבער. ער שטײַגט אַרויף אויף אַ פעלז, כּדי בעסער צו זען די שאָטנס פון די אומשטערבלעכע, וואָס דערוויטערן זיך ראַש אויפן וועג צום קיראַמײקאָס. אויף יענער זײַט, אויפן שפּיץ, קלעטערט נאָך מיד קסאַנטיפּעס געשטאַלט. מ׳הערט זי שטיל יאָמערן, און ווידער דערנענטערט זיך איר קול:

— זײַ מוחל, סאָקראַטעס! נישט איך, נישט איך...

אַריסטאָפּאַנעס דערהויבט צו איר זײַן האַנט. ווי אַן אײַנזאַמער גאָט שטײט זײַן געשטאַלט אויפן פעלז. אין די לעצטע שעהן פון דער נאַכט, וואָס פאַרשווינדט, רופט זײַן קול:

— בײַ וועמען בעטסטו פאַרגעבונג, קסאַנטיפּע? זע, ווי קאָמיש, ווי נישטיק און ווי פול מיט פּחדנות עס זענען די אומשטערבלעכע! פּלוטאָנס קנעכט. נאָר די, וואָס פאַרגײען, זענען פרײַ. אויף די, וואָס פאַרגײען האָבן נישט קײן שליטה נישט די געטער, נישט דאָס שיקזאַל. גרויס זענען די, וואָס פאַרגײען. קום, לאָמיר צוזען, מײַן קסאַנטיפּע, פאַר וועמען ס׳זענען אַנטלאָפן די גרעסטע מענער פון אַטען.

אַריסטאָפּאַנעס נידערט אַראָפּ פונם פעלז און גײט-צו צו קסאַנטיפּען. ער הײבט זי אויף פון דער ערד, און זי ציטערט אײַנגאַנצן נעבן זײַן זײַט, דאָס שוואַכע ווײַב. ער נעמט זי אָן פאַר דער האַנט. אַזוי בלײַבן זײ שטײן צוזאַמען, אַריסטאָפּאַנעס און קסאַנטיפּע.

די הימלען איבער די בערג רויטלען זיך וואָס אַמאָל מער אין פרימאָרגן. דער מענטש אויפן וועג דערנענטערט זיך וואָס בולטער. עס איז אַן אַלטער מאַן, אַ באָרוועסער בעטלער, וואָס גײט אַהער. ער גײט פולשטענדיק אָפּגעריסן, און זײַנע קניען זענען נאַקעט. ער גײט טריט-בײַ-טריט אויפן וועג, און האַלט אין דער האַנט אַ לאַנגן שטעקן, אַזעלכן ווי ס׳טראָגן די אַטישע ציגן-פּאַסטוכער.

ער לענקט זײַנע טריט צום פעלז, אויף וועלכן ס׳זענען ערשט געזעסן די אַלטע אַטענער.

צוקומענדיק צום פעלז, זעצט זיך דער אָרימער בעטלער

אַנידער. די שמאַטעס אויף זיין גוף און די עטלעכע גרויע האָר אויפן קאָפּ, זענען אים נאַס פון טוי. ער רייבט זיך די אַלטע איינגעטרוקנטע הענט און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן. די מזרח־הימלען ווערן ראָז ווי אַ בלאַסע רויז.

אַריסטאָפּאַנעס און קסאַנטיפּע שטייען אַלץ אויף זייער אָרט.

דער אַלטער בעטלער, וואָס זיצט אויפן שטיין פון אַגאַטאָנס הויז, הייבט פּאַמעלעך אָן זיינע שמאַטעס אויסצורייניקן פון אומפלייט.

אַריסטאָפּאַנעס לאַכט שטיל: — דער קלענסטער לעבעדיקער האָט פאַריאָגט די גרעסטע טויטע. קום, קסאַנטיפּע!

ער נעמט זי אָן פאַר דער האַנט און פירט זי אַוועק אויפן וועג צום קיראַמייקאָס.

אבּערגלויבּן

איך בין אַ פריידענקער און אַן איבערצייגטער מאַטעריאַליסט. איך האָב שוין לאַנג פון מיר אָפּגעטרייסלט יעדן שפּור פון אַבערגלויבן און קוק אויף דער וועלט אָן דעם מינדסטן פּאָראורטייל. צו וואָס זיך נאָך שפּילן אין אומזיניקער מיסטיק, ווען מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט האָבן מיר אַריינגעדרונגען אין די פינסטערסטע באַהעלטענישן פון דער וועלט! די טיר, וואָס פירט־אַריין צו דעם גאַנצן מעכאַניזם פון וועלט־סיסטעם, האָט זיך געעפנט, מיר זעען אַלע רעדלעך און שרייפלעך, מיר קענען אַלע פיזיקאַלישע געזעצן, וואָס באַוועגן אָט די גאַנצע קאָסמישע מאַשין, און די אַלע עלעמענטן, פון וועלכע זי בויט זיך אויף. מיר האָבן אָפּגעווישט דעם הויך פון איבער יענעם פענסטער, דורך וועלכן מ׳קוקט־אַריין אין די לעצטע טיפענישן. פאַרן מענטשלעכן שכל איז שוין מער נישט פאַראַן קיין סוד. אַלצדינג איז אומבאַרמהאַרציק קלאָר. ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דער אַטעיִסטישער מענטש האָט פאַרלוירן יעדעס מינדסטע געפיל פון ערפורכט, ווען די געטער האָבן זיך דערשראָקן פאַר די צעלן פון מענטשלעכן געהירן און, ווי ביי דער האַנט געכאַפּטע האָקוס־פּאָקוסניקעס, געמאַכט פליטה פון די הימלען? די געטער האָבן זיך געהאַלטן ווי פחדנים אַקעגן דער וויסנשאַפט. נשמה? געפיל? אַנונג? געמיט? מיר ווייסן, אַז גייסט און מאַטעריע איז איינס־און־דאָסזעלביקע. די אייגענע געזעצן, וואָס באַוועגן אונזערע פיזישע קערפּערס, הערשן אויך בעתן פּראָצעס, ווען מיר דיכטן, אָדער ווען מיר דערגרייכן די אָריגינעלסטע געדאַנקען.

מיר האָבן דורכגענישטערט אַלע הימלען און דאָרט נישט געפונען נישט קיין גאָט, נישט קיין שיקזאַל.

איך גיב דאָ אין קורצע זאַצן מיין אידעיִשן „אני מאמין”, כּדי די פאָלגנדיקע געשיכטע, וואָס כ׳וועל דערציילן, זאָל דעם לעזער נישט אַריינפירן אין אַ טעות וועגן מיינע אינערלעכע איבערצייגונגען. איך בין אַן אַטעיִסט, הגם אַטעיִזם און אַבערגלויבן שטייען נישט שטענדיק אין ווידערשפּרוך. אַז מ׳גלויבט נישט אין גאָט, גיט עס נאָך נישט דאָס רעכט נישט צו גלויבן אין זאַבאָבאָנעס. אַזאַ ראַציאָנעלער קאָפּ און גאָט-פרעסער, ווי וואָלטער, איז אויך געווען אַבערגלויביש. פאַרוואָס זענען גראָד די אַטעיִסטן אין זייער טיפסטן אינערלעכן אַבערגלויבישער פון די, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון דעם פאָראורטייל, אַז איבער דעם גאַנצן דאָזיין וואַכט אַ געטלעך אויג? דאָסדאָזיקע קאָמישע רעטעניש איז נאָך פון מענטשלעכן שכל נישט גענוג קלאָר אויפגעקלערט געוואָרן. אין אַ נאָענטסטער צוקונפט וועט מען געוויס אַנטדעקן די סיבה פון אַבערגלויבן, איבערהויפּט ביי אַטעיִסן און שוישפּילער. ווער פון די געלערנטע וועט עס טון? איך פון מיין זייט לייג מער האָפנונג אויף די פיזיאָלאָגן, ווי אויף די פּסיכאָאַנאַליטיקער.

ערשטער קאַפּיטל

די באַציִונגען צווישן מיין פריינט, ד״ר בערנאַרד בערסאָן, און זיין פרוי, מאַטילדע, זענען אידעאַלע. הגם זיי זענען שוין פינף יאָר נאָך דער חתונה (און וואָס איז נאָך אַזוי פאַרגעגנלעך, ווי די ליבע!), ליבן זיי זיך. זייער ליבע האָט נאָך גאָרנישט פאַרלוירן פון איר נאַיִווער ריינקייט. זיי גלויבן איינער אין אַנדערן, ווי אומשולדיקע קינדער, זיי פאַרגעטערן זיך.

איך פלעג זיי שטענדיק רופן: ראָמעאָ און יוליאַ.

ד״ר בערסאָן איז אַ געלערנטער, אַ נאַטור-וויסנשאַפטלער, אַ געאָלאָג. ער גלויבט נישט אין גאָט, דאָך איז ער אַ גאַנץ-גוטער מענטש און אַ געטרייער פריינט. מאַטילדע, זיין פרוי, איז אַ שיינהייט. איר סימפּאַטיש פּנים האָט אין זיך עטוואָס פון יענע שטילע שוישפּילערינס, וואָס שפּילן אין שעפּער-סצענעס און שטאַרבן-אַוועק צווישן ליליעס. אַ יוליאַ.

וואָס איז דער חדוש, וואָס מיין פריינט בערסאָן איז פאַרליבט, כאָטש ווי אַ נאַטור-פאָרשער און קלאָרער, ניכ-טערער דענקער, האַלט ער זיך ביי דער מיינונג, אַז אַלע מינים פון סענטימענטן קאָנען דעם קריטישסטן קאָפּ אַוועקפירן אויף פאַלשע פאָרשטעלונגען, דאָך אָבער, בנוגע צו מאַטילדען, איז בערסאָן נישט שטענדיק קאָנסעקווענט אין זיינע פּרינציפּן. דער-דאָזיקער קאַלטער מענטש, וואָס נישט לויט די סיסטעמען פון די פילאָזאָפן, נאָר לויט די געאָלאָגישע שיכטן פון דער ערד, באַשטימט ער זיינע געפילן צו גאָט; דערדאָזיקער מענטש, וואָס שעפּט זיין גאַנצע לעבנס-פרייד פון מינעראַלן און קיזל-שטיינער — אָ, פאַלשער כשוף פון דער ליבע! — וויפיל שוואַכקייטן מיין פריינט בערסאָן ווייזט-אַרויס צו דערדאָזיקער קליינער און שיינער

מאַטילדע, צו דערדאָזיקער צאַרטער, כּמעט פּופּעןהאַפטער,
מאַטילדע, וואָס איר הויט איז מערקווירדיק ווייס!

זייער וווינונג איז נישט קיין גרויסע, זי פאַרנעמט דעם פּאַרטער אין אַ הויז הינטער דער שטאָט. די פענסטער גייען־אַרויס אין אַ גאָרטן פון אַקאַציען און קאַרשן־ביימער. די פענסטער זענען כּמעט שטענדיק פאַרהאָנגען מיט שווערע טונקל־זיידענע פּאָרטיערן. די פיר צימערן אינעווייניק זענען מעבלירט מיט ספּעציעל אַלט מעבל, באַמאָלטע קאַסטנס, פיל קופּערנע כּלים און האַפּטן, אַ מענגע האַפּטן. די ווענט זענען פון אַליוון־פאַרביקן האָלץ און גאַנץ געדיכט באַהאָנגען מיט בוכאַרישע טעפּיכער. דער קליינער סאַלאָן קוקט־אויס, ווי אַן אינדיש הייליקטום. ער איז ממש באַוואָרפן מיט האַפּטן און טעפּיכער. אין אים איז תּמיד האַלב־טונקל. צווישן גרין־קופּערנע פאַנען און רויכער־כּלים שטייט אָן אַ זייט אַ הילצערן בודדא־בילד. אויפן סופיט הענגט אַן אינדישע טעמפּל־לאָמפּ. און אין אַ ווינקל, נישט ווייט פון די פענסטער־פּאָרטיערן, איז אַ געלעגער, האַלב סאָפע, האַלב האַרעם־בעט, באַדעקט מיט האַריקע פעלן פון ווילדע חיות און אָנגעלייגט מיט געשטיקטע רויט־זיידענע קישעלעך.

פאַר דער סאָפע — אַ קליין אַראַביש טישל מיט אַ בראָנזענעם רויכער־סערוויז, דערנעבן אויף זילבערנע פּיסלעך אַן אַלטע נאַרגילע אויס בלוי פּאָרצעלאַן.

אָט אין דעמדאָזיקן עקזאָטישן, האַלב־טונקעלן סאַלאָן פאַרברענגט מאַטילדע גאַנצע טעג. די קליינע בלאָנדע פּרוי פונם אַטעיִסטישן געלאָג, די קליינע מאַטילדע מיט די ווונדערלעכע הענט, שטילע שוואַרצע אויגן, און אַ קאָפּ פול פייער־רויטע האָר, האָט זיך פאַרוואַנדלט אונטער בערסאָנס צערטלעכקייטן אין אַן אמתע שפּיל־קאַץ. אין די שעהן, ווען מיין פריינט בערסאָן איז נישט אינדערהיים און אַרבעט וויסנשאַפטלעך אין זיין לאַבאָראַטאָריום, פאַרברענגט זי אָפט אויפן מזרחישן געלעגער אין אַ שפּיצענעם שלאָף־ראָק אָדער אין איר באַבלימטער יאַפּאָנישער קימאָנע. איר צערטלעך קעפּל מיט די פייער־רויטע האָר טוליעט זיך אין די זיידענע קישעלעך, ווי זי וואָלט דאָרט אין די

זעלטענע געוועבן געזוכט באַהאַלטענע צערטלעכקייטן. אירע קליינע וווּנדערלעכע הענט זוכן עפּעס אין דער לופט, זי האַלט האַלב־פאַרגלייזט די אויגן, און אירע באַקן זענען פריש אין שמייכל. אַזוי קאָן זי אָפליגן גאַנצע שעהן און חלומען. די קליינע מאַטילדע איז גליקלעך, ווען זי ליגט אַליין אַזוי און חלומט. אַ צעפּיעשטשעטע ליאַלקע צווישן קישעלעך און חיה־פעלן. מאַטילדע שפּילט זיך נאָך מיט די ליאַלקעס, וואָס זי האָט פאַרבאַהאַלטן פון אירע קינדער־יאָרן. מיט אירע ווייסע, איידעלע פינגער גלעט זי די ליאַלקעס און נייט פאַר זיי קליידעלעך (מיין פריינט בערסאָן האָט, נעמלעך, נישט קיין קינדער). טיילמאָל ציט זי נאָך ענגער צוזאַמען די פּאָרטיערן פון די פענסטער, כדי אין צימער זאָל זיין נאָך טונקעלער, און אין שוואַכן ליכט פון טאָג, וואָס זאַפּט זיך אַדורך דורך די פענסטער־פּאָרטיערן און פּילט־אָן דאָס צימער, ווי אַן איידעלער ווייַן, ליגט מאַטילדע צווישן די קישעלעך מיט אַ האַלב־געעפנט מויל, ווי ס׳וואָלט זי עמיצער געקושט. אַזוי וואַרט זי אָפּ מיין פריינט בערסאָנס קושן.

— אייך, ליבער פריינט, איז נאָך גוט, — זאָג איך אַמאָל צו מיין פריינט בערסאָן, זיצנדיק ביי אים אין לאַבאָראַטאָריום. — אייך איז לייכט צו לייקענען אין גאָט. אָנשטאָט דעם גלויבן אין גאָט, האָט איר די ליבע פון מאַטילדען. די ליבע איז דער שטאַרקסטער נאַרקאָז, וואָס מאַכט אונז פאַרגעסן אונזער שרעקלעכע לאַגע אין דער עקזיסטענץ. די איינגערעדטע זיכערקייט, אַז ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַן אַלמעכטיק וועזן, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, נעמט־אַראָפּ פון מענטשלעכן געדאַנק אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער געדאַנק איז דאַן נישט מחויב צו טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון דער עקזיסטענץ, ער וויל זי פון זיך אַראָפּשאָקלען. דאָס לעבן איז אוממעגלעך שווער אָן אילוזיע, און די אילוזיע וועגן גאָט איז די באַקוועמסטע. איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז סך־הכל פליט אונזער פּלאַנעט משוגענערווייז אין די קאַלטע פינסטערע רוימען פון קאָסמאָס. מיר פירן אונזער דאָזיין אויף אַ דין הייטל פון אַן אָפּגעקילטער לאַווע

אָדער אָפּגעשטאַנענע זאַלצן. יעדע מינוט קאָן געשען די קאַ־
טאַסטראָפע און מיר ווערן צעריבן פון אַ שטערן, אָדער די
אינערלעכע פייערן פון דער ערד וועלן אונז חרוב־מאַכן. אין
אַזאַ נישט־זיכערער לאַגע וואָלט ווירקלעך בעסער געווען, ווען
ס׳וואָלט געווען אַ גאָט, וואָס זאָל אונז אָפּהיטן פון די געפערלעכע
קאַפּריזן פונם צופאַל. נאָר פאַרפאַלן, די וויסנשאַפט איז אויף
אים נישט מסכים. קעגן אונזער אייגענעם ווילן זענען מיר,
אַזוי־צו־זאָגן, געבליבן שטיין אויף דער וועלט אַליין און מיר
מוזן ציען די אומהיימלעכע קאָנסעקווענצן פון אונזערע געדאַנקען.
(ווען עס וואָלט ערגעץ־ווו געווען אַ גאָט, וואָלט ער זיכער
געשטאַנען פונדערווייטנס און געלאַכט, ווי אומבאַהאָלפן די
מענטשן נעמען אַליין אין די הענט אַריין זייער גורל און קאָנען זיך
אָן דער געטלעכער השגחה קיין עצה נישט געבן). אייך איז
לייכט צו לייקענען אין גאָט. איך אָבער בין אַן אַלטער בחור און
אַ באַפרייטער פון אַלע מענטשלעכע פאַראורטיילן, דערצו האָב
איך נישט קיין דערפאָלג ביי די פרויען און פאַרברענג מיינע
נעכט ביי די שוואַרץ־געדרוקטע בלעטער פון די ביכער. פריינט
בערסאָן, מיין פריי געוויסן ברענגט מיר נישט קיין נחת.

מיין פריינט בערסאָן שמייכלט זיך אויס, אָנטוענדיק דעם
פּאַלטאָ, גיט ער צו:

— האָט חתונה.

— פריינט בערסאָן, וואָס קאָן אַן אַלטער בחור האָבן פון
חתונה־האָבן? איך האָב מיין יוגנט אַוועקגעגעבן דער פילאָזאָפיע.

ווי ער וואָלט נישט געהערט און פאַרטון געווען אין
אַנדערע געדאַנקען, רופט זיך בערסאָן אָן:

— קומט, מאַטילדע וועט שוין אומרויק זיין אינדערהיים.
איך האָב איר צוגעזאָגט אייך מיטצוברענגען אויף טיי.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, נעמט ער מיך אָן
אונטערן אָרעם:

— סאַראַ שיינער אָוונט היינט איז. אַ שאָד, וואָס מיר זענען
געבליבן אין לאַבאָראַטאָריום און נישט געווען ביי מאַטילדען. מיר
וואָלטן בעסער שפּאַצירט.

צווייט קאַפּיטל

ביי דעם ערשטן אַריינטריט אין בערסאָנס וווינונג, ווען מיר האָבן זיך אין עלעגאַנטן קאָרידאָר אויסגעטון די מאַנטלען, הערן מיר שוין, ווי פון נאָענטסטן צימער לויפט אונז מאַטילדע אַקעגן מיט לייכטע, שפּילנדיקע טריט. איר זאַנפט זילבערן קולעכל קלינגט פריילעך הינטער דער טיר:

— ביסטו עס, בעני?

— מיטי, — ענטפערט צערטלעך מיין פריינט בערסאָן, און זיין תמיד ערנסט פּנים שטראַלט פון גליק.

פון הינטער דער יאַפּאַנישער שטרוי-מאַטע, וואָס טיילט-אָפּ דעם קאָרידאָר פון די איבעריקע חדרים, באַווייזט זיך מאַטילדע. די פייער-רויטע האָר זענען איצט איינפאַך פאַרקעמט, זי טראָגט אַ לילאַ-זיידן אָוונט-קלייד, לייכט דעקאָלטירט. אירע צאַרטע, קינדיש-ווייסע אַקסלען הייבן זיך פול אַרויס פונם דינעם איידעלן זיידנס, ווי אַ יונגער פרימאָרגן.

מאַטילדע לאַכט גליקלעך און פאַלט-אַרויף אויף מיין פריינט בערסאָן. אירע שוואַרצע אויגן גליען פאַר פרייד, זי נעמט אים אַרום פאַרן האַלז, ווי אַ קליין קינד.

ער טוט איר אַ קוש אין קאָפּ און גלעט זי פאַרן בעקל:

— אָט זענען מיר, מיטי, אָט זענען מיר.

מאַטילדע טוליעט זיך צו אים, זי ענדערט שטיל די שטימע:

— האָסט אַ גאַסט, — זאָגט זי.

— אַ גאַסט?

— יאָ, דער אַלטיטשקער, פּראָפעסאָר האָרן. ער זיצט דרינען אין סאַלאָן.

מיין פריינט בערסאָן טוט אַ ברום, ווי ער וואָלט נישט צופרידן געווען, און ווענדט זיך צו מיר:

— איך האָב אַמאָל דערציילט פון אים, אַ באַדייטנדער געלערנטער, אַ געאָלאָג און אַ פּאַלעאָנטאָלאָג. זיינס אַ ווערק וועגן דער פאַונאַ אין טריאַס- און קאַרבאָן-צייט האָט אים געמאַכט אַ נאָמען. היינט איז ער אַן אַלטער עובר-בטל. פון שוואַכזיניקייט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיטן געהיימען האָקוס-פּאָקוס. איר וועט אייך מיט אים באַקענען און זען, ווי פון לאַגישסטן קאָפּ קאָן צמאָל ווערן אַ חורבה.

מיין פריינט בערסאָן נעמט מאַטילדען אונטערן אָרעם.

— קומט אין סאַלאָן, — זאָגט ער צו מיר, — מיר ווילט זיך אַזוי טרינקען.

מיר גייען אַלע דריי אין סאַלאָן. די עלעקטרישע פלאַמען אין דער אינדישער טעפּל-לאָמפּ ברענען אונטער אַ זעלטענעם גאָלדענעם טוך. דאָס ליכט, אַדורכגייענדיק דורך דעם צאַרטן גאָלדענעם געוועב, פילט-אָן דאָס שטילע, מיט טעפּיכער באַהאָנגענע צימער מיט דער שיין פון אַ מערכענאַרטיק נאַכט-ליכט. אינם קאַמין גליען עטלעכע שטיקער האָלץ. דאָס אַלטע בודדאַ-בילד, אַ ביסל מער אַריינגערוקט אין שאָטן צווישן די קופּערנע כלים, זעט איצט אויס ווי אַ לעבעדיקער גאָט. אויפן טיש — נישט ווייט פון דער סאָפע — זידט אַ ניקלנער סאַמאָוואַר. עטלעכע קליינע כינעזישע טיי-שאָלן זענען צעשטעלט איבער דעם שוואַרץ-זיידענעם טישטוך, אַ זילבערנע צוקער-ביקס.

בערסאָן פירט מאַטילדען צו צום טיש. איך גיי הינטער זיי. מ'הערט כמעט נישט אונזערע טריט. מיר גייען שטיל אין די ווייכע טעפּיכער.

— גוטן אָוונט, הער פּראָפעסאָר, — פּלאַצט מיטאַמאָל אויס מיין פריינט בערסאָן.

אין אַן עק פון דער סאָפע, כמעט ווי באַהאַלטן הינטער די פענסטער-פּאָרטיערן, זיצט אַ מאָדנע קליין נפשל, אַ דאַרער אַלטיטשקער, הויט און ביינער. ער טראָגט אַ שוואַרצן, נעט-געפּרעסטן פראַק און אונטער דעם דינעם, צעאָדערטן העלדזל אַ ווייסע, ברייט-צעשלייפטע בינדע. אויף דעמדאָזיקן קליינעם גופל זיצט אַ גרויסער קאָפּ, ווי אַ מיט געלער, גערונצלטער

הויט איבערגעצויגענער טויטן-שאַרבן. מ׳זעט בולט יעדן ביין פונם קאָפּ. אונטער שיטערע פלאַקסיקע ברעמען און פון קיילעכדיקע האָרענע ברילן אָפּער קוקן-אַרויס פון דעמדאָזיקן קאָפּ אַ פּאָר גרויע, פאַרלאָפּענע אויגן, אמתע מויז-אויגן, וואָס בלאָנדזשען און פינטלען אומרויק. די ליפּן זענען דין און בלייך, שטענדיק האַלב-אָפּן, אַזוי אַז דאָס מויל קוקט-אַרויס דורך זיי, ווי אַ פינסטערער, אומהיימלעכער תהום. די נאָז איבער די ליפּן זעט-אויס ווי אַ טרוקענער, שאַרף-צוגעשפּיצטער ביין. אויף אָט דעם גאַנצן, אַזוי-צו-זאָגן, לעבעדיקן מתים-קאָפּ איז נישטאָ אַ חוץ די ברעמען קיין סימן פון אַ האָר.

— גוט יאָר, ליבער דאָקטאָר, — שפּרינגט-אויף אָט דאָס אַלטע נפשל פון דער סאָפע מיט אַ קוויטשיק שטימעכל. איבער זיין געל קנאָכיק פּנים גיסט זיך פּלוצלינג אויס אַ מאָדנע פרייליכקייט, אַ פרייליכקייט, וואָס ציטערט אומהיימלעך אויף די צוגעשפּיצטע ביינער פון זיין געזיכט. ער שטעקט-אויס צו ד״ר בערסאָן אַ קליין, כמעט קינדיש הענטעלע.

מיין פריינט בערסאָן שטעלט מיך פאָר און מיר זעצן זיך.

מאַטילדע פאָרעט זיך דערווייל ביים סאַמאָוואַר. מיר גיסן-אָן אונזערע שאָלן מיט טיי.

— איר זענט שוין לאַנג אין אונזער שטאָט, הער פּראָפעסאָר? — רופט זיך אָן טרוקן, אָבער זייער העפלעך מיין פריינט בערסאָן. (אַבי עפּעס צו זאָגן). ער שפּילט זיך דערווייל מיט מאַטילדעס הענט, וואָס ליגן אין זיינע. מאַטילדע האָט ענג צוגערוקט איר שטול צו מיין פריינט בערסאָן. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, איר שיין קעפּל איז געלעגן אָנגעלענט אויף זיינע אַקסלען.

פּראָפעסאָר האָרן לאַכט צופרידן. ער פּישטשעט מיט זיין קולעכל:

— ערשט היינט, ליבער דאָקטאָר, כמעט פון דער באַן. אַ מענטש זוכט-אויף אַלטע באַקאַנטשאַפטן. דערצו האָט איר נאָך אַזאַ יונגע פרוי, אַזאַ ליבע. דעם כבוד געהאַט, גנעדיקע פרוי דאָקטאָר, — ווענדט ער זיך מיט אַ גליקלעך צעשמייכלט

פּנים צו מאַטילדען און די ליפּן ציטערן אים דערביי פון אַלטקייט. פון דער ווייכער מויל-עפענונג הויכט-אַרויס דער שוואַרצער תהום. ער פאַרנויגט זיך צו איר מיט זיין גאַנץ קליין גופל, נעמט פּלוצים אַרויס אַ טאַשן-טיכל פון אַ זייטן-קעשענע און טוט זיך דערמיט אַ וויש איבערן שטערן.

מאַטילדע טוט אַ ציטער, זי ניקט אים צוריק מיטן קאָפּ. די ווינקלען פון אירע ראָזע ליפּעלעך קרימען זיך אין אַ גענויטן שמייכל. עס הערשט אַ ווײַלע אַ פּיינלעכע שטילקייט. מיר טרינקען דערווייל טיי.

מיין פריינט בערסאָן נעמט פּלוצלינג אַרום מאַטילדעס קאָפּ, גיט איר אַ קוש אין די האָר, און ווענדט זיך מיטאַמאָל מיט אַ שטילן, פאַרבלאָזן טאָן צו פּראָפעסאָר האָרן, וועלכער זופּט מיט זיינע ציטערדיקע ליפּן פון דער איידעלער כינעזישער שאָל:

— איך האָב דאָ נישט לאַנג איבערגעלעזן אייערע ווערק, הער פּראָפעסאָר, זייער גוטע ביכער. איר גיט זיך שוין מער נישט אָפּ מיט דער וויסנשאַפט?

פּראָפעסאָר האָרן גיט אַ קורצן, קוויטשיקן לאַך, דאָס קליינע הענטעלע טוט ער אַ פיר איבער דעם ביינערדיקן פּליך, מיטאַמאָל ווערט ער ערנסט.

— איך האָב געאַרבעט אין דער וויסנשאַפט, ווען כ׳בין געווען אַלט, אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען אַלט, — זאָגט ער זייער טרויעריק, — איך בין געווען זייער אַלט. מ׳איז אַלט דאַן, ווען מ׳שטייט נאָר אויף איין זייט. אויף יענער זייט איבער אַן אָפּגרונט בליט דאָס לעבן, ווי אַ פרעכטיקער בוים.

פּראָפעסאָר האָרן קוקט זיך אַרום. זיין מתים-קאָפּ רויטלט זיך מיט אַ שטילער זעלבסטצופרידנקייט פון דערדאָזיקער מליצה. ער מישט האַסטיק די טיי און וואַרפט דורך די האָרענעברילן אַ לייכטן בליק אַריבער צו מאַטילדען.

איך רוף מיך אָן דער ערשטער:

— ווען זענט איר געווען אַלט? אין דער יוגנט?

— יאָ, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן זייער ענערגיש און טוט

זיך אַ וויש איבער דעם פּליך, — איך בין געווען אַ מיאוסער, אַ קליינער, אַ דאַרער. אין מיין האַרצן האָבן געברענט גלוס־טיקייטן צום לעבן, וואָס האָבן מיך אויפגעפרעסן. די פּרויען האָבן מיך אָפּגעשטויסן פון זיך, ווי אַן עקלהאַפטן פּאַראַזיט, (פּראָפעסאָר האָרן פּישטשעט זייער שטיל): איך האָב זייער גע־ליבט די פרויען.

איך גיב אַ קוק אויף מאַטילדען און אויף מיין פּריינט בערסאָן.

פּראָפעסאָר האָרן פאַלט־אַריין אין עקשנותדיקער התלהבות. אין די ווינקלען פון זיינע בלייכע ליפן באַווייזט זיך שוים. ער קוויטשעט הייזעריק:

— פאַר נקמה אין מיר אַליין, הערט איר, פאַר נקמה אין לעבן (פּראָפעסאָר האָרן קלאַפּט דערביי מיט זיינע קליינע הענטלעך אין טיש אַריין) האָב איך מיך געוואָרפן אויף דער וויסנשאַפט. דוקא אויף דער געאָלאָגישער וויסנשאַפט, אויף אייער וויסנשאַפט, הער דאָקטאָר. איבערגעלעבטע ערד־שיכטן, נישטיקייטן פון דורות, נישטיקייטן פון מיליאָנען יאָרן. איר גראָבט זיי אַרויס פון שויס פון דער ערד און זיי קוקן אויף אייך, ווי די הוילע לעכער פון אַ מענטשלעכן שאַרבן־קאָפּ, מיט אַ ציניש לאַכן, יאָ, מיר האָבן געלעבט... אמת, מיר האָבן געלעבט?... אָ, צעפאַלענער שטויב פון דורות! יאָרן־לאַנג האָב איך מיך דאָרט אַרומגענישטערט. איך האָב אין דער שטיל גע־לאַכט פון די רעליקוועס פון גאַנצע דאַזיינס, שטיל און ביין־ווילק, ווי אַ קליינער טייוול. אַ פאַרשטיינערטן קנאָכן פון אַ פרעהיסטאָרישן פרויען־סקעלעט, וואָס כ'האָב געהאַט אין מיינע זאַמלונגען, האָב איך געגלעט, ווי אַ ליבהאָבער. לאַנגע, שלאָפ־לאָזע נעכט בין איך געזעסן איינגעבויגן איבער צעקרישלט גע־שטיין און אַלטע טויטע ביינער!... (פּראָפעסאָר האָרן קלאַפּט פּלוצלינג מיט שרעקלעכן כעס אין טיש אַריין. מאַטילדע הערט־אויף צו טרינקען טיי און קוקט אויף אים מיט אַ פאַר גרויסע אויגן).

— וואָס ווילט איר האָבן, הער פּראָפעסאָר, — האַק איך

פלוצלינג איבער דעם פּראָפעסאָר האָרן, — אָנשטאָט ליבע האָט איר דאָך געהאַט רום. דוכט זיך, אייער ווערק וועגן דער פאַונע אין דער קוילן-צייט האָט אייך פאַרשאַפט כבוד.

פּראָפעסאָר האָרן בלייבט ווי צעמישט פון מיין אַריינ-רעדן. ער פּינטלט אומבאַהאָלפן אויף אַלע זייטן מיט זיינע מויז-אויגן, באַוועגט מיט זיינע דינע לעפצן, וועלכע הענגען אים ווי צוויי טירלעך איבערן פינסטערן מויל, ער באַוועגט מיט זיי, ווי ער וואָלט געשנאַפּט נאָך ווערטער, וואָס קריכן אים נישט אַרויס פון האַלז. ער וואַרפט מיט זיינע קליינע הענטלעך עטלעכע מאָל איבערן טיש, זיין גופל היפּט-אונטער אויף דער סאָפע, גלייך עס וואָלט געווען פון גומי.

מיין פריינט בערסאָן האַלט מיט אַ שטילן שמייכל די כינעזישע שאָל ביי די ליפּן און קוקט זיך איבער מיט מאַ-טילדען.

פּראָפעסאָר האָרן פאַלט מיטאַמאָל אַריין אין אַ רויקערן טאָן. ער פּישטשעט זייער שטיל:

— איך האָב נישט געוואָלט כבוד, כ'האָב געוואָלט ליבע, לי—בע—ע. איך האָב געפונען אַ וועג נקמה צו נעמען פאַר אָט די אַלע באַליידיקונגען, ווי דאָס שיקזאַל האָט זיך געשפּילט מיט מיינע ליידנשאַפטן. צו וואָס זיך מאַטערן ווי אַן אַסקעט און זיך גראַבלען אין די אייגענע ווונדן? אָ, איצטער בין איך זיך נוקם.

— איר זענט זיך נוקם? — זאָגט מאַטילדע מיט אַ צערטלעכער דערשראָקנקייט. אירע איידעלע אַנטבלויזטע אַקסלען גיבן אַ שטילן ציטער.

—איך בין זיך נוקם, גנעדיקע פרוי, — פאַרנויגט זיך אָט דאָס קליינע אויסגעטרוקנטע נפשל צו מאַטילדען. ער פאַלט צוריק אַריין אין דער סאָפע און גיט זיך אַ וויש איבערן פליך. — איך בין זיך נוקם אין די אַלע, איבער וועלכע מיין יוגנט איז געבליבן ווי אַ מדבר. איר זאָלט וויסן, וויפיל פרויען עס זענען געווען, וואָס ווען זיי וואָלטן נאָר צו מיר אַ שמייכל-געטון, פּשוט, ווי מ'שמייכלט צו אַ הונט אונטערן טיש, וואָלט איך גליקלעך געווען און מיין לעבן וואָלט נישט געווען אַזוי

וויסט. אויך דעם שמייכל האָבן זיי מיר נישט פאַרגונען. וואָסער גליק איז אין דער וויסנשאַפט, וואָס אין תוך־אַריין האָב איך זי געהאַסט תכלית שנאה? איך האָב קיין אַנדערע עצה נישט געהאַט. איך בין געווען שוואַך אַקעגן מיין גורל, ווי דער אָרימסטער וואָרעם. אָהאָ, איצטער נעם איך מיר אָפּ. איר וועט אייך קוים פאָרשטעלן, גנעדיקע פרוי, ווי גליקלעך איך בין. איך האָב אַ גליקלעכע עלטער. איך בין יונג (פּראָפעסאָר האָרן לאַכט מיט אַ העסלעכער זאַטקייט אַפער פון זיינע גרויסע ברילן, ער סמאַטשקעט אַזש מיט זיינע דינע, בלייכע ליפּצן).

— איר זענט פאַרליבט, — ווילט זיך שעלמיש מיין פריינט בערסאָן, און גיט מאַטילדען אַ קליין פּעטשל איבערן בעקל. ער ווייזט אויף מיר: — גייט נישט אין קלויסטער, אָפעליאַ, — זאָגט ער פּאַטעטיש, — אויך אַן אַלטער בחור קאָן נישט וויסן וואָס אויף אים וואַרט. אָט איז פּראָפעסאָר האָרן פאַרליבט. ווער איז זי, די גליקלעכע?... די כלה?

פּראָפעסאָר האָרן לאָזט־אַראָפּ די אויגן און שעפּטשעט באַשיידן:

— איך האָב אַ סך געליבטע, אַ סך...

אַ שווערע, אומגעריכטע שטילקייט רייסט זיך פּלוצים אַריין צווישן אונז. מיר אַלע בלייבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, גלייך יעדער פון אונז וואָלט אין דערדאָזיקער מינוט אָפּגעטון מי יודע וואָס. עפּעס ווי אַ קאָמישע מיידלשע בושה פלאַמט מיר אין פּנים. פּראָפעסאָר האָרן שווייגט אויך. ער שעמט זיך נישט. ער איינער וואָלט יעדן געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. ער פּויקט נאָך מיט זיין קינדיש פינגערל אין טיש אַריין ווי נאָך אַ גרויסן נצחון.

מיין פריינט בערסאָן האַקט דער ערשטער איבער דאָס אומאָנגענעמע שווייגן, זיין שטימע קלינגט מיט אַ באַהאַלטענעם שפּאָט:

— אָ, איר זענט דאָך אַ דאָן־זשואַן, הער פּראָפעסאָר. איר האָט דאָס גליק אין דער ליבע. דאָס לעבן איז אייך ענדלעך אַנטקעגנגעקומען.

— דאָס לעבן... גליק אין דער ליבע... — בלאָזט זיך האַלב־געבייזערט פּראָפעסאָר האָרן. ער קוקט זיך פאָרזיכטיק אום. — איך ליב מיך נישט אין לעבעדיקע.

איך פלאַץ־אויס מיט אַ געלעכטער און ווענד זיך צו מאַטילדען:

— זעט איר, צו וואָס אַלטע בחורים זענען פעיק? כ׳וועט זיך, פּראָפעסאָר האָרן שפּילט ליבע מיט ליאַלקעס. אַלטע זענען ווי קינדער. קויפט מיר אַ ליאַלקע, פרוי מאַטילדע, דער קאָפּ איז מיר שוין גראָ. צייט זיך צו פאַרליבן.

מאַטילדע לאַכט פריש מיט איר זילבערן קולעכל.

פּראָפעסאָר האָרן פאַלט פלוצים אַריין אין דער מיט־אַמאָל פריילעך געוואָרענער שטימונג. ער שטעלט זיך אויף, גיט זיך אַ וויש איבערן פליך און פישטשעט־אַרויס מיט אַן אומהיימלעכער פייערלעכקייט:

— איך ליב מיך אין מתים, מיינע געליבטע זענען טויטע, טויטע מיידלעך.

— טויטע? — רעדן מיר אַלע מיטאַמאָל אַרויס, ווי אין שרעק. די איינגעטרוקנטע און גראָטעסקע פיגור פון פּראָפעסאָר האָרן זעצט זיך דערוויילן טיף אַריין אין דער סאָפע, כמעט ווי פאַרבאַהאַלטן צווישן די צעלאָזענע פענסטער־פאָרטיערן. מיט זיינע קליינע מויז־אויגן פינקלט ער פון דאָרט אָפּער צו אונז פון הינטער די קיילעכדיקע האָרענע ברילן. ער באַטראַכט אונז מיט צופרידנקייט.

דער ערשטער רופט זיך אָן מיין פריינט בערסאָן און זאָגט נישט אָן ליצנות:

— איר דאַרפט וויסן, פּראָפעסאָר האָרן איז אַ ספּיריטיסט.

— אַוודאי אַ ספּיריטיסט, — טריומפירט פּראָפעסאָר האָרן, — ענדלעך האָב איך געפונען דעם שליסל צו אַלע גלוסטיקייטן. דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, איידער מען באַווייזט עטוואָס דערפון צו נעמען, פאַרשווינדט עס. ערשט אויף דער אַנדערער זייט ציען זיך די דויערהאַפטיקייטן. צו וואָס זאָל מען זיך דאָ אַרומיאָגן נאָך זאַכן, וואָס איידער מען דערגרייכט זיי, זענען

ווי מער נישט פֿאַראַן? אויך די ליבע איז אונטערגעוואָרפֿן די געזעצן פֿון פֿאַרגיין; איידער איין צד איז זיך מישב, איז שטענדיק צו שפּעט. די עלטער און דאָס מיאוס-ווערן איז די איראָניע פֿון דער צייט. צו וואָס זאָל איך מיך שפּילן אין אילוזיעס, ווען פֿאַר מיר זענען אָפֿן אַזעלכע אוצרות? ווײַל איך נאָר, טו איך אַ פֿראַל-אויף די טירן פֿון יענער וועלט און שפּאַציר מיר אַרום צווישן די נישט-פֿאַרגעגלעכקייטן, ווי אין מײַן אייגנס אַ מלכות. זיי זיצן אין דעם אייביקן, ווי פֿייגל אין אַ פּאַסטקע, אָט-אָ די אַלע פֿרויען, וועלכע איך האָב אַמאָל געליבט. זיי זיצן בלייכע, טויטע, אין זייער גאַנצער שיינקייט. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זיץ איך מיר אַליין אין מײַן צימער, די טירן פֿאַרשלאָסן, טיף פֿינסטער. אויך די פֿענסטער אין דער נאַכט אַריין זענען פֿאַרהאָנגען. איך וואַרט זיי אָפּ. אַ ראַנדעוווּ מיט יענער וועלט. עס הערט זיך אַ שטילער שאָרך הינטער אַ פֿאָרהאַנג און זיי שלייכן-אַפּער מיט אומגעהערטע שריט. איינע, אַ צווייטע. זיי זענען מיר אונטערטעניק און פֿאָלגן, וואָס איך הייס נאָר. ווײַל איך, שפּילן זיי אויפֿן קלאַוויר די אומעטיקסטע נאָקטיורן, אָדער זיי זעצן זיך מיר אויף דער שויס און איך גלעט זיי דעם קילן גוף, די קילע האָר. די אַלע, וואָס זענען נאָר אַמאָל יונג געווען און איך האָב זיי געליבט, רוף איך. אַמאָל האָבן זיי מיך אָפּגעשטויסן און מיך אויסגעלאַכט. כ׳בין מיאוס געווען. אָ, איצטער בין איך אַ הערשער אין מײַן האַרעם, צווישן מײַנע געליבטע, די הערלעכע!

פּראָפֿעסאָר האָרנס קנאַכיקער שאַרבן-קאָפּ רויטלט זיך בשעת ער רעדט. אין זײַן שאַרף-צוגעשפּיצטער נאָז פֿײַפֿט עס אַזש פֿאַר תאווה. ער פֿינטלט מיט די אייגעלעך, פֿון זײַן פֿינסטער מויל שטעקט זיך אַרויס אַ שפּיץ פֿון אַ צינגל.

מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ ווענד צו אונדז:

— ס׳איז שוין נאָך האַלב צוועלף. (ער גיט אַ קוק אויפֿן זייגער). איך וואָלט אייך געקרן געוואָלט באַקענען מיט איינער פֿון מײַנע געליבטע, איך קאָן זי אַהערררופֿן, זי איז ווירקלעך אַן אינטעליגענט מיידל, זי האָט געענדיקט עטלעכע פֿאַקולטעטן און מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין אוניווערסיטעט. תמיד

אַ שטאָלצע און איינגערעדט אין אירע ווייבלעכע רייצן, האָט זי מיר נישט געזשאַלעוועט קיין באַליידיקונגען. זי האָט זיך אין איר יוגנט צוגעקילט אויף אַ מאַסקן-באַל און געשטאָרבן פון אַ לונגען-אָנצינדונג. אויפן טויטן-בעט איז זי נאָך געווען פריש און ממש געשמעקט מיט יוגנט. צווישן די ווייסע דופטיקע רויזן, וואָס האָבן איינפּאַך דערטרונקען די קישנס פון איר טויטן-בעט, האָט זי אויסגעקוקט, ווי אַ שלאָפנדיקע נערײדע. איך בין געווען אין איר שטערבלעך פאַרליבט. ס'איז געווען מיין סוד. נאָך פיל יאָרן האָב איך זי אויסגעפונען אין יענער וועלט. איך בין צו איר גרויזאַם, ווי אַ געקרענקטער ליבהאָבער. איך גיב איר נישט קיין רו אין קבר. נאַכט-ביי-נאַכט מוז זי צו מיר קומען. איך לאָז זי שעהנלאַנג וואַרטן ביי דער טיר און צוקוקן, ווי איך שפּיל מיך מיט אירע חברטעס. טיילמאָל ווײנט זי פון אייפערזוכט. אָ, איר זאָלט זען, ווי געשטאָרבענע זענען אייפערזיכטיק. ווילט איר, וועל איך זי אַהעררופן. איר, הער דאָקטאָר, קאָנט מיט איר שמועסן וועגן געאָלאָגיע. זי האָט נאָך טויטערהייט געוויסע שוואַכקייטן צו דער וויסנשאַפט.

אַז מיר אַלע ענטפערן אים נישט און קוקן אויף דעם צעהיצטן פּראָפעסאָר האָרן, ווי ער וואָלט פּלוצלינג משוגע געוואָרן, גיט ער צו:

— לעשט-אויס די לאָמפּ, גנעדיקע פרוי דאָקטאָר, טויטע האָבן ליב די פינסטערניש.

דריטע קאַפּיטל

ביי די לעצטע ווערטער פון פּראָפעסאָר האָרן ווערט ביי אונזער טישל אַ שטיקל באַוועגונג. זיין פּלוצלינג ווענדן זיך צו מאַטילדען אויסצולעשן די לאָמפּ, איז געפאַלן צווישן אונז אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן זיך אַלע אַ הייב-געטון אויף אונזערע בענקלעך. מאַטילדע זעלבער גיט אַ לייכט אומוויל־קירלעך געשריי און טוט זיך אַ הייב-אויף פון איר פּלאַץ. זי באַרויקט זיך באַלד און זעצט זיך צוריק. פאַר צעשטרייטקייט שטרעקט זי צו מיר אויס אירע איידעלע הענט. בערסאָן באַמערקט איר טעות און גיט איר צערטלעך אַ קוש אין די הענט אַריין, דאַן גיט ער איר אַ גלעט איבער די האָר. ער נעמט אַ זילבערן לעפעלע צווישן די פינגער און רופט זיך אָן צו מיר אין אַ לייכטן געררייצטן טאָן:

— איר זענט דאָך שוין אַ רייפער מענטש, חבר ברוין, איר גלויבט אויך אין טויטע?

— איך בין אַן אַטעיִסט, פריינט בערסאָן, איך גלויב נישט אין גאָט.

פּראָפעסאָר האָרן טוט זיך אַ רוק אויף דער סאָפע און ווענדט זיך צו מאַטילדען, זאָגנדיק זייער העפלעך:

— איר האָט אייך געשראָקן, גנעדיקע פרוי דאָקטאָר, ס'טוט מיר ווירקלעך לייד, הגם איך פאַרזיכער אייך, אַז ס'איז נאָר אַ פּשוטע רכילות, אַז מתים זענען שרעקלעך. ווען איך בין נאָר נישט צו איבריק עראָטיש, זיץ איך מיט מיינע טויטע ביים טיש, ווי מיט אייך דאָ, ליבע פריינט. מיר שמועסן און מיר פאַברענגען זייער געמיטלעך. טויטע זענען גייסטרייך, יאָ, אַפילו וויציק. טיילמאָל לאַך איך פון זייערע איינפאַלן (פּראָפעסאָר האָרן לאַכט

דערבײַ און מאַכט זיך גלײַך די ברילן). זײער קאָמישע אײנפאַלן. אָט װי מיר זיצן דאָ, װאָלט עס פאַר מיר װיכטיק געװען אײך אין דעם איבערצוצײַגן. איר, גנעדיקע פרױ, אין אײער צאַרטקײט, װאָלט דערפון גאָרנישט געליטן. איר דאַרפט װיסן, אַז מײַנע געליבטע אױס דער שאָטן־װעלט זענען פון דער בעסערער געזעלשאַפט און גוט דערצױגן. אױך פאַר אײך, הער דאָקטאָר, װאָלט עס געװען זײער אינטערעסאַנט. אין די פּאָזיטיװע װיסנשאַפטן איז מען אױף יענער װעלט פיל װײַטער, װי בײַ אונז דאָ. איר װאָלט פיל דערפון געלערנט. און אױך איר, הער ברױן (פּראָפעסאָר האָרן פאַרבײַגט זיך לײַכט צו מיר), דאַרפט װיסן, אַז אַפילו װען מען איז טױט, מוז מען נאָך נישט מודה זײַן אין אַ געטלעכער אורזאַך. די לעצטע סיבה איז פאַר דעם אײביקן פונקט אַזױ פאַרהױלן, װי פאַר דעם פאַרגענגלעכן. װען נישט, װאָס מײַנע באַקאַנטע זענען דאָס רוב פרױען, און פרױען זענען בכלל גענײגט צום מעטאַפיזישן, קאָן איך אײַך פאַרזיכערן, אַז די צאָל פון אײערע אידעען־חברים אױף יענער װעלט איז גאָר גרױס. די שאָטן־װעלטן װימלען פון ציניקער און אַטעיִסטן. װאָרים, װער קאָן דען נאָך זײַן אַזױ אַנטױשט, װי די, װאָס לעבן אומפיטלבאַר בײַ די קװאַלן פון דער עקזיסטענץ? אַפילו די־דאָזיקע, װאָס זענען געװען בײַם לעבן גלױביקע, װערן נאָכן טױט אַפּיקורסים.

אַז דער הײמישער און גראָטעסקער טאָן פון פּראָפעסאָר האָרן הײטערט אַ ביסל אױף די פריערדיקע שטימונג, גיט ער צו:

— נײן, װירקלעך, עס גײט מיר זײער פיל דערין, אײך צו באַקענען מיט מײַנע פרױען. שױן דערפאַר, כּדי איר זאָלט זען, אַז כ׳בין אַ קאַװאַליער און האָב דערפאָלג. לעשט־אױס די לאָמפּ, איר ליבע פרױ דאָקטאָר.

איך טו אַ קוק אױף דעם האַלב־פאַרחדושטן, האַלב איראָנישן אױסדרוק אױפן פּנים פון מײַן פרײַנט בערסאָן און זאָג צו פּראָפעסאָר האָרן:

— איר קאָנט אונז טאַקע דאָ ברענגען מתים אין צימער אַרײַן?
— װיפיל איר װילט נאָר. נאָר צו װאָס אָנרופן אַ פולע

שטוב? מיט איין שטיל און הערלעך מיידל וועט עס זיין גאַנץ געמיטלעך. מיינע ליבע הערן, און איר, פרוי דאָקטאָר, טוט עס צוליב מיין געקרענקטער אַמביציע. איך באַרים מיך נישט. וויזט בלויז אַ ביסעלע גאַסטפריינטשאַפט פאַר יענער כאָטש, וואָס האָט זיך צוגעקילט אויף אַ מאַסקן-באַל און געשטאָרבן פון אַ לונגען-אָנצינדונג.

פראָפעסאָר האַרן מאַכט מיט זיינע קליינע הענטעלעך צו מאַטילדען, ווי ער וואָלט זי געבעטן רחמנות. אויף די שפּיציקע ביינער פון זיין פּנים איז אויסגעגאָסן אַן אומבאַהאָלפענע הינטישע בקשה. ער מאַכט ברייט אויף זיין ווייך פינסטער מויל, ווי עס וואָלט אים געפעלט לופט. מאַטילדע קאָן זיך אַזש נישט איינהאַלטן. זי לאַכט גוטמוטיק. דערמונטערט פון מאַטילדעס פלוצלינגדיקע פריילעכקייט, רוף איך מיך אָן צו מיין פריינט בערסאָן:

— עס וואָלט אַ יושר געווען אָנצוקוקן דעם פראָפעסאָרס דערפאָלג. דערלויבט דאָך אים דידאָזיקע קלייניקייט, ליבע פריינט.

בערסאָן גיט אַ גלעט מאַטילדען פאַרן קעפל.

— אויב מאַטילדע וויל נאָר...

— זאָגט, אַז איר ווילט, גנעדיקע פרוי, — בעט זיך כסדר פראָפעסאָר האָרן און פינטלט מיט זיינע מויז-אייגעלעך צו מאַטילדען. ער קאָן נישט איינזיצן אויף דער סאָפע פאַר דער-וואַרטונג.

אויסנוצנדיק מאַטילדעס פאַרלעגנהייט, יאָ, דעם שוואַכן כאַראַקטער פון אַ פרוי, הייבן מיר אַלע אָן צוצושטיין צו מאַטילדען, זי זאָל דערלויבן דעם סעאַנס. די זאַך הייבט-אָן צו ווערן פּיקאַנט. מיר ביידע, איך און מיין פריינט בערסאָן, צעלאָזן מיר זיך אין לאַנגע דערקלערונגען וועגן די שווינדלע-רייען פון ספּיריטיסטישן האָקוס-פּאָקוס. טויטע זענען טויט. ווער וועט זיך לאָזן איינרעדן, אַז צווישן די צעפוילטע פּגרים אין קבר און צווישן לעבעדיקן מענטש זאָל זיין עפּעס אַ שייכות? מיר וויצלען זיך און פראָפעסאָר האָרן, וואָס שווייגט, קלאַפּנ-

דיק מיט זײַנע קלײנע פינגערלעך אין טיש אַרײַן פאַר אומ-געדולדיקייט, שמייכלט אַלײן מיט. עס קומט מיר זאָגאַר אין זינען אַרײַן, אַז ער מאַכט פון אונז חוזק. מאַטילדע באַוועגט זיך אומאַנטשלאָסן אויף איר אָרט. זי מאַכט פאַר צעשטרייט-קייט יעדעס מאָל צורעכט אירע פייער-רויטע האָר. זי קוקט זיך אום, דאָ אין פאַרשאָטנטן צימער, דאָ אויף בערסאָנען. מיר הערן נישט אויף זי איבערצורעדן. ענדלעך ביז מיר פועלן. זי גיט נאָך. מאַטילדע גיט זיך פאַרשעמט אַ טוליע-צו צו בערסאָנען און גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

פּראָפעסאָר האָרן גיט אַ קוויטש פון צופרידנקייט. ער ווישט זיך מיט אַ פינגער איבערן פליך. די בלוטלאָזע ליפּן איבערן פּינסטערן מויל זײַנעם ציטערן, ווי ער וואָלט געפּיבערט.

— איר זענט אַזוי ליבנסווירדיק, — קייכט ער קוים אַרויס מיט שוים פאַרן מויל. זײַן קלײן גופל היפּט אויף דער סאָפע און זײַן מתים-קאָפּ ווערט פּלוצלינג רויט, ווי פון מיידלשער בושה.

— זאָל מען אויסלעשן די לאָמפּ? — זאָגט מײַן פרײַנט בערסאָן טרוקן.

— אַ מינוטקעלע, — פּישטשעט פּראָפעסאָר האָרן. ער קוקט אָפּער פון הינטער די ברילן און זעט זיך אום אויף אַלע זײַטן, דאַן גיט ער שטיל און ערנסט צו: — נאָך אַ קלײן מינוטקעלע. מיר מוזן אַראָפּרוימען די אַלערלײ כלים פון טיש. די פאַר-שטאָרבענע קריכן צוערשט אַרײַן אין די טישן, זיי הייבן זיי און קלאַפּן. הגם אָן שום שולד פון זייער זײַט, קאָנען זיי אָנמאַכן אַ שאָדן. אויב הער ברוין וואָלט אַזוי גוט געווען (ער מאַכט אַ באַוועגונג צו מיר).

איך רוים אַוועק דעם סאַמאָוואַר און די טיי-שאָלן פון טיש.

— פאַרטיק, — זאָג איך קורץ.

די לאָמפּ ווערט אויסגעלאָשן. אין דער שטוב ווערט מיט-אַמאָל פינסטער.

מיר זעצן זיך צום טיש. (פּראָפעסאָר האָרן קאָמבינירט

אַזוי, אַז איִם זאָל אויסקומען צו זיצן נעבן מאַטילדען). ס'איז אַ קליינע ווײלע גאַנץ שטיל. מיר וואַרטן אַלע.

פּלוצים הערן מיר דעם פּראָפעסאָר האָרן:

— איר זיצט אַלע ביים טיש?

— אַלע.

— גוט, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן הייזעריק. — איצטער לייגט אייערע הענט אַרויף אויפן טיש. אַזוי: איין האַנט נעבן דער צווייטער, ברייט אויסגעשפּרייט, אַז אַלע הענט זאָלן זיך באַרירן. מיר מוזן זיך אַלע באַרירן מיט די הענט, כּדי צו מאַכן אַ קרייז פון לעבעדיקע הענט. נאָר, אַז איך בין אַליין, קומען זיי אָן שום צערעמאָניעס. זיי באַטראַכטן מיך פאַר אַ זייעריקן. שטעלט אייך פאָר, איך האָב באַציונגען מיט פּרויען פון דער שאָטן-וועלט! זענען אָבער פאַראַן פרעמדע, דאַן האָבן די טויטע מאָדנע קאַפּריזן. די טויטע זענען קאַפּריזנע, ווי אומדערצויגענע קינדער. מיינע הערשאַפטן, ווען מיר וועלן מאַכן אַ קרייז און זיך באַרירן מיט די פינגער, דאַן שוועבן די געשטאָרבענע איבער אונזערע הענט שאַרן-ווייז. זיי ליבן דאָס אויסערגעוויינטלעך. זיי ליבן, אַזוי-צו-זאָגן, די אַסטראַלע שטראַלן און זיי קלייבן זיך ביי די געהיימנישפולע אויסשטראַלונגען פון מענטשלעכע הענט, ווי בינען ביי האָניק. נאָר מיר וועלן נישט אַלעמען אַריינלאָזן אין טיש אַריין. מתים האָבן ניין מאָס רייד, און עס קאָן ווערן אַ געקוואָקעריי, ווי צווישן הינער... כ'וויל נאָר אַרויסרופן איין איינציק מיידל, ביי וועלכער איך האָב אומבאַשרייבלעכן דערפאָלג און זי איז געוואַלטיק אייפערזיכטיק אויף אַ יעדער אַנדערער. כי-כי-כי, — הערט זיך פון דער פינסטער פּראָפעסאָר האָרנס קוויטשיק, אומסימפּאַטיש לאַכן. — איך וועל אַרויפלייגן אַ בלייפעדער און אַ שטיק פּאַפּיר אויפן טיש. כּדי אויסצומיידן צופיל געקלאַפּעריי אין דעם קאָמפּליצירטן ספּיריטיסטישן אַלף-בית, וועלן מיר בעסער בעטן די מתים, זיי זאָלן אונז שרייבן זייערע תשובות אויפן פּאַפּיר. די מתים פרייען זיך זייער, ווען מען הייסט זיי שרייבן.

— נו, מאַכט שוין אַמאָל אייער קונץ-שטיק, הער פּראָפעסאָר, — האָט אים מיין פריינט בערסאָן אומגעדולדיק איבער. —

מיר וועלן דאָך נישט גלאַט אַזוי זיצן אין דער פינסטערניש.
— שוין, — ענטפערט פּראָפעסאָר האָרן. — לייגט גלייך אייערע הענט. אין אַ קרייז.
מיר זוכן זיך מיט די הענט איבערן טיש. מיר מאַכן אַ קרייז. (דאָס אַלטע, אויסגעדאַרטע הענטל פון פּראָפעסאָר האָרן קריכט נאָך אַ ביסל אַרום איבערן טיש און בלייבט ענדלעך ליגן ערגעץ צווישן אונזערע הענט).
— רויק בלייבן איצטער, — קאָמאַנדירט פּראָפעסאָר האָרן.
מיר בלייבן אַלע רויק. אינם פינסטערן צימער הערשט טיפע שטילקייט.
מיר זיצן שוין אַזוי עטלעכע מינוט מיט די הענט איבערן טיש. די טונקלקייט אינם צימער ווערט וואָס אַמאָל אומהיימלעכער.
ס׳פאַרלויפט נאָך אַ קליינע צייט.
פון מיינע מיט-זיצער פאַרנעם איך כמעט נישט במשך דער גאַנצער צייט, ווי איך אַליין וואָלט נאָר דאָ אין דער פינסטער געזעסן ביים טיש. (זיי זיצן אויך מויז-רויק). אָ, אַ געלעכטער. איך, אַן אַטעיִסט, וואַרט-אָפּ אין מיטן דער נאַכט מתים! אין די הענט הייבט מיך אָן צו ציען אַ לייכטער קראַמף.
איך הער פלוצים מיין פריינט בערסאָנס רוי קול:
— עס ציט מיך שוין אין די הענט... אפשר וועט עס גענוג זיין?
— ווען איר וואָלט נאָר אַ ביסעלע מער געגלויבט, — הערט זיך ווי פּראָפעסאָר האָרן פּישטשעט הייזעריק אַקעגנאיבער אונז, דאָס קול איז אים טרוקן, ווי עס וואָלט אים געדאָרשטן, — ווען איר וואָלט נאָר אַ ביסעלע מער געגלויבט, וואָלטן מיר שוין דאָ געהאַט גאַנצע קופּעס מיט געשטאָרבענע. אומגלויבן איז אַ שטיקל מחיצה... נאָר סיי-ווי-סיי האָבן מיר זיי באַלד... נאָך אַ רגעלע. שאַט, דער טיש באַוועגט זיך.
מיר פילן ווירקלעך, אַז דער טיש אונטער אונזערע הענט גיט זיך אַ לייכטן הייב, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש.
ער וואַקלט זיך עטוואָס, ווי ער וואָלט געפּרוּווט זיך די

כוחות און גיט זיך פּלוצים אַ שטעל אויף דריי פיס. דער ערשטער גיט מיין פריינט בערסאָן אַ רוף־אויס, פאַרמישט מיט אַ פאָרוואורף:

— איר מאַכט אונז צו נאַרן, הער פּראָפעסאָר, צי הייבט איר נישט אַליין דעם טיש?

אַ מאָדנער אומהיימלעכער קלאַפּ אינעווייניק אין טיש איז געווען דער ענטפער. אונזער גוט־באַקאַנטער היימישער טיש, מיין פריינט בערסאָנס טיש, ביי וועלכן מיר פלעגן שטענדיק זיצן, פאַרברענגען און טרינקען טיי, איז עפּעס פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרעמדאַרטיקער בריאה (גלייך ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען לעבלאָז, ער האָט נאָר ביז־אַהער געשוויגן). ער וואַרפט זיך, וויל נישט איינשטיין אויפן אָרט. אַט פּרוווט ער זיך גאָר צו דערהייבן אין דער לופטן, קוים מיר האַלטן אים איין, מיר מוזן פעסט אָנשטרענגען אונזערע הענט, כּדי אים איינצוהאַלטן.

— אָ, האָ, — הערט זיך פּראָפעסאָר האָרנס קול, — מיר האָבן זיי שוין איצט אַ סך צווישן אונז. ווען די טויטע באַמערקן נאָר די קלענסטע מעגלעכקייט מיט אונז צו קומען אין פאַרבינדונג, באַקומען זיי ניין מאָס רייד. (דער טיש ווערט דערווייל וואָס אַמאָל ווילדער און וויל זיך אַלץ אַרויסרייסן פון אונזערע הענט). מיר מוזן מאַכן אַ שטיקל אָרדנונג אין דעמדאָזיקן געטומל. ווער איז געקומען? — פרעגט פּלוצים פּראָפעסאָר האָרן פייערלעך מיט אַ מיסטישער שטימע.

ס'הערן זיך אַלס תּשובה עטלעכע פעסטע קלעפּ. דער טיש וויל אונז פּשוט אַרויספליען פון די הענט. ער וואַרפט זיך, ווי אין קאָנוווּלסיע.

— זיי ענטפערן אַלע מיטאַמאָל, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן.

מאַטילדע טוט פּלוצים אַ שריי־אויף:

— עמיצער שטייט הינטער דער פאָרהאַנג!

מיר הערן ווירקלעך אַ געראויש הינטער דער פאָרהאַנג, וואָס הענגט איבער איינער פון די טירן פון סאַלאָן, ווי עטלעכע מענטשן וואָלטן דאָרט געשטאַנען און צווישן זיך עטוואָס געהאַט צו

טון. דאָס געוויש הערט־אויף און שטאַרקט זיך ווידער. מאַטילדע ציטערט אינגאַנצן אויף איר פּלאַץ, מיין פריינט בערסאָן וויל זי באַרויקן און פליסטערט איר צו פון דער פינסטער:

— זיי רויק מאַטילדאַ, ס'איז אַלצדינג גאָלער האָקוס־פּאָקוס. ער שפּילט אונז אויף די נערוון.

פּראָפעסאָר האָרן רופט זיך באַלד אָן מיט אַ גרילצנדיקער פריילעכקייט:

— דאָרט, הינטער דער פאָרהאַנג שטייען אַוודאי פרויען, די מאַנסבילן לאָזן זיי נישט אַהער צו אונז. אויך צווישן מתים בלייבט דאָס שוואַכע געשלעכט הינטערשטעליק. אָ, די אומגעבעטענע זכרים, שטענדיק קומט־אויס פון זיי זיך אָפּצויאָגן. — פּראָפעסאָר האָרן פרעגט שטרענג און אומגעדולדיק: — מאַרי איז דאָרט דאָ? (ער ווענדט זיין קול צו אונז). מאַרי איז דאָס מיידל, מיט וועלכער איך וויל אייך באַקענען, זי איז מיין געליבטע. זי איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג.

עס הערן זיך קלעפּ.

פּראָפעסאָר האָרן טייטשט־אויס:

— זי איז דאָ, אַלזאָ גוט. נו, איצטער פאַרלאָזט מיך אַלע. איך וויל רעדן מיט מאַרין.

דער טיש לאָזט זיך אָנמעכטיק אַראָפּ אויפן באָדן. ער ווערט פּלוצים רויק, אונזער אַלטער טיש. די מתים האָבן אים פאַרלאָזט. נאָך אַ קליינער ווײַלע גיט ער אַ לייכטן ציטער, גלייך ווי עמיצער וואָלט אים מיט אַ צאַרטער, פאָרזיכטיקער באַוועגונג אַ ריר־געטון פון אָרט.

אַ שטילער, קוים דערהערטער קלאַפּ אינעווייניק אין טיש.

— מאַרי? — זאָגט צערטלעך פּראָפעסאָר האָרן. דאָס קול איז ביי אים הייזעריק.

דער טיש גיט זיך אַ שטילן הייב. הינטער דער פאָרהאַנג הערט זיך אַ שאָרך.

— מאַרי, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן, וואָס אַמאָל צערטלעכער. — ליבע מאַרי, עס גייט מיר דיך פאָרצושטעלן פאַר מיינע

פריינט. ס׳זענען ליטער געלערנטע, קאַלעגן. ליבע מאַרי, זיי צו זיי פריינטלעך, זאָג זיי גוטן אָוונט!

הינטער דער פּאָרהאַנג טוט עס אַ בלאָז, גלייך מ׳וואָלט געעפנט ערגעץ אַ טיר און אַ ווינט וואָלט אַריינגעווייעט. ס׳הערט זיך אַ געקלאַפּערײַ, דאַן טריט. שטילע פרויען־טריט. די פּאָרהאַנג רוקט זיך קוים אויף, אַ לייכטער טויט־בלאַסלעכער ליכט־שטויב שלאָגט פון דאָרט אַפער, ווי דער רעפלעקס פון אַ קליין עלעקטריש טאַשן־לעמפל. פון דער פּאָרהאַנג־שפּאַלט, צוגלייך מיט דעמדאָזיקן שוואַך־אַרויסשטראָמענדיקן ליכט־שטויב, שטרעקט זיך אַפער אַ שמאָלע, איידעלע האַנט פון אַ פרוי.

— זאָג גוטן אָוונט, מאַרי, — בעט זיך פּראָפעסאָר האָרן מיט אַ קול, ווי מ׳בעט אַ קינד.

די האַנט גיט זיך עטלעכע מאָל, ווי נישט־ווילנדיק, מעכאַניש אַ באַוועג.

— אַזוי איז מאַרי אַ וויל מיידל, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן. — אַ ביסל עקשנות איז איר נאָך איבערגעבליבן פון לעבן. אירע פּאַרערער האָבן זי תּמיד פּאַרצערטלט. זי האָט נאָך נישט פּאַרלוירן אירע קאַפּריזן. זי איז זייער אייפערזיכטיק. ס׳זאָל אייך נישט וווּנדערן, מיינע הערשאַפטן, ווען מאַרי וועט זיך עטוואָס איינשפּאַרן. מאַרי! — זאָגט ווידער פּראָפעסאָר האָרן אין דער זייט פון דער פּאָרהאַנג. — איינער פון מיינע פריינט איז אַ געאָלאָג, דער צווייטער איז אַ פילאָזאָף, מאַך מיט זיי באַקאַנט־שאַפט. דו האָסט דאָך תּמיד דרך־ארץ געהאַט פאַר דער וויסנשאַפט. נו, מאַרי, קום־אַרויס. איך וועל דיך דערפאַר ליב האָבן, זייער ליב האָבן.

דער טיש אונטער אונזערע הענט גיט נערוועז אַ ציטער, ער גיט זיך אָנגעברוגזט אַ שטעל אויף דריי פיס. הינטער דער פּאָרהאַנג הערן זיך לייכט אָפּקלאַפּן טריט.

— מאַרי... — פישטשעט פּראָפעסאָר האָרן.

מאַטילדע טוט זיך אין דער פינסטער אַ רוק אויף איר שטול. זי שרייט שטיל אויף:

— הער פּראָפעסאָר...

מיין פריינט בערסאָן נעמט זי איין:

— זיי רויק. ס׳איז לויטער איבער־קינסטלערייִ. סוגעסטיע.

— מאַרי, — חזרט איבער פּראָפעסאָר האָרן, ווי ער וואָלט נישט געהערט. — נו, קום דאָך אַמאָל אַרויס.

די פאָרהאַנגען גיבן זיך אַ ריס, ווי ס׳וואָלט זיי עמיצער געצופּט. אַ גאַנץ מערקווירדיק גערויש. פון דעם נעבנדיקן חדר הערט זיך דאָס רוקן פון שטולן און אַ געגיי פון אַ סך טריט איבער דער פּאָדלאָגע. פּראָפעסאָר האָרן ווערט שוין אומגעדולדיק און קלאַפּט מיט זיין קליין הענטל אין טיש אַריין.

— מאַרי... מאַרי...

דער שפּאַלט פון דער פאָרהאַנג איבער דער טיר פאַר־ברייטערט זיך פּאַמעלעך. עס פליסט פון דאָרט אַרויס מער ליכט. עס באַווייזט זיך פּלוצים אַ קאָפּ פון אַ יונגער פרוי.

דער קאָפּ פון דער פרוי צווישן דער פאָרהאַנג איז אַלץ אומבאַוועגלעך. עס איז אַ בלייך פּנים פון אַ מיידל, בלאַס און בלוטלאָז, ווי מאַטער, פיינער אַטלאַס. פריש, אַזוי זעען־אויס טויטע, וואָס זענען ערשט נאָר־וואָס געשטאָרבן און זענען נאָך נישט אָפּגעקילט. דאָס פּנים איז ערנסט, אָבער אָן באַשטימטן אויסדרוק. די ברעמען איבער די אויגן זענען ביז אין דער העלפט אַראָפּגעלאָזט. דאָס קליינע מויל האַלב־אָפן; די ליידנ־שאַפטלעך־אויפגעשאַרצטע ליפּן ציטערן נאָך ווי נאָך עמיצנס אַ קוש. איבער די האָר טראָגט זי אַ שוואַרצע קאַפּוצע, ענלעך ווי ביי די קלויסטער־שוועסטערן. אַ בינטל שוואַרצע האָר גנבעט זיך אַרויס פון אונטער דעם קאָפּ־טוך און פאַלט אויפן בלייכן, מיידלשן שטערן.

— צו אַלדע טייוול, ס׳איז ווירקלעך אַ טויטע, פריינט בערסאָן, — פליסטער איך אין דער שטיל. מאַטילדע שוויגט.

— ער סוגערירט אונז, דער אַלטער, — פליסטערט אומ־היימלעך מיין פריינט בערסאָן. — איך האָב נישט לאַנג געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַן ענלעכן ענין. דער פאַל איז אָבער באַלד אויפ־געקלערט געוואָרן. גלויב נישט, מאַטילדע, ס׳איז סוגעסטיע.

— בעני, — הערט זיך שטיל מאַטילדעס קול. דער קאָפּ צווישן דער פּאָרהאַנג פאַרבלייבט אין דערזעלבער פּאָזע.

פּראָפעסאָר האָרן, וואָס איז, זינט דער קאָפּ איז דערשינען, אַנטשוויגן געוואָרן, רופט זיך מיטאַמאָל אָפּ אינם פריערדיקן טאָן:

— אָט איז מאַרי, מיינע אַ געליבטע. אַזוי האָט זי נאָך אויסגעקוקט אויפן טויטן-בעט. זי איז זייער אינטעליגענט און מיר האָבן זיך זייער ליב. אָ, מיט וויפיל מי איך האָב זי אויסגעפונען אויף יענער וועלט. מיר זענען נאָך כמעט אין די האָניק-חדשים. כי-כי-כי... (מ'הערט, ווי פּראָפעסאָר האָרן לאַכט). און זי איז אייפערזיכטיק — אוי, אוי. האָסט מיך ליב, מאַרי? — ווענדעט זיך פּראָפעסאָר האָרן צו דעם געשפּענסט.

דער טיש אונטער אונזערע הענט טוט זיך אַ הייב, און דער קאָפּ גיט זיך מיט אַ לייכטער מאַריאָנעטן-באַוועגונג אַ באַוועג אויף יאָ.

— אַוודאי, ווי דען. זי האָט מיך זייער ליב. איך בין אַן אמתער אַמאַנט, אַ קאַוואַליער, און מאַרי האָט גערן, אַז כ'זאָל מיך אָנטון עלעגאַנט און לויט דער לעצטער מאָדע. תמיד אין פּראַק, יום-טובדיק, ווי אויף אַ מאַסקן-באַל. און מיר ליבן זיך נישט פּלאַטאָניש. אמת, מאַרי, מיר ליבן זיך נישט פּלאַטאָניש?

די ליפּן פון דעם געשפּענסט גיבן זיך אַ באַוועג, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ענטפערן, נאָר קאָנען נישט אַרויסבאַקומען קיין קול.

פּראָפעסאָר האָרנס שטים ווערט וואָס אַמאָל אויפגעלעבטער.

— קום דאָך אַ ביסל נענטער, מאַרי, דאָ צו אונז אין צימער אַריין.

דער טיש טוט אַ שפּרונג. אויבן אויפן סופיט איבער אונז הערט זיך אַ קלאַפּ.

— נו, מאַרי, מאַרי, — איילט זי צו פּראָפעסאָר האָרן.

דער קאָפּ בלייבט אַ רגע אין אַ פאַרשטאַרטער אומבאַוועגלעכ-קייט, ווי דער קאָפּ פון אַ מאַנעקין, די ברעמען פאַלן נאָך טיפער אַראָפּ איבער די אויגן. די ליפּן איבערן מויל ציען זיך עטוואָס

צוזאַמען. דאַן אָבער גיט זיך דער קאָפּ מעכאַניש אַ רוק פאָר־וועדטס. די פאָרהאַנגען פאַלן פונאַנדער. אַ קערפער, ליכט רעפלעקטירט פון אַ ליכט, ווי פון אַן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל, הייבט זיך סאָמנאַמבוליש אָן אַרויסצושאַרן אין צימער אַריין פון צווישן די פאָרהאַנגען.

מאַרי. זי איז שלאַנק און עטוואָס פול. זי גייט אָנגעטון אין אַ שוואַרץ־צעפאַלדעוועט געוואַנד פון אַן אומבאַקאַנטן שניט. די עקן פון קלייד און די ליניען פון די פאַלדן פאַרלירן זיך אין דער פינסטערניש פון צימער, אַזוי, אַז ס'קוקט־אויס, אַז דאָס גאַנצע געוואַנד איז איינס מיט די שאָטנס און פליסט פון זיי אַרויס. דאָס קלייד איז נאָר אַ טייל פון דער פינסטערניש אין צימער. דאָס ליכט, וואָס שוועבט מיט איר מיט, ווו זי גייט, שפילט ווי אַ ליכטיקער שאָטן אויף די פאַרהילטע קאָנטורן פון איר קערפער. דאָס פּנים אָבער פון דער טויטער איז איינגאַנצן אין ליכט. מ'זעט בולט אַ יעדן קנייטש אַרום די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דאָס טויטע בלאַסקייט פון די באַקן, די קליינע אָדלער־נאָז, דאָס שטאַר־צוזאַמענגעצויגענע מויל. אין דעם שוואַרצן בינטל האָר, וואָס הייבט זיך אַרויס פון הינטער דער קלויסטער־קאַפּוצע און ליגט חנוודיק אויפן שטערן, קאָן מען פּשוט איבערציילן איטלעכעס הערעלע.

איך גלאָץ אַהין אויף דער זייט, פון וואַנען דאָס געשפּענסט קומט־אָן.

ס'הערשט טיפסטע שטילקייט. קיינער לאָזט פון זיך נישט הערן.

דאָס געשפּענסט שוועבט אַלץ כּסדר צו. אַ צען טריט פון אונז בלייבט עס פּלוצים שטיין, גלייך עס וואָלט געוואַרט אויף ווייטערע באַפעלן.

פּראָפעסאָר האָרן לאָזט זיך באַלד הערן:

— אָט דאָס איז מאַרי, מיין ליבסטע מאַרי, קוקט זי אייך אָן, מיינע הערשאַפטן. אַלע געפילן פון איר האַרץ שענקט זי מיר אַוועק. הגם כ'בין טיילמאָל אַ ביסל האַרט צו איר און זי וויינט פון צייט־צו־צייט אַזוי שטיל פון אייפערזוכט, ווייסט זי

דאָך, אַז דאָס איז נישט מער, ווי טיראַנישע קאַפּריזן פון אַ ליבהאָבער. מיר, ליבהאָבער, זענען גראָד האַרט צו די, וועלכע מיר ליבן אַממייסטן. מאַרי, טייערינקע מיינע (פּראָפעסאָר האָרן קוויטשעט דערביי מיט אַ העסלעך קול), נישט אמת, דו חלשסט נאָך מיר און וואָלסט תמיד וועלן מיט מיר זיין צוזאַמען?

מאַרי גיט מעכאַניש אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— כי-כי-כי, — לאַכט פּראָפעסאָר האָרן, — זי וויל, כ׳זאָל שטאַרבן. תמיד צו קומען צו מיר פון יענער וועלט אויף דער וועלט איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. דאָך, פריינט ברוין, ס׳מוז נישט זיין דוקא אַ געטלעכער ווילן, וואָס היט אַזוי שאַרף אָפּ די גרענעצן פון דיביידע וועלטן. ס׳זענען אָבער פאַראַן גרויסע שוועריקייטן, די מתים פייניקן זיך נעבעך איידער זיי קומען אַדורך די גרענעץ. אַ ליבע צווישן אַ לעבעדיקן און אַ טויטע איז דעריבער זייער אומבאַקוועם. מאַרי אין דער שאָטן-וועלט קוקט מיך אויס מיט אומגעדולד. נאָר וואָס זאָל איך טון? זי זאָגט, אַז דאָס שיקזאַל וויל, כ׳זאָל שטאַרבן אויף עלטער-שוואַכקייט. אמת, מאַרי, — ווענדעט ער זיך צום געשפּענסט, — איך וועל שטאַרבן אויף עלטער-שוואַכקייט?

מאַרי גיט מוטלאָז אַ באַוועג מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט מודה געווען.

פּראָפעסאָר האָרן ענדערט פּלוצלינג די שטים זיינע, ער זאָגט רוי און ערנסט:

— אַלע דאָ וועלן מיר שטאַרבן אויף עלטער-שוואַכקייט?

דער טיש גיט אַ קלאַפּ, מאַרי גיט זיך אַ האַסטיקן וואַקל, ווי ס׳וואָלט זי עמיצער פון הינטן אַ שטויס-געטון. זי רייסט-אויף ס׳מויל, ווי אַ טויב-שטומע, וואָס באַמיט זיך אַרויסצוקריגן אַ קול. זי בלייבט שטיין אַ קליינע ווײַלע אין דערזעלביקער פּאָזע מיטן אויפגעריסענעם מויל, דאַן גיט זי אַ שאַרפן מאַך מיטן קאָפּ אויף ניין.

צווישן אונז שוידערט-אַדורך אַ באַוועגונג. פּראָפעסאָר האָרן גיט אָבער באַלד ווידער אַ פרעג:

— אַלזאָ, נישט אַלע. אויף וואָס דען װעלן זיי פון אונז שטאַרבן?

מאַרי בלייבט עטלעכע סעקונדן אומאַנטשלאָסן, זי פּרוּווט נאָר ברייטער צו עפענען דאָס מויל. פון דער וואַנט הערן זיך עטלעכע שטומפּיקע קלעפּ. אַ מאָדנע כריפּנדיק און אומהיימלעך קול, ווי אַ קול פון אַ בויך-ריידער, דרינגט וואָרט-ביי-וואָרט אַרויס פון דעם אָפענעם מויל פון געשפּענסט:

— ע—מי—צ—ע—ר פו—ן איי—ך וו—ע—ט ש—ט—אַ—ר—ב—ן אוי—ף ד—ע—ר ת—ל—י—ה.

פּראָפעסאָר האָרן זאָגט גאַנץ רויק:

— ווער?

דאָס געשפּענסט מאַרי באַוועגט עטוואָס מיט די ליפּן, נאָר גיט נישט אַרויס קיין קול.

— ווילסט אפשר שרייבן? — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן, — קום נענטער צום טיש.

מאַרי מאַכט עטלעכע טריט נענטער. זי גייט מעכאַניש טריט-ביי-טריט. האַרט ביים אָרט, ווו עס זיצט פּראָפעסאָר האָרן בלייבט זי שטיין. זי שטרעקט שטיל אויס די האַנט (דאָס ליכט פאַלט אויף אויף דער האַנט — אַ צאַרטע שמאָלע פרויען-האַנט) אויפן טיש, ווו עס ליגט דאָס פּאַפּיר און די בלייפעדער. זי מאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיט דער האַנט.

— רייבט-אָן אַ צינד-העלצל, הער ברוין, — זאָגט פּראָפעסאָר האָרן, — מיר ווילן זען, וואָס מאַרי האָט געשריבן.

דאָס געשפּענסט שטייט רויק אויף איר אָרט. זי הייבט נאָר אַ ביסל מער אויף די ברעמען פון איבער די אויגן און בייגט לייכט אויס דעם קאָפּ צו דער זייט, ווו עס זיצט מאַטילדע. איך רייב-אָן אַ צינד-העלצל. דער טיש ווערט עטוואָס באַלויכטן. איך גרייף נאָך דעם פּאַפּיר, וואָס אויפן טיש. אויפן פּאַפּירל שטייט מיט קליינע אותיות אָנגעשריבן פון אַ לייכטער פרויען-האַנט:

— בערנאַרד בערסאָן.

איך גיב אומווילקירלעך אַ שפּרינג-אויף פון מיין פּלאַץ.

עמיצער רייסט מיר דאָס פּאַפּירל אַרויס פון דער האַנט. ס'איז מיין פריינט ד"ר בערסאָן. איך גיב מיך אַ וואָרף צו דער עלעקטרישער לאָמפּ, צינד זי אָן.

אינם צימער ווערט מיטאַמאָל ליכטיק. פון דעם געשפּענסט איז נישטאָ קיין שפּור. זי איז פאַרשוואונדן. די פאָרהאַנגען איבער דער טיר הענגען ווי תּמיד, שווער און צוזאַמענגערוקט. דער טיש שטייט אויף זיין אָרט. בלויז אויף דער סאָפע אין אַ ווינקל ליגט פּראָפעסאָר האָרן, איינגאַנצן איינגעקאָרטשעט. ער קוקט-אויס, ווי אַ געל בינטל ביינער איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן פּראַק. דאָס ווייכע פינסטערע מויל אין זיין גרויסן טויטן-שאַרבן שטייט ביי אים טיף אָפן. ער שלאָפט.

ער שלאָפט פעסט. ער שנאָרכט זאָגאַר.

ביים טיש זיצן נאָך אַלץ מיין פריינט בערסאָן און די קליינע בלאָנדע מאַטילדע. ביידע זענען בלייך. מאַטילדעס הענט ליגן נאָך אויפן טיש. זיי ציטערן. מיין פריינט בערסאָן רירט זיך נישט.

מאַטילדע טוט זיך אַ דריי-אום, זי דערזעט מיך. זי ווערט נאָך בלייכער און שעפּטשעט מיט צעשראָקענע לעפצן:

— וואָס איז געווען אָנגעשריבן?

איך לאַך מיך אויס און גיב אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אידיאָטיע. אַז איך וועל אומקומען אויף דער תּליה.

מיין פריינט בערסאָן קוקט מיך אָן מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן. אַרום זיינע אויגן זעען זיך צוויי שוואַרצע רענדער פון שרעק. ער שטאַרט מיך אָן מיט אַ באַהאַלטענער דאַנקבאַרקייט.

דאַן הייבט ער זיך אויף פון זיין אָרט און בלייבט שטיין אין מיטן צימער. ער באַמערקט פּלוצים דעם שלאָפנדיקן פּראָפעסאָר האָרן. מיין פריינט בערסאָן גיט זיך עפּוואָס אַ באַוועג, ווי ער וואָלט וועלן אומפאַלן. איך גיי צו אים צו, איך הער קוים-קוים, ווי ער פליסטערט אין דער שטיל:

— אידיאָטיע...

דאַן גייט ער צו צו מאַטילדען. קושט זי און שליסט זי פעסט אין זיינע אָרעמס.

פערטער קאַפּיטל

עס זאָל דיך נישט וווּנדערן, ליבער לעזער, וואָס גראָד אין אַטעיִסט באַשרייבט אויספירלעך אַזעלכע זאַכן, גלייך זיי וואָלטן אמת געווען און ווי ער אַליין וואָלט דערין געגלויבט. הגם — ווי איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט — שטייען נישט תמיד די כפירה אין גאָט און די אמונה אין זאַבאָבאָנעס אין אַזאַ גרויסן ווידערשפּרוך. דאָך אָבער, אין דעמדאָזיקן פאַל, זענען די פאַר־העלטנישן לגמרי נישט אַזוי, מ'זאָל מוזן מודה זיין, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַבערגלויבן. די כוחות פון היפּנאָז און סוגעסטיע געהערן נאָך אין שטח פון די נאַטירלעכע געזעצן. ווער ווייסט, אפשר וועלן דאָך ענדלעך אַמאָל די אָקולטיסטן באַווייזן, אַז טויטע, גייסטער און שדים געהערן־אַריין אין די גרענעצן פון די נאַטור־געזעצן. אפשר וועט אויך אַמאָל באַוויזן ווערן, אַז זאָגאַר די געטלעכקייט איז נישט איבערנאַטירלעך. וואָרים סוף־כל־סוף זענען אַלע אונזערע אידעען־קאַמפן נישט מער, ווי דער קאַמף וועגן ווערטער. אַזוי צי אַנדערש, יענע מערקווירדיקע נאַכט האָט נישט געמאַכט דעם מינדסטן רושם אויף דעם פעסטן בנין פון מיינע איבערצייגונגען. עס איז מיר אַלצדינג קלאָר, און איך בין זיכער, אַז ווי עס זאָל נישט האָבן געווען, זענען די מאַטער־יאַליסטישע פּרינציפּן פון דעם וועלט־מעכאַניזם נישט אָנגערירט געוואָרן דורכדעם אויף אַ האָר.

ביי דערדאָזיקער מיינונג, ווי איך גלויב, האַלט זיך אויך מיין פריינט ד"ר בערסאָן, כאָטש מיר האָבן וועגן דער קאָמישער און — עס איז נישט צו פאַרלייקענען — עטוואָס מערקווירדיקער ענדע צווישן זיך גאָרנישט גערעדט. אַ חוץ עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען, וועלכע זענען גאַנץ צופעליק צווישן אונז געפאַלן,

אַז העכסטוואָרשיינלעך איז פּראָפעסאָר האָרן אַ פּשוטער פּסיכאָ-פּאַט, האָבן מיר — איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס — מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן יענער נאַכט. מיר ביידע האָבן עס אויסגעמיטן.

דאָך אָבער מוז איך מודה זיין, איז מיט מיין פריינט בערסאָן פאָרגעקומען אַ שטיקל שינוי.

ס'איז מעגלעך, אַז ס'איז אַ פּשוטער צופאַל, וואָס דער-דאָזיקער מערקווירדיקער שינוי האָט זיך פּונקט עפּעס אָנגעהויבן נאָך יענער נאַכט.

אין וואָס די פאַרענדערונג דריקט זיך אויס, איז אייגנטלעך שווער צו זאָגן. ס'איז אַ געוויסע געמיט-שטימונג, אַ נערוועזיטעט און אפשר אַ שטילע אייפערזוכט.

דו וועסט לאַכן, ליבער לעזער, ווען כ'וועל דיר זאָגן, אויף וועמען מיין פריינט בערסאָן איז אייפערזיכטיק.

אויף פּראָפעסאָר האָרן.

פּראָפעסאָר האָרן איז געוואָרן אַ גאַנצער תּושב ביי אונז אין שטאָט. ער פאָרט זייער זעלטן אַהיים און האָט זאָגאַר געדונגען פאַר זיך צוויי מעבלירטע צימערן. ער גיט-אָן עפּעס פערזענלעכע געשעפטן, וועלכע האַלטן אים הי אויף. ער קליידעט זיך זייער עלעגאַנט און האָט לעצטנס אַפילו אָנגעהויבן זיין קליין און אויסגעטריקנט גופל צו פאַרפומירן. דערביי קומט ער זייער אָפט אַריין צו מיין פריינט ד״ר בערסאָן אין דער וווינונג, זיצט-אָפּ גאַנצע שעהן ביי מאַטילדען, שיקט איר פרישע בלומען און מאַכט איר „דעם הויף״. מאַטילדע באַהאַנדלט האָרנען, ווי איינער פון אירע ליאַלקעס, שפּילט זיך מיט אים, ווי מיט אַ קליין צאַפּל-מענטשל. פּראָפעסאָר האָרן שיינט צו זיין איבער-גליקלעך מיט דידאָזיקע אויפמערקזאַמקייטן מאַטילדעס. ער באַמיט זיך כּסדר זיין שוין געגוג קאָמיש פאַרהאַלטן זיך נאָך מער איבערצוטרייבן, כּדי נאָך מער אויסצונעמען ביי מאַטילדען. און ווען מאַטילדע גיט אים אַ פּעטשל איבערן אַרבל אָדער רופט אים „מיין קליינער נאַרן-קאָפּ״, טוט ער אַזש אַ קוויטש פון שמחה און די קליינע מייזל-אויגן פילן זיך אים אָן מיט טרערן.

ס׳איז שווער צו זאָגן, אַז אָט־אָ די שפּילערישע אויפמערק־זאַמקייטן מאַטילדעס פאַר דעם אַלטיטשקן און העסלעכן פּראָפעסאָר האָרן, זאָלן דאָס זיין די סיבה פאַר דער שטילער גערייצטקייט, יאָ, פאַר דער שטילער מרה־שחורה פון מיין פריינט בערסאָן. מיין יונגער און שטאַמיקער פריינט בערסאָן זאָל דאָס זיין אייפערזיכטיק אויף אַזאַ אויסגעטריקנט פּאַרזעניש? די ליבע שפּיל־קאַץ מאַטילדע, וואָלט זי אפשר באַמערקט, ווי מיין פריינט בערסאָן ליידט דערפון, וואָלט זי עס זיכער נישט געטון. זי ליבט דאָך בערסאָנען אַזוי שטאַרק! איז אָבער מאַטילדע תמיד פאַרשפּילט, ווי אַ קליין מיידעלע, און האָרן איז איר צאַפּל־מענטשל. איך אַליין האָב אַמאָל אָנגעטראָפן, ווי דער אַלטער פּראָפעסאָר האַלט די בלאָנדע ליבלינגס־ליאַלקע מאַטילדעס, בעת מאַטילדע מעסט איר אָן אַ ניי שפּיצן־קליידעלע.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, אויב אַפילו יענע קאַפּריזנע אייפערזוכט — אין וועלכער איך בין, דעם אמת זאָגנדיק, נישט זיכער — זאָל אויך האָבן אַ שטיקל חלק אין דער געמיט־שטימונג פון מיין פריינט בערסאָן, איז עס אויך נישט דער גאַנצער סוד.

פאַרוואָס איז מיין פריינט בערסאָן אַזוי מרה־שחורהדיק? ער איז געוואָרן שווייגנדיקער, מיזאַנטראָפּיש, מער איינגעשלאָסן אין זיך. דער ברען צו פירן געשפּרעכן מיט מיר און די קאָנ־סעקווענטע עקשנות, מיט וועלכער ער האָט שטענדיק אינם גע־שפּרעך פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט — האָט אָפּגעגעבן. אמת, ער איז געוואָרן מער מאַטעריאַליסט, מער וויסנשאַפטסמאַן, דאַקעגן אָבער האַקט ער אָפּ אין מיטן אַזעלכע געשפּרעכן (וועלכע איך פיר טיילמאָל בכיוון, כדי אים אָבצוזוכן), טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, שמייכלט זיך מיד אויס און רופט זיך פּלוצים אָן:

— איבריקנס...

„איבריקנס" — איז דער טייטש: זאָל עס זיין ווי עס וויל, ס'איז מיר שליסלעך עגאַל.

איך גיי מיך איצטער אום מיט מיין פריינט בערסאָן זייער פאָרזיכטיק. איך מייד־אויס זיין אויפגערעגטקייט נאָך מער צו פאַרשטאַרקן. עס איז זייער מעגלעך, אַז יענע נאַכט מיט

פראָפעסאָר האַרנס מתים ליגט דאָך באַהאַלטן אין אַ ווינקל ערגעץ-ווו ביי אים אין דער נשמה. וויפיל מ׳זאָל נישט האָבן אין דער האַנט דאָס צוימל פון אונזער שכל און וויפיל מיר זאָלן נישט געניג באַמיט זיין אַלע אונזערע שטעלונגען צו די פראַגן פון דער עקזיסטענץ צו לענקען אויף דערדאָזיקער קלאָרסטער ליניע, זענען מיר דאָך נישט בכוח אויסצוואָרצלען דעם אורפינסטערן וואַלד פון באַרבאַריזם, וואָס טויזנטער פריערדיקע דורות האָבן איינגעפלאַנצט אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון נשמות, וואָס פילן-אָן אונזער „איך". יאָ, טיילמאָל בין איך גענויט מודה צו זיין אין דעם ווילדן פּאַראַדאָקס, אַז אין דעם קאָמפּליצירטן בינען-שטאָק פון צעלן, וואָס הייסט מענטשלעכער מוח, ווימלען-אַרום אין אַ תוהו-ובוהו מיליאָנען שטיקלעך נשמות. נשמות נישט בלויז פון אַלע מענטשלעכע דורות, נאָר ווער ווייסט פון וואָסערע פּאַרצייטיקע און פון וואָסערע אומגעהייערע ברואים. דער גאַנג פון דער קולטור און די אַנטוויקלונג פון דעם מענטש איז נאָר אַ גרעסערע אָנזאַמלונג פון באַרבאַריזמען. דער מענטשלעכער שכל — נישט בלויז ער מוז אָנשטרענגען זיין גאַנצן כוח אין קאַמף מיט דער געטלעכקייט, נאָר אָט-אָ די מיליאָנען פון מוראדיקע און באַהאַלטענע וואַמפּירן, וואָס פון זיי באַשטייט, אַזוי-צו-זאָגן, אונזער גייסטיק לעבן — זיי זענען פאַר דער קאַלטער פּאַרנונפט פיל געפערלעכער, ווי די געטלעכע אַלמאַכט. יענע אומגעהייערן אַרבעטן אין דער שטיל...

איך האָב דעריבער געקלערט, צי עס וואָלט נישט גלייך געווען, מיין פריינט בערסאָן זאָל זיך לאָזן באַהאַנדלען פון אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער.

דעמדאָזיקן געדאַנק איז מיר אָבער שווער דורכצופירן. ראשית, קאָן איך נישט געבן צו באַמערקן מיין פריינט בערסאָנען, אַז איך פיל, דאָס ער איז נישט עפּעס מיט אַלעמען. דאָס וואָלט נאָך מער גערייצט זיין שווערע שטימונג, דערצו נאָך, ווען איך וואָלט אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אים חושד אין אַזאַ נאַרישקייט, ווי מורא-האָבן פאַר טויטע (מיין פריינט בערסאָן איז זייער אַמביציעז אויף זיינע וויסנשאַפטלעכע איבערצייגונגען!). פרוי

מאַטילדע איז ווידער צו פיל קינד, אַז איך זאָל פאַר איר אַנטפּלעקן אַלע מיינע חשדים בנוגע בערסאָנען. זי ליבט אים שיין און שטאַרק, נאָר זי ליבט אים ווי אַ קינד. וואָס גליקלעכער זי איז מיט איר ליבע צו בערסאָנען, אַלץ בלינדער איז זי פאַר זיינע צרות. אָרימע מאַטילדע, פאַר איר איז ווירקלעך די וועלט אַ גרויסער מאַגאַזין פון שפּיל-געצייג!

זי שפּילט זיך מיט די געשעענישן פון לעבן ווי אַ קינד. זי שפּילט זיך אויך מיט פּראָפעסאָר האָרן.

אָט אַזוי דריי איך מיך שוין אַרום ביי מיין פריינט ד״ר בערסאָן זינט שפּאָרע עטלעכע וואָכן און איך זע ממש ווי ער ווערט טאָג-טעגלעך געררייצטער און מרה-שחורהדיקער. איך זוך אַלע מעגלעכקייטן, ווי אַזוי זיך ענדלעך מיט אים דורכצושמועסן, אפשר וועל איך קאָנען עפּעס העלפן מיט אַן עצה, און אויב עס איז נישט מער ווי אַ געמיט-שטימונג, אים דידאָזיקע זאַכן אויסצורעדן. מיין פריינט בערסאָן אָבער ווערט וואָס אַמאָל פאַרשלאָסענער. מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט אונזערע געוויינטלעכע פילאָזאָפישע ויכּוחים. מיין פריינט בערסאָן מיידט עס אויס, ווי מיינע מיינונגען, וואָס שטייען על פּי רוב אין קעגנזאַץ צו די זייניקע, וואָלטן אים ווייניק-וואָס אינטערעסירט. דערפאַר אָבער ווערט ער כּסדר מאָדנער ביי זיך אינדערהיים.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז יענע שטילע באַהאַלטענע און אַזוי אומפאַרשטענדלעכע אייפערזוכט אויף פּראָפעסאָר האָרן זאָל האָבן אָפּגעקילט מיין פריינט בערסאָנס ליבע צו מאַטילדען. אַ חוץ וואָס עס וואָלט געווען פולקום אומבאַגרינדעט, וואָלט עס נאָך געווען נאַריש ביז גאָר. מיין פריינט בערסאָן איז גענוג קלוג, דאָס די אויפמערקזאַמקייטן מאַטילדעס פאַר פּראָפעסאָר האָרן — נאָך דערצו בשעת האָרן מאַכט זיך נאָך העסלעכער און קאָמישער ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט — זאָלן מער זיין פאַר אים, ווי יענע קינדישע אויפמערקזאַמקייטן, וואָס מאַטילדע האָט צו אירע ליאַלקעס, צו אירע פּאַפּירענע פּאַיאַצן און צו די ציינענע אויסגעשטאָפּטע הינטלעך (אויך צו אַזעלכע מינים שפּילצייג האָט מאַטילדע אַ שוואַכקייט). האָרן איז אירס אַ שפּיל-פערדל,

און דאָס איז אַלצדינג. נאָך דערצו, ווען דאָסדאָזיקע שפּיל־פערדל האָט די מעלה, וואָס עס רעדט, מאַכט משונהדיקע העויות און פּישטשעט אַזוי קאָמיש מיט זיין קולעכל. אָבער האָרן איז פּאָרט נישט מער, ווי אַ שפּיל־פערדל, דאָס זעט דאָך יעדער, דאָס זעט געוויס אויך מיין פריינט בערסאָן. פונז׳עסטוועגן — עס איז עפּעס ווי פאַרשווונדן די אידיליע אין דער היים פון מיין פריינט בערסאָן. דאָס פּנים ביי אים הייטערט זיך נישט מער אויף, ווי תּמיד, בשעת ער קומט אַהיים פון זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין לאַבאָראַטאָריום. אין מאַטילדעס קעגנוואַרט איז ער אויך שווייגנדיקער, ער שפּילט זיך שוין נישט כּסדר מיט אירע הענט און קושט נישט אַזוי אָפט אירע האָר. מאַטילדע גיט זיך נישט אפשר אָפּ אַזוי פיל חשבון וועגן דער מערקווירדיקער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איר מאַן. עפּעס ווייסט זי, אַז ער איז נישט מיט אַלעמען, זי גלויבט, אַז ער האָט פּשוטע קאָפּ־שמערצן און אַז זי וועט אים אַ קוש־טון אין קאָפּ אַריין, וועט אים בעסער ווערן. דאָך אָבער טוליעט זי זיך צו אים זעלטענער. אַ באַהאַלטענע מורא, אַ מורא, וואָס מ׳האָט פאַר אַ מענטש, וואָס טראָגט־אַרום אין זיך אַ סוד, אַ מורא, וואָס מאַטילדע אַליין ווייסט נישט, אַז זי האָט זי, האַלט מאַטילדען אָפּ פון אירע געוויינטלעכע צערטלעכקייטן פאַר בערסאָנען. זי קושט אים און גלעט אים איבערן האַלז, אָבער מיט דער צוריקגעהאַלטנקייט פון אַ קינד, וואָס קושט אַן ערנסטן און תּמיד־שווייגנדיקן טאַטן.

אין איינעם פון די לעצטע אָוונטן בין איך געווען ביי אים אין לאַבאָראַטאָריום. מיר האָבן ווייניק צווישן זיך גערעדט און ווען ס׳איז געוואָרן פינסטערלעך האָב איך אים באַגלייט אַהיים. ווייל דאָס וועטער איז געווען שיין און טרוקן — האָבן מיר נאָך פריער אַ ביסל שפּאַצירט. אויך אויפן שפּאַציר האָט ער ווייניק גערעדט. קומענדיק אַהיים און אויסטוענדיק זיך די פּאַלטענעס אין קאָרידאָר, הערן מיר פון די חדרים אינעווייניק דאָס לוסטיקע און קלינגענדיקע לאַכן פון מאַטילדען, אַ פול און זאַפטיק לאַכן פון צעווילדעטע קינדער; זי לאַכט און אינמיטן הערן מיר אירע כּסדרדיקע,

כמעט ווי היסטערישע אויסגעשרייען: „וויאָ, וויאָ, אַלטער נאַרן־קאָפּ!"

די ווינקלען ביים מויל פון מיין פריינט בערסאָן גיבן קראַמפּהאַפּטיק אַ ציטער.

איך נעם אים לייכט אָן אונטערן אָרעם און פיר אים אַריין אין צימער.

אין מיטן צימער אויף אַ טעפּיך היפּט־אַרום אויף אַלע פיר דאָס גופל פון פּראָפעסאָר האָרן, ווי אַ קליינער העסלעכער טייוול. די צוויי לאַנגע שפּיצן פון זיין שוואַרצן פראַק הענגען אים נאָך פון הינטן, ווי צוויי שווענצלעך. דער גרויסער, אויסגעטרוקנטער שאַרבן פון זיין מתים־קאָפּ גלאַנצט ביי אים, ווי ער וואָלט געשוויצט. זיינע אייגעלעך אונטער די פּלאַקסיקע ברעמען לויפן אַהין און צוריק. פאַרן מויל איז אים נאָס און עס זעט זיך פון צווישן זיינע ליפּן אַרויס דאָס צוגעשפּיצטע עקל פון זיין צינגל. אַרום זיינע הענטלעך איז צוגעבונדן אַ רויטע און לאַנגע זיידענע שנור. מאַטילדע האַלט די שנור אין אירע הענט און קוטשירט מיט דעמדאָזיקן אַלטן, אין פראַק־אָנגעטועטעם נפשל, וואָס שפּרינגט־אַרום איבערן טעפּיך. זי לאַכט דערביי זאָרגלאָז און אומשולדיק. די באַקן רויטלען זיך איר פריש, שמייכלט־אונטער דעם איינגעשפּאַנטן פּראָפעסאָר האָרן מיט אַ קינדער־בייטשל.

— וויאָ, וויאָ, אַלטער נאַרן־קאָפּ!

מיין פריינט בערסאָן גיט זיך אַ וואַקל ביי דער טיר, נאָר אומצופאַלן. דאָס פּנים ווערט אים שטאַרק בלאַס, דאָס מויל ציט זיך ביי אים משונהדיק צוזאַמען, ער גיט ווילד, כמעט נישט מיט זיין קול, אַ רוף־אויס:

— מאַ—טיל—דע!

מאַטילדע טוט אַ לאָז־אָפּ די לייצעס. זי ווערט רויט, דאַן בלייך און באַקומט פולע אויגן מיט טרערן. זי שטייט צעמישט אויף איר אָרט און קוקט אונז ביידע אָן. פּראָפעסאָר האָרן פאַר־קריכט פּאַמעלעך אין אַ ווינקל צו דער סאָפע־צו. דאָרט לאָזט ער זיך אַנידער אין אַ באַהאַלטענעם עק, מ'זאָל אים קוים

ארויסזען. ער נעמט-אַרויס אַ נאָז-טיכל פון זיין קעשענע און ווישט זיך דערמיט דעם פאַרשוויצטן שטערן.

מאַטילדע פּלאַצט-אויס מיטאַמאָל אין אַ היסטעריש געוויין. פון די באַקן פליסן איר שטראָמען טרערן. זי בלייבט אַלץ שטיין אויף איר אָרט און פאַרדעקט זיך פלוצים און האַסטיק דאָס פּנים מיט די הענט. זי העשעט וואָס אַמאָל שטאַרקער און אויפן קול, אירע פּלייצעס ציטערן דערביי קאָנוולסיוו.

מיין פריינט בערסאָן גייט-אַרום איבערן צימער אַ צע-טומלטער. דאַן לויפט ער אַרויס פון צימער, ווי אַ משוגענער און האַקט הינטער זיך פעסט צו די טיר.

מאַטילדע צעוויינט זיך נאָך היסטערישער. פּראָפעסאָר האָרן פאַרבאַהאַלט זיך טיפער הינטער די פאָרהאַנגען.

דאָס איז געווען די איינציקע פאַמיליען-סצענע, וואָס מיין פריינט ד"ר בערסאָן האָט געמאַכט זיין פרוי מאַטילדע, זינט איך קען זיי און פאַרקער ביי זיי אינדערהיים. דערצו איז די סיבה צו דערדאָזיקער פאַמיליען-סצענע געווען אַזאַ נישטיקע. מאַטילדע האָט געשפּילט אין פערדלעך מיט פּראָפעסאָר האָרן! איך האָב נישט געקאָנט באַטראַכטן אַנדערש, נאָר אַלס אַ פּשוטע נאַרישע טיראַנישקייט דעמדאָזיקן גאַנצן אומבאַרעכטיקטן אויפטריט פון מיין פריינט בערסאָנס זייט. און מאַטילדע איז אַזאַ סובטעל באַשעפעניש, שטענדיק געווינט צו צערטלעכקייטן און ליבע, שטענדיק אין זיידענע קליידער צווישן קישעלעך און פּופּעס. אַ יעדע האַרטע און נישט-גענוג סובטעלע באַוועגונג טרעפט זי עפּעס אַזוי, ווי אַ קאַלטער רעגנדיקער שטורם-ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן אין אַן אָראַנזשעריע פון איידעלע געוויקסן, וואָס ברויכן נאָר וואַרימקייט און זון. ס'איז אַ רחמנות מיר אויף מאַטילדען. נאָך עטלעכע אַזעלכע סצענעס וואָלטן זי צעטרעטן. אַזאַ צאַרטע ווייבלעכע נשמה, זי באַדאַרף מען נאָר צו טוליען און זען, אַז זי זאָל תמיד זיין לוסטיק. אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין, — באַשליס איך ביי מיר, — מ'טאָר לענגער נישט זוימען. איך מוז אָפן רעדן מיט בערסאָנען.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט קיין אויג אויף מיין געלעגער. אַז ס'איז די העכסטע צייט קלאָר און דייטלעך צו רעדן מיט בערסאָנען און אים אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זיינע נאַרישקייטן, איז ביי מיר מער נישט געווען קיין ספק. איך האָב מיר געמאַכט אַ פּלאַן און אויסגערעכנט יעדעס וואָרט, ווי צו רעדן, כּדי נישט אָנצורירן מיין פריינט בערסאָנס עמפּינדלעכקייט.

איך בין אויפגעשטאַנען מיט צוויי שעה פריער ווי תּמיד.

איך האָב געוואַרט אויף די שעה, וואָס איך ווייס, אַז מיין פריינט בערסאָן געפינט זיך שוין אין זיין לאַבאָראַטאָריום, און האָב פאַרלאָזט מיין איינזאַם צימער — דאָס צימער פון אַן אַלטן בחור — כּדי צו אים צו גיין. אַזוי ווי דער וועג צו אים אַהין געדויערט בערך אַ האַלבע שעה, האָב איך אויפן וועג נאָך גוט דורכגעטראַכט דאָס אַלצדינג, וואָס כ'האָב מיט אים צו רעדן. פאַרן הויז, וווּ עס געפינט זיך זיין לאַבאָראַטאָריום, שטעל איך מיך אָפּ און קוק, צי די פענסטער זענען נאָך פאַרלאָדנט. ניין, זיי זענען נישט מער פאַרלאָדנט. אַ סימן, ער איז אויבן. איך גיי-אַרויף אויף די טרעפּן (מיין פריינט ד"ר בערסאָנס לאַבאָראַ-טאָריום געפינט זיך אויפן העכסטן שטאָק פון דעמדאָזיקן הויז), דאָרט אין יענעם, נישט איבריק זויבערן קאָרידאָר, געפינט זיך בלויז איין-איינציקע וווינונג: דאָס לאַבאָראַטאָריום פון מיין פריינט ד"ר בערסאָן.

איך גיב, אַזוי ווי אַלע מאָל, צוויי שטילע קלעפּ אין דער טיר.

קיינער ענטפערט נישט. ער מוז נאָך נישט דאָ זיין. איך גיי-אַראָפּ אונטן און וויל אים אָפּוואַרטן ביים טויער.

אַקוראַט פאַרן טויער קומט מיר מיט שנעלע טריט אַקעגן פּראָפעסאָר האָרן. ער איז ווי תּמיד אין פראַק און אַ צעשלייפטער האַלז-בינדע, אַ שווערע פעלערינע איז אים אַריבערגעוואָרפן אויפן אַקסל. ער טראָגט אַ הויכן, גלאַנציקן צילינדער. זיין מתים-פּנים איז איצטער פיל בלייכער. ער סאָפּעט מיט אָפענע ליפּן.

דער שוואַרצער תּהום פֿון זיין מויל הויכט-אַרויס, ווי אַ טיפֿע, אויסגעהוילטע ווונד.

— רופֿט שנעל ד״ר בערסאָן, — זאָגט ער צו מיר שווער און אָן אָטעם (ער קוקט מיר נישט גלייך אין די אויגן אַריין),— ביי אים אינדערהיים איז געשען אַן אומגליק. מ׳האָט פֿרוי מאַטילדען געפֿונען אַ טויטע אין איר בעט, זי איז פֿאַרטשאַדעט געוואָרן מיט גאַז.

— פֿרוי מאַטילדע?... — זאָג איך אים נאָך אַ צעמישטער. איך גלויב נישט מיינע אויערן און קוק מיט אַן אויפֿגעריסענעם בליק אויף פּראָפֿעסאָר האָרן. איך פֿיל, ווי די פֿיס הייבן מיר פֿלוצלינג אָן צו ציטערן און אויפֿן שטערן שלאָגט מיר אַרויס אַ קאַלטער שוויס. איך לאָז דעם פּראָפֿעסאָר האָרן שטיין פֿאַרן טויער און לאָז מיך שנעל אַרויף אויף די טרעפּן. איך פֿו שוין אַ קלאַפּ מיט דער פֿויסט אין דער טיר אַריין און רוף:

— בערסאָן! בערסאָן!

פֿון דרינען קומט נישט קיין ענטפֿער.

איך בייג מיך אַראָפּ און קוק-אַריין אין שליסל-לאָך. דער שליסל שטעקט פֿון אינעווייניק.

מיטביידע פֿויסטן קלאַפּ איך אין דער טיר אַריין. איך האַק וואָס אַמאָל פֿעסטער און רוף בערסאָנס נאָמען. טיילמאָל לייג איך נאָך צו מיין אויער צו דער טיר און האָרך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. הינטער דער טיר איז כּסדר שטיל.

איך שטיי נאָך אַ צייט אומאַנטשלאָסן. פֿלוצים נעם איך קלאַפּן ווי אַ וואַנזיניקער אין דער טיר אַריין. קיינער ענטפֿערט נישט.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ לויף איך אין איין אָטעם צוריק אַראָפּ פֿון די טרעפּן. אונטן ביים טויער ווינט דער הויז-וועכטער. איך קום-אַריין צו אים. איך ווייס אַליין נישט, פֿאַר-וואָס איך באַמי זיך צו באַהערשן און באַהאַלטן פֿאַרן הויז-וועכטער מיין מצב.

— איר האָט נישט געזען ד״ר בערסאָן דאָ אַרויפֿגיין אין

לאַבאָראַטאָריום? — פרעג איך דעם הויז־וועכטער מיט אַ שוואַכער שטים.

— געזען, שוין אַ שעה וועט זיין, — ענטפערט ער

— איך קלאַפּ שוין איבן אַ היפּשע צייט, ד״ר בערסאָן ענטפערט נישט.

— הם, — זאָגט דער הויז־וועכטער.

איך וואַרט אַ ביסל און זאָג ענדלעך גאַנץ שטיל:

— מ׳דאַרף... קומט... עפענען די טיר...

דער הויז־וועכטער מעסט מיך אָפּ מיט זיין בליק. ער נעמט־צונויף עטלעכע כּלים און גייט מיר נאָך אַרויף אויף די טרעפּן.

אויף דער אויבערשטער טרעפּ אין קאָרידאָר שטייט פּראָפעסאָר האָרן. ער ווישט זיך דעם פאַרשוויצטן שטערן מיט אַ נאָז־טיכל.

פאַר בערסאָנס לאַבאָראַטאָריום גיב איך נאָך עטלעכע זעץ אין דער טיר אַריין. דער הויז־וועכטער קוקט מיך אָן און זאָגט:

— מ׳דאַרף עפענען.

— עפנט, — ציטערט מיר דאָס קול.

דער הויז־וועכטער אַרבעט עטלעכע מינוט ביים שלאָס. די טיר טוט אַ קראַך, זי עפנט זיך.

מיר גייען שטיל אַריין אין צימער. די פענסטער זענען פאַר־מאַכט. אויף אַ האָק איבער אַ זייטיקער טיר הענגט דער גרויסער גוף פון מיין פריינט בערסאָן. ער איז נאָך אָנגעטון אין פאַלטאָ, דער קאָלנער פון פאַלטאָ איז ביי אים אויפגעשטעלט, ווי עס וואָלט איבער אים גערעגנט. דער פולער שוואַרץ־האָריקער קאָפּ איז עטוואָס פאַרבויגן צו דער זייט פונם שטריק, וואָס שטאַרט אים אָפּער פון אויפגעשטעלטן קאָלנער. ער הענגט מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער באָמבלט זיך נאָך קוים, ווי אַן אויפ־געהאָנגענער מאַנעקין.

דער הויז־וועכטער גייט צו און גיט אַ לייכטן ריר אָן דעם טויטן קערפּער פון מיין פריינט בערסאָן. דער געהאָנגענער גיט

זיך אַ באַוועג אויפן שטריק. עס אַנטפּלעקט זיך זיינס אַ האַלב פּנים, עס איז שטאַר און טונקל-בלאָ.

דורך דער געעפנטער טיר שטעקט זאַכט פּראָפעסאָר האָרן אריין זיין קאָפּ

גילגאמעש

גייען מיר אַרויס פון ערגעץ, אָדער גייען מיר ערגעץ-וואַהין? דידאָזיקע פראַגע איז וויכטיק און קאַרדינאַל. — צי דענקען מיר ערשט אונזער געדאַנק, צי בויען מיר ערשט אויף אונזער באַוווסטזיין? אָדער מיר וואַכן-אויף פון אַ טרוים, אין וועלכן אונזער גאַנצע געשיכטע פון ערשטן ביזן לעצטן מענטש האָט זיך דאָרט געשפיגלט. מיר טראַכטן אים נאָר איבער, דעמדאָזיקן טרוים. מיר אַנטוויקלען אים צו אַ ווירקלעכקייט.

די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן קוקן נאָר אויף דער צוקונפטסליניע. דאָרט איז פאַראַן דער וווּנדער-ברונעם, פון וועלכן מיר וועלן מוזן טרינקען, כדי די אויגן זאָלן זיך אונז עפענען און מיר זאָלן זיך דערקענען. אונזער היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז נאָר דער וועג אַהין, ווו מיר וועלן אויפדעקן די געזעצן פון דער וועלט און אַריינדרינגען אין די ווערקשטאַטן פון דעם קאָסמאָס. זענען מיר דאָרט, דאַן האָבן מיר די שליסלען פון אַלע געהיימנישן. ביי די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן איז אונזער געשיכטע גלייך צום עמבריאָן. פון אַ בלינדער, באַוווסטזיינלאָזער קינדהייט גייען מיר איבער דעם „מאַן-אַלטער" צו אַן אַנטוויקלטער רייפקייט, אין וועלכער מיר וועלן ערשט קאָנען זאָגן מיט אַ פאַרדינטן שטאָלץ: אָט זענען מיר ביים ציל. מיר האָבן דאָס מענטשלעכסטע דערגרייכט.

וואָרים לויט דעמדאָזיקן וויסנשאַפטלעכן דערקענען, — ווי-אָרים און ווייניק זענען די פּאָזיטיווע ווערטן, וואָס מיר האָבן הינטער אונז, אַקעגן די, וואָס מיר באַזיצן און וועלכע וואַרטן נאָך אין די באַהעלטענישן פון די צייטן, וואָס וועלן קומען! פיזיק, כעמיע און דער גאַנצער קאָלאָסאַלער קאָמפּלעקס פון

נאַטור-וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען מיט דער גרויסער נעץ פון זייער צעצווייגטקייט! אונזערע אור-געשלעכטער אין זייערע טונקעלע אָנהייבן האָבן קוים עפּעס אַרויסגעשטאַמלט פון די דאָזיקע אַלע ענינים. איצטער, דוכט זיך, זענען מיר אַרויפגעקומען אויף די ריכטיקע שפּורן, מיט באַרעכטיקטע האָפנונגען גייען מיר, ווי זיגער, ווייטער. מיר צעברעכן די שלעסער, הינטער וועלכע עס ליגן די כּוחות פון דער וועלט.

מיט איין וואָרט: אויף די אַלע חמרים פון וויסנשאַפט, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט און וועלכע טורמען זיך טאָג-טעגלעך ווייטער מיט אַן אומגלויבלעכער געשווינדקייט, קלעטערט דער וויסנשאַפטלעכער מענטש צו אַזעלכע מעגלעכקייטן, וועלכע וועלן אפשר אים אַליין מאַכן דערשטוינען.

אַנדערש זעט דער קינסטלער. די קינסטלעריש-דענקענדע פערזענלעכקייט קוקט צוריק צו די קוואַלן, פון וועלכע מיר זענען אויפגעגאַנגען. די אַנטיקע וועלט — די יוגנט פון דער מענטשהייט — דאָס זענען די מאָמענטן, ווען מיר האָבן זיך אַמ-שטאַרקסטן דערקענט. „פאַר די ערשטע היידן איז די וועלט געווען אַ וווּנדער", זאָגט קאַרלייל. מיט ציטער און ערפורכט האָבן זיי געקוקט אויף זיך אַליין, אויף די לאַנדשאַפטן, ווי זיי האָבן זייערע סטאַדעס געפּאַשעט, אויף די הימלען איבער זייערע קעפּ. גאָט האָט צו דעם יונגן מענטש אַרויסגערעדט פון הימל און וואַסער; אין דעם געהיימנישפולן גערויש פון די וועלדער האָט דער אַנטיקער מענטש געהערט גאָטס שטימע. צו יעדן שטיין, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג, האָט ער נאָך געקאָנט זאָגן: „דו ביסט גאָט!" — אַזוי פריש איז געווען דאָס געפיל אין יענעם מענטש.

אין דעם אַנטיקן היידנטום געפינט דעריבער דער קינסטלער דאָס מעכטיקסטע אויסגעשריי פונם מענטשנס באַפרייונג. דער גייסט איז געבוירן געוואָרן. מיט איינמאָל איז ער אויסגעבראָכן פון די טונקעלע צייט-אָפּגרונטן פון דער פאָר-געשיכטע. ווי דאָס איז אין יענע אומגעהייערע גרויע עפּאָכעס, אייגנטלעך, געוואָרן, — קאָנען מיר קוים וויסן. יענע צייטן פאַרשווייגן דאָס טיפסטע

געהיימניש פון מענטשנס ווערן. די פריע עגיפּטישע קונסט, אפשר, אָטעמט נאָך מיט דעם טרוים פון יענע שטומע וועלטן. דאַן אָבער האָבן מענטשן אָנגעהויבן אַרויסצורעדן דאָס, וואָס ס׳איז געווען ביי זיי אין דער נשמה.

געזאָגט האָבן זיי עס מיט דער גרעסטער קראַפט. וואָרים אַן אומגעהייערע בענקשאַפט איז ענדלעך געקומען צום וואָרט. עס דוכט זיך, דער גאַנצער וועג, וואָס מיר גייען, זינט דעם קלאַסישן אַלטערטום ביזאיצט, איז נאָר אינדעראמתן בלויז אַ קאָמענטירן און אויסלייגן פון דעמדאָזיקן, וואָס איז דעמאָלט געגעבן געוואָרן. צוזאַמען מיטן וואָרט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק. דער מענטשלעכער געדאַנק ווערט זיך נאָר קלאָרער און געדייעט אין משך פון דער וויטערדיקער געשיכטע.

הײדנטום! הערלעכער טאָג פון מענטשלעכער יוגנט! די קונסט קוקט אייביק צוריק צו יענע טרוימען. שטענדיק, ווען זי איז איבערגעזעטיקט און פאַרשמאַכט, אַ פאַרמאַטערטע אין אירע וואַנדערונגען, הייבט זי אירע אויגן אויף צו די צייטן, ווען די געטער זענען געגאַנגען איבער דער ערד. דאַן, ווען די וועלט איז נאָך אַליין געווען דער טיפסטער ענטפער אויף דעם וועלט-סוד, דער מענטשלעכער קערפּער איז געווען דאָס געהיימ-ניש פון דער נשמה. אין דער טראַגעדיע האָט געשטעקט די טרייסט. אַפּאָללאָ און דיאָניזאָס זענען געווען די טרעגער פון פרייד און פאַרצווייפלונג.

דאָס הײדנטום. די מענטשן האָבן נאָך דאַן פאַרמאָגט זייער גלויבן אויף דער ערד. אויס דערווירקלעכקייט האָבן זי׳ געשפּינען דאָס מיסטעריום פון דעם מיטאָס. די ווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך באַוועגט, זי זעלבסט האָט געדריקט אויף זיי מיט דער מאַכט פון אירע רעטענישן.

אין די ערשטע טעג פון דער געשיכטע האָבן די מענטשן דערציילט דעם מיטאָס פון זייער ווערן. דעם מיטאָס פון דער גאַנצער וועלט. עס האָבן זיך אויפגעהילט די שלייערס פון די אייביקייטן. דעם מענטשנס פאַנטאַזיע האָט דעם גאַנצן קאָסמאָס — פון דער ערשטער מינוט ווי ער האָט נאָר אויפגעציטערט, ביז

צו זיינע לעצטע אַנטוויקלונגען — באַלויכטן מיט איר אָפּשיין, דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע האָט די געהיימנישפֿולסטע אַנאַלען פֿון דער נאַטור אויפֿגעבלעטערט. דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע האָט זיך געוואַגט איבערצולייענען דאָס בוך פֿון די געטער. זי האָט אַרויס־געדעדט דאָסדאָזיקע, וואָס די אומענדלעכקייטן האָבן געמאַכט אַ סוד דערפֿון: זי האָט אונטערגעהאָרכט דעם געדאַנק פֿון די עלעמענטן.

דיווירקלעכקייטן זענען איר ווינציק געוואָרן — די ווירק־לעכקייטן פֿון דער וועלט — זי האָט געוואָלט נישט בלויז די טאַטן, נאָר אויך דעם טרוים פֿון די געטער.

דער שעפֿערישער מענטש האָט געוואָלט:

די וועלט זאָל זיין נאָך שענער. זי זאָל זיין נאָך טיפֿער. נישטאָ קיין אַלטעגלעכקייט. זי איז יאָ דאָ. נאָר די אַלטעגלעכ־קייט איז געוואָרן צו אַן עפּאָס. דאָרט וואַנדערן די געטער. די וועלט איז אַ מיטאָס.

* *

*

מיט אַ צייט צוריק האָט מען אין קויונטשוק (דאָס אַמאָ־ליקע נִנוה) אויסגעגראָבן די קיילשריפֿט־ביבליאָטעק פֿון דעם אַסירישן קעניג אַסירבאַניבאַל. מען האָט דאָרטן געפֿונען דעם גילגאַמעש: אַן אַלטער בבלישער עפּאָס, וואָס האָט זיינע קוואַלן אין דעם אור־פֿריען פֿאָלק פֿון די סומערער.

שוין אין די גרעסטע צייטן פֿון דער געשיכטע איז אין דער מענטשלעכער נשמה אויפֿגעגאַנגען די גרויסע אָנונג פֿון דעם וועג, וואָס זי וועט דורכמאַכן. שוין יענע האָבן געטראָגן אין זיך די גאַנצע בענקשאַפֿט פֿון דער קומענדיקער קולטור.

דאָס זוכן דעם סוד פֿון לעבן און דאָס געהיימניש פֿון טויט.

גילגאַמעש, דער זיגרייכער העלד, ער איז דער קעניג פֿון אורוק. ער איז נאָר איין דריטל מענטש — צוויי דריטל איז ער

גאָט. מיט שטוינען און ערפורכט קוקן די מענטשן אויף דער פראַכט פון זיין געשטאַלט. די לייבן און דאָס ווילד-טיר פאַר-שטעקן זיך אין זייערע באַהעלטענישן, בעת עס גענענען זיך זיינע טריט.

גילגאַמעש איז אָבער פאַר זיינע מיטמענטשן צו מעכטיק. גילגאַמעש האַלט זיי אין זיינע געוואַלטן, ער האַלט זיי פאַר די קנעכט פון זיין ווילן.

זייער ווײ־קלאָגן שטייגט-אַרויף צו די גרויסע געטער, צו די געטער פון הימל, די האַרן פון הייליקן אורוק.

— איר האָט באַשאַפן דאָס אומגעהייערע טיר, דעם ברומענ-דיקן לייב. גילגאַמעש, אונזער געביטער, איז שטאַרקער פון זיי. זיין גלייכן געפינט איר נישט. גילגאַמעש איז צו שטאַרק פאַר אונז.

זייער קלאָגן הערט דער הימל-גאָט אַנו. ער רופט אַרורו, די געטין פון דער טאַט.

— דו, אַרורו, האָסט מענטשן און חיות באַשאַפן צוזאַ-מען מיט מאַרדוק, דעם העלד. שאַף מיר אַ בילד, וואָס זאָל גלייך זיין דעם גילגאַמעש, שאַף מיר אַ וועזן אַזוי מעכטיק, ווי ער. קיין אורוק זאָל ער קומען, דער געוואַלטיקער, קעמפן זאָל ער מיט גילגאַמעש. רו וועט האָבן דאַן אורוק.

און אַרורו האָט געפאַרמט אין אירע געדאַנקען אַ וועזן, ווי עס האָט פאַרלאַנגט אַנו, דער הימל-גאָט — דעם העלד ענקידו. זי האָט אים באַלעבט מיט הויך און בלוט פון קריגס-גאָט ניניב.

ענקידו שטייט איצטער אַליין אין סטעפּ. זיין קערפּער איז באַהאָרט, מיט פעל באַדעקט. ער ווייסט נישט פון לאַנד און פון מענטשן. מיט די אינדן צוזאַמען עסט ער די קרייטעכצער פון פעלד, מיט דעם פי טרינקט ער דאָס געמיינזאַמע געטראַנק.

אין דעמזעלביקן טאָג האָט אַ יעגער געלייגט זיין פאַנג-נעץ. ענקידו שטעלט זיך אַקעגן דעם מאַן. אַ טאָג, אַ צווייטן, אַ דריטן שטייט ענקידו, אַלס מעכטיקער באַשיצער פון די חיות. דער יעגער שטאַרט אים אָן מיט שרעק; יענער (ענקידו) קוקט-אויס ווי אַן אומגעהייער פון די בערג.

דער יעגער אַנטלויפֿט אַהיים, ער הייבט-אויף די שטים און זאָגט צו זיין פֿאָטער:

— פֿאָטער, אַ מאַן איז געקומען פֿון די ווייטע בערג, ווי פֿון אַנוס זאָמען קוקט ער אויס. געוואַלטיק איז זיין קראַפֿט, ער טרייבט זיך איבערן סטעפּ. גריילעך איז זיין געשטאַלט, איך קאָן צו אים נישט גענענען. ער פֿאַרשיט די פֿאַנג-גריבער, וואָס איך גראָב, ער צעשטערט די נעצן, וואָס איך שטעל.

דער פֿאָטער זאָגט צו זיין זון, דעם יעגער:

— גיי-אַריין קיין אורוק, צו גילגאַמעש. רעד צו אים פֿון דעמדאָזיקן ווילדן מענטש.

דער יעגער הערט-אויס די ווערטער פֿון זיין פֿאָטער. ער גייט אויף דעם וועג קיין אורוק. ער קומט-צו צו די טויערן פֿונם קעניג און פֿאַלט פֿאַר אים אַנידער. דאַן הייבט ער אויף זיין האַנט און רעדט אַזוי צו גילגאַמעש:

— אַ מאַן טרייבט זיך אַרום אויפֿן סטעפּ, שטאַרק ווי די געטער. פֿירכטערלעך איז אים אָנצוקוקן, איך קאָן צו אים נישט גענענען. ער פֿאַרשיט די פֿאַנג-גריבער, וואָס איך גראָב, ער צעשטערט די נעצן, וואָס איך שטעל.

גילגאַמעש זאָגט צו אים, צום יעגער:

— גיי נאָר, מיין יעגער, נעם דיר אַ בליענדיק ווייב פֿון אישטאַרס הייליקן טעמפּל, פֿיר זי צו אים אַהין. ווען ער קומט מיט די חיות צום געטראַנק, לאָז דאָס געוואַנד פֿון איר פֿאַלן. ער וועט זי זען און צו איר גענענען. אַזוי-אַרום וועט ער פֿרעמד ווערן צו דעם פֿי, וואָס איז געוואַקסן מיט אים אויפֿן פֿעלד.

זיין וואָרט האָט געהאָרכט דער יעגער. ער האָט גענומען אַ בליענדיק ווייב פֿון דעם הייליקן טעמפּל פֿון אישטאַר. אויף מויל-אייזלען זענען זיי געריטן. אויפֿן דריטן טאָג זענען זיי געקומען אויפֿן באַשטימטן אָרט. יעגער און ווייב האָבן זיך אַנידערגעזעצט נישט ווייט פֿונם געטראַנק. אַ טאָג און אַ צווייטן האָבן זיי אַזוי געוואַרט. דאָ קומען דאָס פֿי און די חיות, דאָ קומט אויך ענקידו, דער זאָמען פֿון די מעכטיקע געטער. מיט די אינדן עסט ער די קרייטעכצער. מיט דעם פֿי טרינקט ער דאָס געמיינזאַמע וואַסער.

ס׳ זעט אים דאָס הייליקע ווייב, דעם מענטש פול קראַפט, דעם ווילדן מאַן, דעם מאַן פון די בערג, ווי ער שפּאַנט איבערן פעלד.

— דאָס איז ער, ווייב! לאָז פאַלן די טיכער פון דיין בוזעם, הילף־אָפּ די היגלען פון פרייד, זאָל דיין לייב אים באַרוישן. וואַרט נישט לענגער. וועק־אויף די לוסט אין אים, פאַרלאָק אים אין די פאַנג־נעצן פון דיין רייץ. פרעמד וועט אים ווערן דאָס פי, וואָס וואַקסט מיט אים אויפן פעלד.

דאָ אַנטפּלעקט דאָס ווייב איר בוזעם אַרויס פון די טיכער, זי הילט־אָפּ די היגלען פון פרייד. זי זוימט נישט, זי וועקט אין אים די לוסט. די געוועגדער פון איר נאַקעטקייט לאָזן זיך אַראָפּ. ער זעט זי און וואַרפט זי צו דער ערד. פעסט רוט זיין ברוסט אויף דער הייליקער דינערין פון אישטאַר.

זיי זענען געווען אַליין.

זעקס טעג און זיבן נעכט האָט ענקידו דערקענט דאָס ווייב.

פון איר שיינקייט געזעטיקט, דערהייבט ענקידו זיין פּנים. ער קוקט זיך אַרום אויפן סטעפּ. קוים זעען אים די אינדן, שפּרינגען זיי אַוועק. די חיות פון פעלד האָבן מורא פאַר זיין בליק.

שטוינען נעמט־אַרום ענקידון. שטיל שטייט ער, ווי צוגעשמידט. ער ווענדט זיך צום ווייב און זעצט זיך איר צופוסנס. ער בליקט איר אין די אויגן און ווען זי רעדט, האָרכן זיינע אויערן:

— ענקידו, שיין ביסטו. ווי אַ גאָט ביסטו! פאַרוואָס ווילסטו דיך נאָר אַרומטרייבן מיטן געטיר אויפן פעלד? קום מיט מיר קיין אורוק, די אַרומגעמויערטע שטאָט; קום מיט מיר אין הייליקן טעמפּל, די וווינונג פון אישטאַר. קום אין דעם הערלעכן הויז, ווו גילגאַמעש קיניגט, דער פולקומענער העלד ביי די מענטשן.

אַזוי זאָגט זי, און ער פריידט זיך אַזעלכעס צו הערן. ענקידו ־עדט צו איר, צו דער דינערין פון דער ליבע:

— שטיי-אויף, מיין ווייב! פיר מיך אַהין צו דעם שטראַלנ-דיקן היילִיקטום פון אישטאַר, אַהין, ווו גילגאַמעש וווינט, דער פולקומענער העלד, דער געוואַלטיקער צווישן די מענער. צום קאַמף וועל איך אים פאָדערן, מיט הויכער שטים וועל איך דעם שטאַרקן רופן, אין מיטן פון אורוק וועל איך אויסשרייען: איך בין שטאַרקער! אַזוי טרעט איך אַריין און ענדער דאָס שיקזאַל.

דאָס ווייב און ענקידו גייען צו דער שטאָט. זיי טרעטן-אַריין דורכן טויער. בונטע טעפּיכער זענען אויסגעשפּרייט אויף די גאַסן. אין ווייסע קליידער טוישן זיך די מענטשן. האַרפעס קלינגען פונדערווייטנס, עס שפּילן די פלייטן.

אַ חג, אַ יום-טוב בייטאָג און ביינאַכט.

דאָס היילִיקע ווייב טרעט פאָרויס אינם טעמפּל. אויס די קאַמערן פון דעם היילִיקטום נעמט זי אַרויס אַ יום-טוב-געוואַנד. זי באַצירט ענקידון מיט דעם פּרעכטיקן קלייד. זי שטאַרקט אים מיט ברויט און ווייַן פון דעם מזבח פון דער געטין. אַ געהייליקטע גענענט זיך, אַ זעערין, און אַזוי רעדט זי צו אים:

— ענקידו, לאַנג לעבן זאָלן דיר שענקען די גרויסע געטער. דעם מענטש גילגאַמעש וויל איך דיר ווייזן. קוק-אַריין אין זיין פּנים, ווי די זון שטראַלט זיין אויג. פורכט דערוועקט ער ווי אַדאַד, דער גאָט פון געוויטער. איידער דו ביסט נאָך גע-קומען פון די בערג, און איידער פון דעם סטעפּ, טרוימט שוין וועגן דיר גילגאַמעש. אַ טרוים-בילד פון דיר האָט ער געזען אין אורוק דער שטאָדט.

איבער דער שוועל פון טעמפּל שפּאַנט-אַרויס ענקידו. ער קומט אויף דער גאַס. שטוינען נעמט-אַרום דאָס פאָלק, ווען זיי זעען דעם מאַן פון סטעפּ. „אַ העלד איז געקומען פון אַנוס געבערג, פון זיין זאָמען אַ העלד!“

אינם טעמפּל האָט מען פאַר גילגאַמעש, ווי פאַר אַ גאָט, אַ טעפּיכער-געלעגער אָנגעברייט; דער קעניג זאָל זיך באַהעפטן מיט אישטאַר, די געטין פון פרוכטבאַרקייט. גילגאַמעש קומט פון זיינע פּאַלאַצן און גענענט. ענקידו שטייט פאַר דעם הויכן טויער

פון טעמפל און לאָזט אים נישט אַריין. ווי צוויי ראַנגלער פּאַקן זיי זיך ביי דעם טויער פון הייליקן הויז. אויף דער גאַס קעמפן זיי ווייטער. ווי אַ מחנה ליגט ענקידו אויף דעם הערשער פון לאַנד. דאָ פּרעסט אים דערדאָזיקער (גילגאַמעש) ווי אַ פּרוי און דרייט אים איבער. ער הייבט אים אויף און וואַרפט אים פאַר די פיס פון זיין מוטער.

ערפורכטיק שווידערט דאָס פאָלק איבער גילגאַמעשס קראַפט.

ענקידו שרייט-אויף אין פאַרצווייפלטער וווט. ווילד זענען די האָר פון זיין מעכטיקן קאָפּ, פינסטער ווערט זיין געזיכט, טריב זיין אויג. די הענט זינקען אים אַראָפּ, טרערן פליסן איבער זיינע באַקן.

רישאַט, די מוטער פון גילגאַמעש, זאָגט צו ענקידו:

— דו ביסט מיין זון. היינט האָבן מיינע ווייען דיך געבוירן. דיין מוטער בין איך. דערדאָזיקער דאָרט איז דיין ברודער.

ענקידו מאַכט-אויף זיינע ליפּצן און רעדט צו רישאַט, די האַרין:

— מוטער, אינם קאַמף האָב איך דעם ברודער געפונען.

— דו ביסט מיין פריינט, דו ביסט מיין ברודער, — זאָגט צו אים גילגאַמעש.

* *
*

דער עפּאָס אין זיין ווייטערער אַנטוויקלונג דערציילט די העלדן-טאַטן פון גילגאַמעש און ענקידו.

אויף דעם באַפעל פון שאַמאַש, דעם זון-גאָט, גייען זיי באַקעמפן כומבאַבאַן, דעם מעכטיקן היטער פון צעדערן-וואַלד. נאָך גרויסע צוזאַמענשטויסן דערשלאָגט אים גילגאַמעש מיט זיין שטרייט-האַק און ברענגט דעם קאָפּ אַלס נצחון-צייכן קיין אורוק. אישטאַר, די געטין פון דער ליבע, ברענט אין ליידנשאַפט צו דער שיינקייט פון גילגאַמעש. אין איר טיפער לוסט הייבט זי אירע אויגן אויף צו אים, זי רעדט אין איר הייסן באַגערן:

— קום, גילגאַמעש, זיי מיין געליבטער! שענק מיר דיין זאָמען, אָך, שענק אים מיר! דו זיי מיין מאַן, איך בין דיין ווייב. דער גליקלעכסטער וועסטו זיין צווישן די מענטשן, צו דיר וועלן געהערן אַלע הערלעכקייטן פון דער ערד.

גילגאַמעש זאָגט זיך אָפּ פון איר ליבע. ער וואַרפט איר פאָר אירע פאַלשקייטן און די פיל פון איר אָפּגענאַרטע געליבטע. אישטאַר, געקרענקט אין איר שטאָלץ, ווערט ווטיק. ביי אַנו, איר הימלישן פאָטער, בעט זי אויס פאַר גילגאַמעשן אַ שטראָף. פון דעם געטער-באַרג שיקט ער אַראָפּ אַ פורכטבאַרן הימל-אָקס. קיין אורוק דער שטאָט לאָזט ער אים קומען. ער פאַרוויסט דאָס לאַנד אַרום די מויערן. הונדערטער מענטשן קומען-אום. נאָך אַ גרויסער יאַגד, פאַרפאָלגט פון גילגאַמעשן און ענקידו, פאַלט דער הימל-אָקס פון זייערע הענט.

דאָ גייט אישטאַר אַרויף אויף דער מויער. פון איינעם פון די טורעמס אַראָפּ שרייט זי אויס איר קללה:

— ווי דיר, גילגאַמעש, דריי מאָל דיר ווי. דו האָסט מיין ליבע געשענדעט, דו ביסט מיין שטראָף אַנטרינען.

— וואָרים האָבן זיך די גרויסע געטער באַראָטן? וואָרים פּלאַנען זיי מיין פאַרדאַרבן?

זעלטזאַם איז געווען דער טרוים, וואָס איך האָב געזען. אַן אָדלער פּאַקט מיך מיט אייזערנע קרעלן. פיר שעה פליט ער מיט מיר אין דער הייך. ער רעדט צו מיר: „קוק-אַראָפּ אויפן לאַנד. ווי זעט עס אויס? בליק אויפן ים, ווי דערשיינט ער דיר?" און דאָס לאַנד איז געווען ווי אַ באַרג, און דער ים ווי אַ קליין וואַסערל. ווידער פליט ער העכער פיר שעה אַרויף. ער רעדט צו מיר: „קוק-אַראָפּ אויפן לאַנד, ווי זעט עס אויס? בליק אויפן ים, ווי דערשיינט ער דיר?" און די ערד איז געווען ווי אַ גאָרטן, און דער ים ווי דעם גאָרטנס וואַסער-לויף. ווידער פליט ער העכער פיר שעה און רעדט: „קוק-אַראָפּ אויפן לאַנד, ווי זעט עס אויס? בליק אויפן ים, ווי דערשיינט ער דיר?" און דאָס לאַנד קוקט-אויס ווי אַ מעל-בריי, און דער ים ווי אַ וואַסער-קרוג. צוויי

שעה טראָגט ער מיך נאָך העכער אַרויף, דאַן לאָזט ער מיך פאַלן. איך פאַל און פאַל און ליג אַ צעשמעטערטער אויף דער ערד. דאָס איז דער חלום. הייס פון שרעק וואַך איך אויף.

גילגאַמעש הערט די ווערטער ענקידוס, זיין בליק פאַרפינסטערט זיך.

— ווי,—זאָגט ער אים,—די געטער האָבן דיין טויט באַשלאָסן.

ענקידו לייגט זיך אַנידער. אַ דעמאָן, דער בייזער גייסט פון פיבער, נעמט־אַרום זיין קאָפּ.

גילגאַמעש הייבט־אויף זיין קלאָג־שטים:

— מיין פריינט, מיט מיר האָסטו בערג און מדבריות אַדורכגעוואַנדערט. מיין פריינט, אַלע געפאַרן האָסטו מיט מיר געטיילט. מיין פריינט, עס ווערט מקוים דער טרוים. קיינער קאָן דאָס שיקזאַל נישט איבעראַנדערשן.

קראַנק ליגט ענקידו. אויף אַ טעפּיכער־געלעגער ליגט ער, אַ טאָג און צוויי. דאָס בייזע פיבער האַלט אים געפאַנגען. אין צוועלפטן טאָג זיפצט ענקידו אַרויס פון דער היץ פון דעם פיבער. ער רופט צו זיך דעם פריינט און רעדט:

— דער האַר פון לעבנס־וואַסער האָט מיך פאַרשאָלטן, מיין פריינט. אין מיטן קאַמף האָט מיך געטראָפן זיין קללה. ווער עס ווערט דערשלאָגן אין דער שלאַכט איז טויט. איך אָבער בין אין מיטן דעם קאַמף דערשלאָגן געוואָרן.

גלייך מיט דעם ערשטן מאָרגן־שימער איז גילגאַמעש צוגעטרעטן צו דעם געלעגער פון זיין פריינט. שטיל אָן כּוחות, ליגט ענקידו, ווי אַ שוואַכלינג. שטיל הייבט זיך זיין ברוסט. גילגאַמעש וויינט איבער זיין פריינט און זאָגט:

— ענקידו, מיין פריינט! ווו איז געבליבן דיין קראַפט? שטאַרק ביסטו געווען ווי דער לייב, פלינק ווי דער אינד. אַ ברודער ביסטו מיר געווען. די שיינע פרויען פון אורוק ליבן דיך. צום צעדערן־וואַלד בין איך געגאַנגען מיט דיר, מיר האָבן דערשלאָגן דעם הימל־אָקס. האָט דיך דער צאָרן פון דער וואוטיקער אישטאַר פאַרדאָרבן?

ענקידו ענטפערט נישט. זיינע אויגן זענען געשלאָסן. גילגאַמעש באַרירט זיין האַרץ. עס קלאַפּט נישט מער.

ווי אַ לייבין פון וואָרף־שפּיז געטראָפן ברילט ער אויף (גילגאַמעש), די האָר רייסט ער זיך אויס, דאָס געוואַנד צעררייסט ער אויף זיך און טוט־אָן דאָס שטויביקע טרויער־קלייד.

און אַזוי איז געווען די קלאָג פון גילגאַמעש:

— מיין פריינט, פאַרבונדן מיט מיר ביסטו געווען, ווי דאָס ווילד־פערד, ווי דער לעמפערט אין דעם סטעפּ. ענקידו, מיין פריינט, אַלץ האָסטו געקאָנט. דעם געטער־באַרג האָבן מיר באַשטיגן, כומבאַבאַן דעם קאָפּ אָפּגעשניטן, דעם הימל־שטיער דערהרגעט. אויך דיך האָט געטראָפן דאָס שיקזאַל פון די מענטשן. דעריבער וועל איך אַרויסאיילן אין סטעפּ, און וועל אויפזוכן די ווייטקייטן. ווי קאָן איך דאָס פאַרשווייגן? ווי קאָן איך עס אַרויסשרייען? דער פריינט, וועלכן איך האָב ליב געהאַט, איז צו ערד געוואָרן. ענקידו, מיין פריינט, איז געוואָרן ווי דאָס ליים אויפן פעלד. וועל איך אויך אַמאָל מוזן צו רו זיך לייגן און נישט ווידער מער אויפשטיין אין אַלע אייביקייטן?

גילגאַמעש וויינט ביטער אויף זיין פריינט ענקידו און לויפט־אַרויס אויפן פעלד.

— וועל איך אויך אַזוי ווי ענקידו שטאַרבן? ווי פאַרבלו־טיקט מיין אינערלעכקייט אין וויי!... איך האָב מורא באַקומען פאַרן טויט, דעריבער איל איך אַרויס אין סטעפּ. צו דעם מעכ־טיקן אוטנאַפּישטים, וואָס האָט ס'אייביקע לעבן געפונען, נעם איך איצט מיין וועג. ווען איך טרעף ביי דער נאַכט דעם לייב, ווער איך פורכטזאַם. איך דערהייב מיין קאָפּ און בעט צו סין, די לבנה, צו נין אורום, די האַרין פון לעבנס־באַרג: האַלט מיר אויף מיין לעבן, איר געטער, האַלט מיר אויף דאָס לעבן!

און גילגאַמעש הייבט־אָן זיינע וואַנדערונגען.

נאָך אַ מיזאַם בלאָנדזשען האָט ער דערזען גרויסע בערג. זייער נאָמען איז מאַשו. דאָס זענען צוויי בערג, וואָס גרייכן ביז צום הימל. צווישן די בערג וועלבט זיך דאָס טויער פון

דער זון. אַ ריזן-פּאַר באַוואַכט דאָסדאָזיקע טויער. נאָר מיט דער ברוסט שטייגן דידאָזיקע מענטשן-לייבער אַרויס פון דער ערד, דאָס עקדישן-ענלעכע אונטערלייב שטרעקט זיך טיף אַראָפּ אין דער אונטער-וועלט. שוידערלעך, שרעקלעך קוקן זיי אויס. זייער אָנבליק זאָגט-אָן דעם טויט. עס האָט זיי געזען גילגאַמעש און איז פאַרשטאַרט געוואָרן, פון שרעק פאַרטרויעריקט זיך זיין געזיכט. ער בוקט זיך פאַר זיי.

דער עקדיש-מענטש זאָגט צו גילגאַמעש:

— אַ וויטן וועג מאַכסטו, זעלטזאַמער וואַנדערער. איך וויל דיין וועג וויסן. דאָ זענען די גרענעצן, וועלכע דו קאָנסט נישט איבערטרעטן. דיין וועג וויל איך וויסן.

גילגאַמעש ענטפערט אים:

— וועגן ענקידו, מיין פריינט, דעם לעמפּערט פון דעם סטעפּ, טראָג איך מיין לייד. אים האָט דערגרייכט דאָס שיקזאַל פון די מענטשן. דער טויט האָט געוועקט אין מיר זיין פורכט. צו שטויב איז געוואָרן דער פריינט. ענקידו איז געוואָרן ווי דאָס ליים אויפן פעלד. אַזוי אייל איך איבער לענדער און שטייג איבער בערג. צו אוטנאַפּישטים, דעם מעכטיקן, וויל איך גיין. ער איז געקומען אַהין אין דער פאַרזאַמלונג פון די געטער. ער האָט געזוכט און געפונען דאָס לעבן. וועגן טויט און לעבן וויל איך אים פרעגן.

דער עקדיש-מענטש זאָגט:

— הינטער די בערג ליגט אַ ים, וואָס נעמט-אַרום די לענדער פון דער ערד. דו קאָנסט נישט גיין דעם וועג פון דער זון, דען ער פירט אין דעם לאַנד פון די ליכטיקע געטער. קיין מענטש איז נאָך קיינמאָל נישט אַדורכגעדרונגען די טונקעלע שלוכט. הינטער דעם טויער פון דער זון, אויף יענער זייט פון די וואַסערן פון טויט, וווינט אוטנאַפּישטים. קיין שיף טראָגט דיך איבער זיי נישט אַריבער.

גילגאַמעש זאָגט:

— דורך וויי גייט מיין וועג. דערלויב מיר דעם אַריינטריט אין די בערג. אוטנאַפּישטים וויל איך פרעגן, דעם

געפינער פון לעבן. לאָז מיך אַדורך דאָס לעבן צו געווינען!

דער עקדיש-מענטש מאַכט-אויף דאָס מויל און אַזוי רעדט ער צו גילגאַמעש:

— מוטיק ביסטו, גילגאַמעש, פון געוואַלטיקער קראַפט. די בערג פון מאַשי זענען העכער ווי די בערג פון דער ערד. ווער ווייסט, צי דו וועסט גאַנץ דורך זיי אַדורכקומען. דאָס טויער פון דער זון, וואָס מיר באַוואַכן, זאָל דיר ווערן אויפגעמאַכט.

גילגאַמעש גייט ווייטער דעם וועג צו דער זון. נאָך לאַנגע פינסטערנישן און געפאַרן קומט ער ענדלעך צו די פּאַלאַצן פון די געטער. זייערע הערלעכקייטן זענען באַפּלאָסן מיט ליכט. גילגאַמעש אין פייערלעכער באַגייסטערונג הייבט זיינע הענט אויף צום גאָט שאַמאַש:

— ווייז מיר דעם וועג צו אוטנאַפּישטים דעם ווייטן. ווייז מיר דעם שיפער, וואָס זאָל מיך אַריבערפירן די וואַסערן פון טויט.

שאַמאַש הערט אים און ענטפערט:

— גילגאַמעש, וואוהין לויפסטו? דאָס לעבן, וועלכעס דו זוכסט, געפינסטו נישט!

גילגאַמעש זאָגט צו אים, צום הויכן שאַמאַש:

— איבער דעם סטעפּ בין איך געצויגן אין עלנט און איינזאַמקייט. איין שטערן נאָכן אַנדערן גייט-אונטער. אַלע יאָר בין איך אין דער נאַכט געלעגן אויפן וויסטן פעלד. לאָזן מיינע אויגן דיך זען, זון, לאָזן זיי זיך אין דיר זעטיקן!

און שאַמאַש ענטפערט אים:

— גיי צו סידורי-סאַביטו, די קלוגע פרוי פון הימל-באַרג! אויף אַ טראָן זיצט זי אין געטער-גאָרטן ביים ים און היט דעם בוים פון לעבן. זי אַליין קאָן דיר ווייזן דעם וועג צו אוטנאַפּישטים דעם ווייטן.

ביים ברעג ים זיצט סידורי-סאַביטו אויף איר טראָן. זי היט דעם אַריינגאַנג צו דעם גאָרטן פון די געטער. אַ לאַנג געוואַנד באַהילט איר גוף.

גילגאַמעש לענקט זיינע טריט צו דעם טויער. פֿירכטער־לעך איז זיין געשטאַלט און גלייכן גלייכט ער די געטער. ווי אָבער איז אין זיין האַרצן. ווי אַ וואַנדערער אין ווייטע וועגן קוקט ער אויס.

סאַביטו זעט אים און זאָגט צו זיך: „זאָל עס זיין עמיצער, וואָס וויל אַריין אין דעם גאָרטן פֿון די געטער? וווּהין גייט ער מיט שטורעמדיקע טריט?" און סאַביטו פֿאַרשליסט דאָס טויער און ריגלט עס צו.

גילגאַמעש אָבער איז אַנטשלאָסן אַריינצוגיין. ער הייבט־אויף זיין האַק אויפֿן טויער, און אַזוי רעדט גילגאַמעש צו דער געטין סאַביטו:

— איך צעשמעטער די טיר, וואָס דו האָסט פֿאַרמאַכט, סאַביטו. איך צעברעך דעם ריגל.

סאַביטו עפֿנט די טיר און זאָגט צו גילגאַמעש ביים איינגאַנג:

— וואָרים איז טריב דיין נשמה און דיין געשטאַלט גע־בויגן? וואָרים איז ווי אין דיין האַרצן? ווי אַ וואַנדערער אין ווייטע וועגן קוקסטו אויס. געברוינט ביסטו פֿון זון און שטורעם־ווינט. וואָרים ביסטו אַהערגעקומען פֿון דעם סטעפּ?

און גילגאַמעש ענטפֿערט:

— ווי זאָל נישט זיין טריב מיין נשמה און געבויגן מיין גע־שטאַלט? ווי זאָל נישט זיין ווי אין מיין האַרצן? ווי זאָל איך נישט גלייך זיין דעם וואַנדערער אין ווייטע וועגן? מיין יונגער ברודער, דער לעמפּערט פֿון דעם פֿעלד, ענקידו, מיין פֿריינט, דעם צעדערן־וואַלד האָבן מיר באַשטיגן, דעם הימל־שטיער האָבן מיר דערהרגעט, כומבאַבאַן באַזיגט, מיין פֿריינט, אַלע געפֿאַרן און מיזאַמקייטן האָבן מיר געטיילט — אים האָט דערגרייכט דאָס שיקזאַל פֿון די מענטשן. טאָג און נאַכט האָב איך נעבן אים געוויינט און דאַן אים אַריינגעלייגט אין אַ גרוב. זיבן טעג און זיבן נעכט איז ער געלעגן ווי אַ צעטרעטענער וואָרעם. דאָס שיקזאַל פֿון מיין פֿריינט ליגט אויף מיר ווי אַ שווערע לאַסט. דער פֿריינט, וועלכן איך האָב ליב געהאַט, איז צו ערד גע־

וואָרן. ענקידו, מיין פריינט, איז געוואָרן ווי דאָס ליים אויפן פעלד. אָ, סאַביטו, איך קוק איצט אויף דיר. דעם טויט, וואָס איך פירכט פאַר אים, וויל איך נישט זען.

און אַזוי רעדט סאַביטו צו גילגאַמעש:

— גילגאַמעש, וווהין לויפסטו? דאָס לעבן, וואָס דו זוכסט, וועסטו נישט געפינען. ווען די געטער האָבן דעם מענטש באַשאַפן, באַשטימען זיי פאַר אים דעם טויט. דאָס לעבן אָבער האָבן זיי פאַר זיך באַהאַלטן. דעריבער, גילגאַמעש, עס און טרינק, טאָג און נאַכט פריי דיך נאָר, מאַך דיר יעדן טאָג פאַר אַ יום-טוב. פריי דיך טאָג און נאַכטביי האַרפן, פלייטן און טאַנץ. טו דיר ריינע קליידער אָן, וואַש און זאַלב דיר דיין קאָפּ, באָד דיין לייב אין פריש וואַסער. פריי דיך אין די אָרעמס פון דער פרוי. קער צוריק קיין אורוק, גילגאַמעש, אין דיין שטאָט, אַלס געליבטער קעניג און העלד קער צוריק!

דאָך גילגאַמעש זאָגט צו סאַביטו:

— גענוג, סאַביטו, גענוג. ווייז מיר דעם וועג צו אוטנאַפישטים דעם וייטן. זאָל ער מיך אַריבערשיפן איבער די וואַסערן פון טויט.

און סאַביטו רעדט צו אים:

— קיינער קאָן דעם ים נישט אַריבער, קיינער. שווער איז דער וועג צו די וואַסערן פון טויט. וויט ליגן זיי אויף יענער זייט פון מענטשנס וויסן. ווי ווילסטו, גילגאַמעש, אַריבערקומען? וואָס וועסטו טון דאָרט ביי די וואַסערן פון טויט? דאָך זע, אור-שאַנאַבי, דער שיפער פון אוטנאַפישטים איז איצט גראָד דאָרט, ווו עס ליגן די קאַסטנס פול שטיינער. גראָד איז ער אין וואַלד און זוכט קרייטעכצער. רעד צו אים. אפשר וועט ער דיך אַריבערפירן. ווען עס איז מעגלעך, גיי מיט אים. ווען נישט, קער צוריק.

גילגאַמעש גייט ווייטער. ער קומט צו אַ טייך. דאָרט ליגט אַ שיף. דער שיפער איז נישטאָ, ער זוכט אים ביים ברעג. קאַסטנס פול שטיינער ליגן דערנעבן. ער גייט אין וואַלד אַריין און רופט:

— שיפער, איך זוך דיך, ברענג מיך זיכער אַריבער איבערן ים און איבער די וואַסערן פון טויט.

ער רופט הויך און באַקומט נישט קיין ענטפער. דאַן גייט ער צוריק צו די קאַסטנס און צעברעכט זיי אין זיין צאָרן.

פלוצלינג דערזעט ער אור־שאַנאַבי.

אור־שאַנאַבי פרעגט אים אויך אויס דעם צוועק פון זיין וואַנדערן. גילגאַמעש דערציילט: צייט ענקידוס טויט האָט ער קאָנען געלערנט דאָס מורא־האָבן. דאָס שיקזאַל און דער טרויער פון די מענטשן פילט אים אָן מיט טיפן וויי און פאַרצווייפלונג. אין טויט און פאַרגיין האָט ער געזען דעם אמת פון דער וועלט: די טרייסטלאָזיקייט. איצטער האָט ער אין זיין האַנט גענומען דעם שטעקן פון אַ וואַגלער, דעם סוד פון לעבן זוכט ער צו געפינען, דעם סוד פון שיקזאַל.

דאָס מענטשן־ און געטער־שפּיל.

— דיינע הענט, גילגאַמעש, — ענטפערט אור־שאַנאַבי, — האָבן דעם איבערגאַנג אוממעגלעך געמאַכט. די שטיינער־קאַסטנס זענען געווען דער וועג אַהין. דו האָסט זיי צעבראָכן, איך קאָן מיט דיר נישט מער אַריבערגיין. דאָך, גילגאַמעש גיי אין וואַלד אַריין, האַק־אונטער הונדערט־צוואָנציק ביימער, אַ נייע בריק וועלן מיר בויען צו דעם אינזל פון לעבן.

אוטנאַפּישטים קוקט אין דערווייטנס און זאָגט:

— ווער פאָרט איבער די וואַסערן פון טויט אָן מיין רשות? איז עס אַ מענטש? איז עס אַ גאָט?

אוטנאַפּישטים גייט־אַרויס פון זיין הויז און געגענט זיך צו גילגאַמעש.

— זאָג מיר דיין נאָמען, אָ, זאָג אים מיר! איך בין אוטנאַפּישטים, איך האָב געפונען דאָס לעבן.

גילגאַמעש ענטפערט:

— אַ וויטן וועג בין איך אַהערגעקומען, אוטנאַפּישטים, צו דיר, געלייטזעליקטער. דאָס לעבן האָסטו געפונען, איך וויל דיך זען. איך צי און וואַנדער איבער די לענדער פון דער ערד,

איבער בערג שווער צו דערקלעטערן, איבער טייכן און ימים. זאָט האָב איך געטרונקען דאָס לייד, ווי איז געווען מיין שפּייז. זאָלן די טויטן-גייסטער דאָס טויער צו זיך פאַריגלען, איך וועל די טויטן-גייסטער פאַרניכטן. אוטנאַפּישטים, זאָג מיר דאָס לעבן, זאָג מיר דעם סוד פונם לעבן!

און אוטנאַפּישטים רעדט צו אים, צו גילגאַמעש:

— לאָז-אָפּ פון קלאָג, לאָז-אָפּ פון צאָרן! געטער און מענטשן — פאַרשידן איז זייער גורל. אַלס אַ מענטש האָבן דיך געבוירן פאָטער און מוטער. ביסטו אויך צוויי דריטל גאָט, אַ דריטל אָבער אין דיר איז אַ מענטש און עס ציט דיך אַריין אין דעם שיקזאַל פון די מענטשן. נישט דאָס אייביקע לעבן איז פאַר אייך באַשטימט. גרימצאָרניק איז דער טויט, ער מאַכט דעם לעבן אַן ענדע. בויען מיר הייזער אויף שטענדיק? גענישט דער מענטש אייביק די פריידן פון ליבע? זעט דער קוליליו און דער קיריפאַ-פויגל אייביק דאָס גרינקייט פון פרילינג? צייט דעם ווי ס'זענען נאָר אויפגעגאַנגען די טעג איז נישט פאַראַן קיין דויערהאַפטיקייט. גלייכן זיך דען נישט דאָס קינד און דער טויטער? ווען דער אויפזעער און דער צוריגלער פון דער אונטער-וועלט לאָזט-אַרויס אַ נשמה צום ליכט, און דער ניי-געבוירענער באַגריסט די זון, דאַן זאַמלען זיך צוזאַמען די גע-וואַלטיקע אַנונאַקי, די גרויסע גייסטער, און מאַמעטום, די געטין, וואָס באַשאַפט דאָס שיקזאַל. זיי באַשטימען דאָס די טעג פונם לעבן, די טעג אָבער פון טויט ציילן זיי נישט.

גילגאַמעש זאָגט צו אוטנאַפּישטים:

— איך קוק דיך אָן, אוטנאַפּישטים, דו ביסט נישט גרעסער ווי איך, דו גלייכסט מיר ווי אַ פאָטער דעם זון. אַ מענטש ביסט דו אויך. דאָך קאָן איך נישט רוען, קאַמף צו פירן בין איך באַשאַפן. דו אָבער האָסט דעם קאַמף אויסגעמיטן, ווי אַזוי, דעריבער, קומסטו אַריין אין דער פאַרזאַמלונג פון די געטער?

און אוטנאַפּישטים דערציילט אים זיין געהיימניש:

— דער גרויסער גאָט בעל איז אויף די מענטשן צאָרניק

געוואָרן. ער האָט באַשלאָסן צו ברענגען דעם מבול. יעדעס לעבעדיקע וועזן אויסצומעקן פון דער ערד. דער גאָט פון די טיפענישן עאַ, וואָס איז אויך געזעסן אין ראָט פון די געטער, האָט אָבער מיטלייד געהאַט און ער האָט אין דער שטיל געזאָגט צו אוטנאַפּישטים, דעם זון פון אובאַראַ-טוטו, אַז ער זאָל בויען אַ גרויסע שיף, אין וועלכער ער זאָל מציל-זיין זיך און נאָך אַ סך באַשעפענישן.

דער מבול האָט זיך אָנגעהויבן. אַלצדינג איז פאַרפלייצט און דערטרונקען געוואָרן. די געטער אַליין האָבן אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאַרן מבול. זיי זענען אַרויפגעלאָפן אויפן הימל-באַרג אַנו. אישטאַר האָט געשריגן ווי אַ ווייב אין ווייען. די געטער האָבן געוויינט דערזעענדיק דאָס לייד, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט. נידערגעבויגן זענען זיי געזעסן, זיך געביסן די ליפּצן און געוויינט.

זעקס טעג און זעקס נעכט האָט געבושעוועט דער שטורעם. אוטנאַפּישטים, דער איינציק-איבערגעבליבענער מענטש איז מיט זיין שיף אַרומגעשווימען איבער די אָפּגרונטן. שפּעטער, ווען די וואַסערן האָבן נאָכגעלאָזט, איז ער געבליבן שטעקן אויפן באַרג ניסיר.

אוטנאַפּישטים מיט די באַשעפענישן זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּיבה. ער האָט געבראַנגט די געטער אַ קרבן אויפן באַרג ניסיר. די געטער האָבן דערשמעקט דעם דופט. ווי די פליגן האָבן זיי זיך צוזאַמענגעזאַמלט ביים קרבן.

ווען די האַרין פון די געטער איז צוגעקומען, האָט זי געזאָגט:

— בעל זאָל נישט קומען. אָן צו איבערלייגן האָט ער דעם מבול געבראַנגט און די מענטשן-קינדער פאַרדאָרבן.

דער גרויסער בעל אָבער איז דאָך געקומען. ער האָט דערזען די שיף און איז געוואָרן צאָרניק: „וואָסער לעבעדיק וועזן איז אַנטקומען? קיין מענטש זאָל לעבן בלייבן אין מיין שטראָף!״

ניניב, דער גאָט פון די שטרייטער האָט זיך פאַר מיר

אַנגעגומען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שיף, מיך און מיין ווייב אַרויסגעפירט אויפן לאַנד. מיר האָבן אַנידערגעקניט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אונזערע קעפּ און אַזוי האָט ער אונז געבענטשט:

— ביזאַהער איז אוטנאַפּישטים געווען אַ שטערבלעכער מענטש. איצטער זאָל ער גלייך זיין די געטער!

דאָס איז, אָ, גילגאַמעש (זאָגט ווייטער אוטנאַפּישטים), דער סוד פון מיין אייביק לעבן. דיך אָבער, — ווער פון די געטער וועט אויף דיר רחמנות־האָבן און דיר שענקען דאָסדאָזיקע, וואָס דו זוכסט? פונדעסטוועגן פּרוּוו נישט שלאָפן זעקס טעג און זעקס נעכט. ווייז דערמיט דאָס אין דיר איז פאַראַן די קראַפט זיך צו באַפרייען פון די געזעצן, וואָס לאַסטן אויף דיין מענטשלעכקייט.

קוים האָט זיך נאָר גילגאַמעש אַנידערגעזעצט, ווייעט אַ שלאָף איבער אים, ווי אַ שטאַרקער ווינט. אוטנאַפּישטים זאָגט צו איר, צו זיין ווייב:

— זע, דעם „שטאַרקן!" דאָס לעבן פאַרלאַנגט ער! דער שלאָף ווייעט אין אים ווי אַ ווינט.

אוטנאַפּישטימס ווייב ענטפערט:

— ריר אים אָן, זאָל ער וואַך ווערן! אויף דעם וועג ווו ער איז געקומען זאָל ער צוריקגיין. זאָל ער ווידער אַהיימקערן אין זיין לאַנד!

אוטנאַפּישטים רירט אים אָן און דער פרעמדער מאַן וואַכט־אויף. גילגאַמעש זאָגט:

— וואָס זאָל איך טון, אוטנאַפּישטים? וווּהין זאָל איך מיך ווענדן? דער שלאָף האָט מיך געפּאַקט ווי אַ רויבער. אין מיין שלאָף זיצט דער טויט. אין מיינע געמעכער און ווו נאָר איך בין זיצט ער, דער טויט!

אוטנאַפּישטים זאָגט צו אור־שאַנאַבי דעם שיפער:

— אור־שאַנאַבי, קיין שטערבלעכן מענטש זאָלסטו מיר מער נישט אַריבערברענגען, מעג ער אויך לעכצן צו מיינע ברעגעס. אַ שמוציק קלייד האָט דער מענטש, וואָס דו האָסט אַריבער־

געפירט, אויף זיין גוף. די פעל פון די חיות האָבן צוגענומען ביים מענטשלעכן גוף זיין שיינקייט. וואַש אים ריין אין די וואַסערן, אור-שאַנאַבי, מיט אַ פּראַכט-געוואַנד באַקלייד זיין נאַקעטקייט. ביז ער וועט ווידער אין זיין שטאָט צוריקקומען, זאָל ער דאָס קלייד טראָגן.

אור-שאַנאַבי האָט אים געפירט צו די וואַסערן, ער האָט אַזוי געטון ווי אוטנאַפּישטים האָט געהייסן. דאַן זענען זיי באַשטיגן די שיף. שוין ווילן זיי אָפּפאָרן. דאָ זאָגט זיין ווייב צו אים, צו אוטנאַפּישטים דעם וויטן:

— גילגאַמעש איז געגאַנגען, אַ סך האָט ער זיך אָפּגעמיט, פיל יסורים דערטראָגן. וואָס ווילסטו אים געבן, אַז ער זאָל גליקלעך אַהיימקומען?

אוטנאַפּישטים זאָגט צו אים, צו גילגאַמעש:

— דו ביסט געגאַנגען, גילגאַמעש, פיל האָסטו איבערגעטראָגן. וואָס זאָל איך דיר געבן? איך וויל דיר אַ סוד דערציילן, פון וווּנדער-קרייטעכץ וועל איך דיר דערציילן. דאָס קרייטעכץ וואַקסט טיף אונטן אין ים, זיין דאָרן שטעכט גיפטיק און עס בליט אין ווייטן זיס-וואַסער-ים. באַקומסטו דאָסדאָזיקע גראָז אין דיינע הענט און עסט דו דערפון, דאַן האָסטו געפונען די אייביקע יוגנט און לעבן.

גילגאַמעש הערט זיינע ווערטער, און זיי פאָרן ווייט אַוועק איבערן ים.

זיי זענען געקומען אין זיס-וואַסער-ים. גילגאַמעש וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס קלייד. שווערע שטיינער בינדט ער אָן ביי זיינע פיס. דידאָזיקע שטיינער ציען אים טיף אַראָפּ אין וועלט-ים. באַלד זעט ער דאָס קרייטעכץ גלייך אַ שטעך-דאָרן. ער נעמט עס און האַלט עס פעסט אין זיין האַנט. דאַן טויכט ער ווידער צוריק אַרויף אויף דער שיף מיט דער וווּנדער-בלום פון יוגנט אין די הענט.

גילגאַמעש זאָגט צו אור-שאַנאַבי דעם שיפער:

— אור-שאַנאַבי, אָט איז עס דאָס לעבן-קרייטעכץ. דער מענטשנס הייסע באַגערן ווערט דערפילט. די גאַנצע קראַפט פון

דער יוגנט ווערט פֿאַר אים דערהאַלטן. קיין אורוק וועל איך עס ברענגען, די אַרומגעמויערטע שטאָט. צווישן מיינע העלדן וועל איך עס צעטיילן, זאָלן מיינע מענטשן דאָס אייביקע לעבן דערלאַנגען.

צוואָנציק טאָפּלטע שעהן פֿאָרן זיי ווייטער. זיי זעען אַ שטיק לאַנד. גילגאַמעש קלייבט זיך אויס אַ טייך, קיל און פֿריש איז געווען זיין וואַסער. ער שטייגט־אַריין און באָדט זיך אין דער שיינער קילקייט. עס דערשמעקט אַ שלאַנג דעם דופט פֿון דעם קרייטעכץ. זי שלייכט צו און נעמט עס. גילגאַמעש קומט ווידער צוריק, און זיינע ליפּן ברעכן־אַרויס אַ קללה. גילגאַמעש זעצט זיך אַנידער און וויינט, איבער זיין פּנים רינען די טרערן, און אַזוי זאָגט ער צו אור־שאַנאַבי:

— פֿאַר וועמען, אור־שאַנאַבי, האָבן זיך געמיט מיינע אָרעמס? פֿאַר וועמען לאָז איך פֿליסן דאָס בלוט פֿון מיין האַרץ? פֿאַר דעם וואָרעם פֿון דער ערד? דאָס קרייטעכץ האָט מיך אָראָפּגעפֿירט אין די טיפֿענישן פֿון ים, פֿון איצטער אָן וועל איך מיידן די טיפֿענישן, פֿון איצטער אָן וועל איך גיין ביי־זייט פֿון די אָפּגרונטן.

און זיי קומען צוריק קיין אורוק די שטאָט.

גילגאַמעש זאָגט צו אור־שאַנאַבי:

— שטייג־אַרויף אויף דער מויער, אור־שאַנאַבי, אויף דער מויער פֿון אורוק, זע ווי הויך זי איז און ווי פֿעסט, זע אירע פּאַלאַצן און בוי־ווערק! די זיבן קלוגע מייסטער, מיינע יועצים, האָבן די פּלענער מיר פֿאָרגעלייגט. אַ גרונט־שטיק אין דער שטאָט וועל איך דיר געבן, אַ גאָרטן־לאַנד און אַ פֿרויען־געמאַך. דיר זאָל עס געהערן. בוי דיין הויז אין אורוק, אור־שאַנאַבי, בלייב ביי מיר, אָ, אור־שאַנאַבי! בלייב ביי מיר, דו מוטיקער שיפֿער!

און גילגאַמעש הערט־אויף צו זוכן דאָס לעבן, דעם וועג צו אוטנאַפּישטים. דעם שיפֿער אָבער, וואָס ווייסט דעם סוד פֿון אַריבערגיין — דאָס זיך אַליין מנצח־זיין — האָט ער ביי זיך באַהאַלטן.

גילגאַמעש געוועלטיקט אין אורוק די שטאָט מיט הויכע מויערן. זיין רו געפינט ער נישט. ער לאָזט צו זיך קומען די מכשפים און טויטן־באַשווערער.

— רופט מיר ענקידוס גייסט אַרויף! זאָגט מיר ווי איך קאָן ענקידוס שאָטן זען! איך וויל אים פרעגן אויף דעם שיקזאַל פון די טויטע.

דער עלטערער פון צווישן די מכשפים זאָגט:

— גילגאַמעש, ווען דו ווילסט אַראָפּנידערן אין דער אונטער־וועלט — אין דער וווינונג פון דעם גרויסן גאָט פון טויט — מוזסטו אין אַ שמוציק קלייד קומען. מיט פייגעם אייל דאַרפסט דו דיך נישט זאַלבן, דעם בויגן דאַרפסט דו נישט טראָגן, דעם סצעפּטער טאָרסטו נישט האַלטן אין דיין האַנט. גאַנץ שטיל מוזסטו גיין. דאָס ווייב, וואָס דו ליבסט דאַרפסטו נישט קושן, דאָס ווייב, וואָס דו האַסט דאַרפסטו נישט שלאָגן. אויב נישט, וועט דיר דאָס עלנט פון די מענטשן שטערן אונטער דער ערד.

גילגאַמעש וואַנדערט צו דער גרויסער מדבר, צו דער טיר פון דער אונטער־וועלט. ער קומט צו דער טרויעריקער וווינונג אירקאַלאַס. ווער ס׳גייט דאָרט אַריין, קומט נישט מער אַרויס. אַ וועג אָן אַן אומקער גייט ער (גילגאַמעש) צו דידאָזיקע, וואָס זענען נאָך בלויז שאָטנס. זייער נאַרונג איז ערד־שטויב, זייער שפּייז איז ליים. זיי זעען קיין ליכט נישט און זיצן אין דער פינסטערניש. מיט פעדערן זענען זיי באַקליידט און טראָגן פליגל ווי פייגל.

ער קלאַפּט ביים טויער און זאָגט צום שליסער:

— העי, שליסער, עפן דאָס טויער! איך וויל אַריינגיין. ווען דו וועסט דאָס טויער נישט אויפטון, צעהאַק איך די טיר, צעברעך איך דעם ריגל!

דער שליסער עפנט דאָס ערשטע טויער און נעמט אים אַראָפּ דעם מאַנטל. דורך זיבן טויערן פירט ער אים. אַלע קליידער נעמט ער אים אַראָפּ. נאַקעט זאָל ער אַריינקומען אין דעם מלכות פון די טויטע. ער טרעט פאַר דער געטין ערעשקיגאַל און רעדט:

— לאָז ענקידו, מיין פריינט, צו מיר קומען, וועגן דעם שיקזאַל פון די טויטע וועל איך אים פרעגן.

דער אויפזעער און צוריגלער פון דער געטין האַלט דעם טויטן פעסט. די געטין לאָזט אים נישט אַרויס. און אַזוי זאָגט ערעשקיגאַל צו גילגאַמעש:

— גיי ווידער צוריק! דו קאָנסט דעם טויטן נישט זען. קיינער האָט דיך נישט אַהערגערופן.

גילגאַמעש שטייגט-אַרויף. נעמט זיינע קליידער און טרעט דורך די זיבן טויערן. ער קומט צו אַ טיף וואַסער און בעט צו עאַ, דעם האַר פון די טיפענישן:

— שיק מיר ענקידוס שאָטן אַרויף! די אונטער-וועלט האַלט אים פעסט.

דער פאָטער פון די טיפענישן הערט זיין וואָרט און זאָגט צום געוואַלטיקן נערגאַל, דעם באַהערשער פון די טויטע.

— עפן מיר גלייך אַ לאָך אין דער ערד! פיר מיר ענקידוס גייסט אַרויף, זאָל ער מיט זיין ברודער גילגאַמעש רעדן.

ווי דער געוואַלטיקער נערגאַל האָט עס געהערט, עפנט ער גלייך אַ לאָך אין דער ערד און פירט אַרויף ענקידוס שאָטן. זיי דערקענען זיך ביידע און בלייבן זיך פון אַנאַנדער ווייט. זיי רעדן צווישן זיך. גילגאַמעש רופט, און ענטפער פליסטערט דער שאָטן. גילגאַמעש טוט זיין מויל אויף און זאָגט:

— רעד, מיין פריינט! רעד, מיין פריינט! דאָס געזעץ פון דער ערד, וואָס דו האָסט געזען, אַנטפלעק מיר איצט!

— איך קאָן עס דיר נישט זאָגן, פריינט, איך קאָן עס דיר נישט זאָגן. אַנטפלעק איך דיר דאָס געזעץ פון דער ערד, וועלכעס איך האָב געזען, וועסטו דיך אַוועקזעצן און וויינען.

— דאָס געזעץ פון דער ערד, מיין פריינט, וויל איך וויסן. דאָס געזעץ פון דער ערד וויל איך וויסן, ווען אַפילו איך וועל מיך דעריבער אַוועקזעצן אַלע טעג און וויינען.

— זע, דער פריינט, צו דעם דיין האַרץ זיך פריידט, גלייך אַן אַלט געוואַנד, פרעסן אים די ווערים. ענקידו, דער פריינט, וואָס דיין האַנט האָט אים באַריִרט, ווי ליים-ערד איז ער

געוואָרן, צו שטויב האָט ער אַראָפּגענידערט, שטויב איז ער געוואָרן.

גילגאַמעש וויל נאָך ווייטער פרעגן, דאָ אָבער פאַרשווינדט ענקידוס שאָטן.

גילגאַמעש קערט צוריק קיין אורוק, די שטאָט מיט די מויערן. הויך דערהייבט זיך דער טעמפּל אויפן הייליקן באַרג.

גילגאַמעש לייגט זיך שלאָפן. אין די הערלעכקייטן פון זיינע פּאַלאַצן פּאַקט אים דער טויט.

באַמערקונג:

די איבערזעצונג פון דעם עפּאָס האָב איך שטעלנווייז געמאַכט פריי. ס'איז מיר, נעמלעך, מער געגאַנגען אין אַרויסצייכענען דעם געדאַנקלעכן פאָדים. יענע, וואָס האָבן אינטערעס זיך נעענטער צו באַקענען מיטן טעקסט, געפינען אים אין די ביכער פון דער אַסיראָלאָגיע. כ'ווייז־אָן אויף דעם ווערק פון יענסען (דייטש) „Das Gilgamesch epos" שטראַסבורג 1906. אין „אינזעל פאַרלאַג" (לייפּציק) איז אויך דערשינען אַ פרייע איבערזעצונג פון זעלבן עפּאָס פון געאָרג ע. בורקהאַרדט.

דער בריוו צו נאָוואַטוס

לוציוס אַננעוס סענעקאַ, באַזיצער פון גרויסע לאַנד-גיטער, מיניסטער און הויף-מענטש ביי נעראָ, מַלוֶה-בּרבּית און סטאָאישער פילאָזאָף, אומקערנדיק זיך אַהיים פון די קייזערלעכע פּאַלאַצן אויפן פּאַלאַטין, האָט ער נאָך געהאַט צו טון אַ שפּאָרע צייט אויפן פאָרום. זינט סואיליוס האָט אים עפנטלעך באַשולדיקט אין פעלשן צוואות און אין נעמען גערוואַלטיק הויכע פּראָצענטער, האָבן אַ סך פון זיינע בעלי-חובות, אונטער דעם אויסרייד, אַז זייערע שטרות זענען געפעלשט, זיך געפּרוּווט אַרויסצודרייען פון זייערע התחייבותן. די באַשולדיקונגען פון סואיליוסן און די איבּריקע פיינט זיינע, האָט דער געטלעכער סענעקאַ אויפגענומען מיט עכט סטאָאישער נשמה-רויקייט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, ווי די אַטענער האָבן באַשולדיקט סאָקראַטעסן און ווי רויק סאָקראַטעס איז געשטאָרבן. דאַקעגן אָבער איז דער פילאָזאָף אַרויס פון זיין אינערלעך גלייכגעוויכט, וואָס איז שייך דער העסלעכער ערמה פון זיינע בעלי-חובות. אַ חוץ דעם וואָס דאָס האָט אים געדראָט מיט אַ גרויסן געלט-שאָדן (מ'מוז צוגעבן: דער געטלעכער סענעקאַ האָט זיינע שוואַכקייטן צום גאָלד געהאַלטן פאַר אַן אמתע קראַנקהייט און אומפאַרשטענדלעכע שטראָף פון די געטער), האָט ער זיך נאָך מיט אויפגעבראַכטקייט פאַרטראַכט ווי די פיל מענטשן, וואָס מ'זעט אויפן פאָרום און אין צירקוס זענען פול מיט שלעכטע מחשבות צו שאָדענען איינער דעם אַנדערן, און עס איז נישטאָ קיין פרידן אונטער די אַלע, וואָס טראָגן די טאָגאַ.

דער היינטיקער בעל-חוב זיינער, מיט וועלכן דער סטאָאיקער סענעקאַ האָט געהאַט געלט-סכסוכים אויפן פאָרום, איז געווען אַ הינקעדיקער פריי-געלאָזענער, דער גריך פּאַנדאַראָס. דער-

דאָזיקער פּאַנדאַראָס, מיט אַ באַזונדערער כיטרעקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שקלאַפן און קאַליקעס, האָט נישט בלויז נישט געוואָלט באַצאָלן די פּראָצענטער, נאָר ער האָט זיך זאָגאַר באַמיט צו באַווייזן, אַז די שטרות זיינע, וואָס געפינען זיך אינם באַזיץ פונם פילאָזאָף, זענען נישט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן. דער גריך האָט זיך פאַר סענעקאַן געבויגן מיט הינטישער הכנעה (נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער זעלבער האָט אויך געהאַט אַ באַדייטנדיק פאַרמעגן), אים געחנפעט, גערעדט שטיל, דערביי אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט באַצאָלן דעם חוב. סענעקאַ האָט אויף אים געקוקט מיט פאַראַכטונג, אָבער נישט אָן פילאָזאָפישער מיטלייד: ווי די נשמה פון אַ מענטש, וואָס איר מקור איז אין די העכסטע ספערן פון די פּלאַטאָנישע אידעען, קאָן דאָס אין דעם גוף פון אַ פּאַנדאַראָס דערנידעריקט ווערן צו אַזאַ שפלער מדרגה. די וועגן פון די געטער זענען וווּנדערלעך. ביי דעמדאָזיקן בעל־חוב איז סענעקאַ גראָד פאַרבליבן אין זיין גאַנצער זעלישער רויקייט. ער האָט געהאַט ביי זיך אין דער ביבליאָטעק אַ געשריפט, וואָס האָט מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט באַוויזן די התחייבותן פון דעם פריגעלאַזענעם פּאַנדאַראָס. דעריבער האָט דער פילאָזאָף סענעקאַ מיט פולשטענדיקער אָביעקטיוויטעט געקאָנט באַטראַכטן אַ יעדע באַוועגונג פון דערדאָזיקער קליינמוטיקער נשמה.

פון פאָרום איז ער געגאַנגען אַהיים.

ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, טריט־ביי־טריט; ער האָט געטראָגן אַן אַלטע אָפּגעריבענע טאָגאַ, מ'זאָל זען, אַז דאָס גייט נישט קיין רייכער מאַן און אַ מיניסטער, נאָר איינער וואָס ווייסט, אַז רייכקייט און כבוד איז פאַרגענגלעך, אייביק איז בלויז דער פילאָזאָפישער געדאַנק און דאָס רויקע געמיט. אַ שטילער באַשיידענער פילאָזאָף. דער מיניסטער און פילאָזאָף סענעקאַ איז איצט געווען אין דער גליקזעליקער שטימונג פון דעם וועלט־אָרימסטן סטאָיקער און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן שיקזאַל: ווי דורך אַן אומדערקלערבאַרע פיינטשאַפט צו דער פילאָזאָפיע, באַשווערט טיילמאָל דאָס שיקזאַל דאָס לעבן פון אַ פילאָזאָף מיט

לאַנד-גיטער און גאָלד; עס שמידט דעם פילאָזאָף מיט גאָלדענע קייטן ווי מען שמידט דעם געמיינסטן שקלאַף, און עס שטעלט זיך דערמיט ווי אַ מחיצה אויף דעם וועג, ווו עס גייט דער פילאָזאָף צו דער גרויסער רויקייט. ווען אונזער זענאָ איז געוווּיר געוואָרן, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן איז דערטרונקען געוואָרן אין ים, האָט ער געזאָגט: דאָס שיקזאַל וויל איך זאָל אומגעשטערט פילאָזאָפירן. ווי באַזיצלאָז עס זענען די געטער! — פליסטערט צו זיך סענעקאַ. זיי האָבן נישט קיין לאַנד-גיטער און גערטנער און נעמען נישט קיין וווּכער-צינזן אויפן פאָרום. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ געדראַנג פון שקלאַפן, וואָס האָבן באַגלייט אַ דיקן אין פורפור געקליידטן פאַטריציער, דעם באַקאַנטן קאַרגן קווינטוס מוציוס. אויפהייבנדיק די אויגן און קוקנדיק אַ ווײַלע אויף דעם געדראַנג אַרום מוציוסן, האָט ער גענומען באַטראַכטן די בונטע באַוועגונג אויף די רוימישע גאַסן און דערבײַ זיך דער-מאָנט ווי גליקלעך דיאָגענעס איז געווען אין זיין פאַס.

נאָך די פיל טעג עגמת-נפש פון זיינע בעלי-חובות, האָט דער היינטיקער טאָג נאָכן פאָרום, אָנגעהויבן צו ווערן פאַר סענעקאַן אַן אמתער טאָג פון אַ באַזיצלאָזן סטאָיִקער.

עס איז אים געקומען אויפן זינען זיין פריינט און תּלמיד נאָוואַטוס.

נאָוואַטוס, אַ יונגער און זייער רייכער רוימער, האָט געוווינט אויף דער צפון-גרענעץ פון איטאַליען, אין זיינע לאַנד-גיטער. נאָך זייענדיק אין רוים, האָט נאָוואַטוס געהאַט באַציונגען צו דער סטאָיִשער שולע און זיך באַפריינדעט מיט סענעקאַן. איצטער האָט נאָוואַטוס געלעבט אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט. זיין הויז אויס ווייסן מאַרמאָר איז געשטאַנען אויפן ברעג פון אַ שטילער און בלויער אָזיערע. ער האָט געלעבט אין גרויס רייכקייט און אַרומגערינגלט מיט שקלאַפן, וואָס האָבן אים באַדינט ווי אַ יונגן גאָט. אים איז פאַרמיאוסט געוואָרן זיין רייכקייט. ער האָט געלייענט ביכער, געטראַכט וועגן די פאַרגענגלעכקייטן פון דער וועלט און פון זעלבסט-איבערדריסיקייט געפייניקט זיינע שקלאַפן. יעדע מינדעסטע קליינקייט האָט אים אויפגעבּרויזט אין צאָרן.

דער יונגער סטאָיקער האָט נישט געהאַט קיין רויק געוויסן, און ער האָט זיך שריפטלעך באריכות געוואָנדן קיין רוים צו זיין מייסטער סענעקאַ, ער זאָל אים אַן עצה געבן ווי אַזוי בייצוקומען דידאָזיקע געמיינע מידה פון כעס. סענעקאַ האָט עס געהאַלטן פאַר אַ געוויסנס-חוב בייצושטיין זיינע פריינט, איבערהויפט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פילאָזאָפישע עצות. ער האָט דעריבער אין אַ דריי ביכער לאַנגער אָפּהאַנדלונג אַרומגערעדט די אַלע סיבות, וואָס ברענגען צו אָט-אָ דער שעדלעכער און העסלעכער מידה און אויך געשריבן פאַרשידענע מאָראַלישע עצות ווי אַזוי דעם צאָרן צו באַהערשן. דאָסדאָזיקע ווערק, געשריבן אַלס בריוו צו דעם יונגן נאָוואַטוס, האָט געזאָלט זיין נישט בלויז אַן ענטפער נאָוואַטוסן און אַן אומשטערבלעכער דענקמאָל פאַר אַלע דורות, נאָר סענעקאַ האָט זיך אויך אין דעמדאָזיקן בריוו באַמיט פאַר זיין אייגענער נשמה צו באַקומען אַ פעסטן אָנהאַלט. ער האָט אין אָט-אָ דעם ווערק געזען דעם שפּיגל פון זיין מאָראַלישן אני-מאמין. דאָרט האָט ער באַשריבן פאַרשידענע עפּיזאָדן פונם לעבן פון גרויסע מענער, כדי זייערע מעשים תמיד צו האָבן פאַר די אויגן. אין די מעשים פון גרויסע מענער זעען מיר ווי ווייט מ׳קאָן מיט זעעלן-רויקייט דערגרייכן. דער הייגטיקער זיג, וואָס דער פילאָזאָף סענעקאַ האָט געהאַט איבער זיינע אייגענע מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס איז שייך זיין בעל-חוב, דעם פרייגעלאָזענעם פאַנדאַראָס, האָט אים נאָך מער געשטאַרקט אין דער איבערצייגונג, אַז נאָר אַ דאַנק דער פילאָזאָפיע איז ער געבליבן אַזוי גלייכגילטיק און רויק צו דעם בייזוויליקן הינקעדיקן גריך. די פילאָזאָפיע איז אַ טרייסטנדיקע מוטער פאַר אירע קינדער, זי באַרויקט זייערע געמיטער. אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך נעראָס מיניסטער געפילט ווי אַ שטיל אומשולדיק קינד אין דעם שאָטן פון זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען. ער איז געווען האָפערדיק אין זיין וועלט-ביטול. נשמה-גרויסקייט געפינט זיך נישט ביי שלעכטע מענטשן. דיאָגענעס האָט ווי אַ חכם איבערגעטראָגן מיט געלאַסנקייט ווען עמיצער האָט אים אָנגע-שפּיגן אין פנים אַריין. ער האָט געזאָגט: איך בין נישט אין כעס.

ווען סענעקאַ האָט נאָך צוגעטראַכט עטלעכע וויכטיקע זאַכן, מיט וועלכע ער זאָל פאַרענדיקן זיין בריוו צו נאָוואַטוסן, האָט ער זיך געפונען פאַר זיין הויז.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס פאַרמעגן פון דעם סטאָיִקער האָט באַטראָפן דריי הונדערט מיליאָן סעסטערצן און זיין הויז אין רוים איז געווען פראַכטפול און רייך, איז דאָך דאָס אַרבעט-צימער סענעקאַס, די ביבליאָטעק זיינע, געווען זייער באַשיידן איינגעאָרדנט. אין זיין ביבליאָטעק האָט ער זיך געוואָלט זען נישט ווי קיין מאַן פון דער וועלט, דער באַרימטער, דער לערער, דער פריינט און מיניסטער פון נעראָ, נאָר ווי אַ פילאָזאָף, און ווי אַ פילאָזאָף האָט ער דאָרט געוואָלט לעבן. דער פילאָזאָף דאַרף פאַרלעבן נישט מער ווי אַ האַלבע סעסטערציע אַ טאָג, פלעגט סענעקאַ זאָגן, און הגם ער האָט דאָס לויט זיין פאַרמעגן און געזעלשאַפטלעכער שטעלונג נישט געקאָנט באַווייזן, האָט ער ווייניקסטנס אין דעם ביבליאָטעק-צימער, וווּ ער פלעגט פאַרברענגען איינזאַם מיט זיינע געדאַנקען, געוואָלט האָבן די אילוזיע, אַז ער איז נישט רייכער ווי סאָקראַטעס. דעריבער איז דאָס ביבליאָטעק-צימער סענעקאַס געווען אַזוי באַשיידן, אָן דעם מינדעסטן לוקסוס, יאָ, כמעט אָרים. מ׳האָט געפילט אין צימער בלויז דעם ריח פון שטויב און פון פאַרמעט. די ביכער-ראָלן זענען געלעגן אָנגעוואָרפן הויפנווייז איבער איינפאַכע שטיינערנע בענק און טישן, אַ סימן, דער פילאָזאָף האָט נישט געקויפט קיין ביכער גלאַט זיי אָנצוקוקן, ווי אַנדערע, וואָס קויפן זיך געמעלן און קאָרינטישע וואַזעס, נאָר ער האָט געזוכט אין די ביכער דעם רוף פון דער אייביקייט, דאָס רויקייט און גלייכגעוויכט פאַר זיין געמיט. אַזוי איז אויך דאָס ביבליאָטעק-צימער געווען ווייט אָפּגעלעגן פון אַלע אַנדערע חדרים אין הויז, כּדי עס זאָל נישט צוקומען דערצו דאָס מינדעסטע גערויש פון דער וועלט. אין מיטן דעם גרויסן רוים, צווישן זיינע רייכטימער און שקלאַפן, האָט דער מיניסטער סענעקאַ געלעבט אין זיין ביבליאָטעק-צימער ווי דיאָגענעס אין זיין פאַס. ווי קלוג זענען די, וואָס גייען אין די וועגן פון דער חכמה! דאָס איינציקע מעבל, וואָס דער

פילאָזאָף האָט באַנוצט אין אָט-אָ דעם צימער איז געווען נישט מער ווי אַ פּשוטער טיש און אַ מאַרמאָרנע שטול, אָן שום פאַרזירונגען און באַרעליעפן. יאָ, איין איינציק לוקסוס-שטיק האָט זיך געפונען אויף סענעקאַס אַרבעטס-טיש צווישן די פאַר שידענע ביכער-ראָלן און באַשריבענע פאַרמעטן, נעמלעך: די אייל-לאָמפ. זי איז געווען אויס בראָנז און האָט פאָרגעשטעלט ווייער אַ ראַפינירט-סטיליזירטן ציטרינען-בוים. קליינע אייל-שאָלן האָבן אַרומגעהאָנגען ווי אויסגערייפטע פרוכטן צווישן די בראָנזענע צווייגן און געהעמערטע בלעטער. אונטערן שטאַם, אין הויך-געוואַקסענעם גראָז האָט נאָך דער קינסטלער פאָרגעשטעלט אַ ליבע-שפיל צווישן אַ קליינעם אַמאָר מיט דריי נאַקעטע נימפעס. דאָסדאָזיקע איינציקע לוקסוס-שטיק האָט סענעקאַ געהאַלטן אין זיין ביבליאָטעק נישט דערפאַר, אַז זיין אויג זאָל דערויף קוקן און הנאה-האָבן, נאָר גראָד אינם עראָטישן שפיל צווישן דעם אַמאָר מיט די נימפעס האָט ער, סענעקאַ, דער סטאָיִקער, אין דער איינזאַמקייט פון זיינע געדאַנקען תמיד געוואָלט האָבן פאַר זיך נישט בלויז די שוואַכקייטן פון די מענטשן, נאָר אויך די שוואַכקייטן פון די געטער.

ער איז איצטער מיט שטילע און פאַמעלעכע טריט אַריינגעקומען אין זיין ביבליאָטעק-צימער, פעסט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און צוזאַמענגערוקט די פאָרהאַנג איבער איר, כדי זיך פולקום אָפּצושליסן פון דער וועלט. דער קאָפּ זיינער איז פול געווען מיט דערהויבענע געדאַנקען, פול געמיט, פול אינערלעכער רויקייט. די שענסטע פון אָט-אָ די געדאַנקען האָט ער בדעה געהאַט אַריינצופלעכטן אין דעם סוף פון זיין בריוו צו באָוואַטוסן. דער בריוו קעגן צאָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון די טאַשן פון זיין טאָגאַ אַ קליין בענדל שריפטן פון דעם אומשטערבלעכן עפּיקור, וואָס ער פלעגט עס תמיד ביי זיך אַרומטראָגן און ווו ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן סיי בעת ער פלעגט שרייבן זיינע פילאָזאָפישע און מאָראַלישע טראַקטאַטן, און זאָגאַר סיי ווען ער איז געזעסן צוזאַמען מיט נעראָן און בערעדט וועגן פאַרשידענע הויפישע און מלוכהשע ענינים.

סענעקאַ האָט אויך אין זיין אַרבעט אַלס נעראָס הויף-מיניסטער נישט פאַרגעסן די נשמה, דער אומשטערבלעכער טייל אינם מענטש! ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן דעם גריך פאַנדאַראָס און האָט זיך מיישב געווען, אַז איידער ער זעצט זיך שרייבן וואָלט גלייכער געווען נאָך אַמאָל איבערצוקוקן דאָס געשריפט, וואָס ווייזט אַזוי אומצווייַדייטיק די התחייבותן פון אַט דעם פריי-געלאָזענעם. סענעקאַ האָט בדעה געהאַט אַט-אָ דאָס זייער וויכ-טיקע געשריפט איינצוּוויקלען אין זיין ליבלינגס-בוך פון עפיקור, כדי עס צו האָבן ביי זיך מאָרגן אויפן פאָרום. מיט דערדאָזיקער טאַט האָט זיך דער פילאָזאָף געוואָלט פולשטענדיק אָפּשליסן פון אַלע זיינע געלט-זאָרגן. ער האָט געוואָלט שרייבן צו זיין תלמיד באָוואַטוס אין אַ שטימונג פון זעעליש גלייכגעוויכט. וואָרים די טוגנט אַליין שטייט הויך און דערהויבן און גאָרנישט איז גרויס, וואָס עס איז נישט צוגלייך רויק און ליידנשאַפּטלאָז.

בנעימות האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שטול און אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן צווישן די פאַרמעטן און די ביכער, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף זיין טיש. באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. דאָס בלאַסלעך-אַסקעטישע פּנים זיינס איז פּלוצלינג פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט.

דאָס געשריפט איז נישט געווען.

זייער נערוועז מיט ביידע הענט האָט ער אַרומגענישטערט אין די הויפנס פון פאַרמעטן. פון אָרט צו אָרט האָט ער זיי געוואָרפן, וואָס אַמאָל אומרויקער. ער האָט זיך אַ ביס-געטון אויף די ליפן. די פאַרב פון זיין פּנים האָט זיך איצטער כסדר געביטן, דאָ בלאַס, דאָ רויט.

ער האָט אַ שטאַרקן פּאַטש-געטון אין די הענט.

די טיר פון סענעקאַס ביבליאָטעק האָט זיך ראַש, דערביי זייער שטיל געעפנט, אַ שקלאַף איז געקומען אָנצולויפן אויף די שפּיץ-נעגל, טיף זיך פאַרבויגן און געוואַרט אויף אַ באַפעל.

— ווער האָט דאָ פון טיש אַראָפּגענומען אַ באַשריבענעם פאַרמעט?! — איז סענעקאַ אַרויס מיט אַ געשריי, די קינבאַקן פון זיין לענגלעך פּנים און די קאַלך-ווייסע ליפּן האָבן ביי אים געציטערט.

די געשטאַלט פונם שקלאַף איז געוואָרן ווי איינגעשרומפּן, ער האָט געוווּסט, אַז עס איז נישט קיין שפּיל, ווען דער גרויסער סענעקאַ געפינט זיך אין אַזאַ מעמד.

— איך ווייס נישט... — האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט דער שקלאַף.

דער פילאָזאָף האָט זיך נאָך העכער צעשריגן, ער האָט געהאַקט מיט ביידע הענט אין די הויפנס פון ביכער־ראָלן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש.

— דו הונט דו, דער הינקעדיקער פּאַנדאַראָס האָט דיך אונטערגעקויפט, דו זאָלסט אים אַרויסגעבן דאָס שטיק פּאַרמעט. אַזאַ געלט־שאָדן! — האָט ער געשריגן, — אַלע זענט איר איין כנופיא, איר געמיינע שקלאַפן־באַנדע.

דער שקלאַף האָט געשטאַמלט:

— איך קאָן נישט קיין שום פּאַנדאַראָס, געטלעכער האַר...

דער פילאָזאָף האָט וואָס אַמאָל רציחהדיקער געהאַקט מיט די הענט אין טיש אַריין, זיינע בלייכע אויסגעטרוקנטע לעפצן האָבן זיך באַגאָסן מיט שוים. — גיב־אָפּ דאָס שטיק פּאַרמעט, דו הונט דו, — האָט סענעקאַ אַרויסגעקייכט.

דער שקלאַף האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס:

— איך בין אומשולדיק, געטלעכער האַר...

— דו רעדסט מיר נאָך אַקעגן!? — האָט דער פילאָזאָף אויסגעשריגן נישט מיט זיין קול. ער האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט די בראָנזענע אייל־לאָמפּ, וואָס אויפן טיש און מיט אַלע זיינע כוחות זי אַ שליידער־געטון אויפן שקלאַף.

ס׳האָט זיך געהערט אַ שווערער קלאַפּ. דאָס קונסט־ווערק איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער מאָזאַיִק־פּאָדלאָגע פונם ביבליאָטעק־צימער. דער שקלאַף האָט זיך געטון אַ וואַקל און איז אומגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ נעבן דעם קונסט־ווערק. דער קאָפּ־שאַרבן זיינער איז געווען צעהאַקט. אַ שטראָם בלוט אויסגעמישט מיט מאַרך איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם צעהאַקטן קאָפּ. דער שקלאַף האָט זיך געוואָרפן אויף דער מאָזאַיִק־פּאָדלאָגע ווי אַ געשחטן קאַלב. אינם

קונסט-ווערק האָט זיך בלויז אַ קליין אייל-שאָלעכל אָפּגעבראָכן, און דער אַמאָר האָט זיך אַ ביסל אַוועקגעבויגן אין דער זייט.

סענעקאַ האָט נאָך אַ קליינע ווילע אַרומגעוואָרפן די ביכער און די פּאַרמעטן, דאַן האָט ער מיט אַמאָל אויפגעשמייכלט.

אויף דעם אָרט, וווּ ס׳איז געשטאַנען די בראָנזענע אייל-לאָמפּ איז געלעגן דאָס געזוכטע שטיק פּאַרמעט.

טיף אָפּטעמענדיק האָט ער זיך אַנידערגעלאָזט אויף דער מאַרמאָרנער שטול ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט. מיט ביידע הענט זיינע, וואָס האָבן נאָך לייכט געציטערט, האָט ער אָנגענומען דעם געזוכטן פּאַרמעט און אים געלייענט.

ער האָט וואָס אַמאָל אַ דערלייכטערטער געשמייכלט און כסדר געלייענט אין דעם פּאַרמעט.

פּלוצלינג האָט ער אַפּערגעהויבן די אויגן פונם געשריפט און באַמערקט דעם געממיתטן שקלאַף. דער שקלאַף איז געלעגן איצט רויק, ער האָט נאָר קוים נאָך באַוועגט מיט די פיס.

דער פילאָזאָף האָט געטון עטלעכע מאָל אַ פּאַטש מיט די הענט.

צוויי שקלאַפן זענען שטיל אַריינגעקומען צו לויפן. זיי האָבן זיך טיף פאַרנויגט און געוואַרט.

— נעמט אים אַרויס, — האָט דער פילאָזאָף באַפוילן. ער האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף זיי, נאָר ער האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פנים כסדר באַקוקט דאָס געשריפט.

די שקלאַפן האָבן אויפגעכאַפּט דעם געממיתטן פון דר׳ערד און אים שטיל אַרויסגעטראָגן פונם ביבליאָטעק-צימער.

דער פילאָזאָף האָט פאַמעלעך צוזאַמענגעוויקלט דעם פּאַרמעט און אים אַריינגעשטעקט אין דעם בענדל שריפטן פון געטלעכן עפּיקור. דאַן האָט ער זיך גלייכגעזעצט אויף דער שטול, האָט זיך פאַרטראַכט און זיך גענומען שרייבן דעם סוף אין זיין בריוו צו נאָוואַטוסן.

צווישן די פאַרשידענע עפּיזאָדן פון לעבן פון גרויסע מענער, וואָס סענעקאַ האָט דאָרט אַריינגעשריבן, און צווישן די פאַרשידענע דערהויבענע געדאַנקען, האָט ער זיך באַזונדער

אָפּגעשטעלט אויף דעם פֿאָלגנדיקן געדאַנק (ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אומשטערבלעך):

— קיין זאַך באַווייזט נישט אַזוי דעם גייסט פֿון אַ מענטש, — שרייבט ער צו נאָוואַטוסן, — ווי אין אַלע געשעענישן פֿון לעבן צו בלייבן רויק. אין די רעגיאָנען פֿון די שטערן איז נישטאָ קיין שטורעם און קיין ווירבל-ווינטן. דאָרט הערשט פֿולקומענע רויקייט.

אינהאַלט:

זייט

דער פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים

ערשט בילד 5

צווייט " 27

דריט " 61

פערט " 85

סימפּאָזיאָן 99

אַבערגלויבן 117

ערשט קאַפּיטל 121

צווייט " 125

דריט " 135

פערט " 150

גילגאַמעש 163

דער בריוו צו נאָוואַטוסן 191

ווערק פון י. י. טרונק:

פון דער נאַטור. נאָוועלן.

פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען.

די וועלט אַ חלום. עסייס.

„דאָריאַן גריי". אָפּהאַנדלונג וועגן קונסט און ווירקלעכקייט.

מידע. נאָוועלן.

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם איי דער יידישער ליטעראַטור. מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. וואַנווילד.

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט. (ה. ד. נאָמבערג)

פרווון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק.